STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07811

TROYMER FUN DER GHETO [DREAMERS OF THEGHETTO]

Israel Zangwill

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טרוימער פון דער גהעטא

Samuel Farb

פון

ישראל זאנגוויל.

פערפאסער פון
„קינדער פון דער גהעטאָ",
„דער קעניג פון די שנאָרער", א. ז. וו.

צווייטער טהייל.

איבערזעצט פון א. פרומקין.

לאָנדאָן,

ב. רודערמאַן,

71 הענבורי סטריט, איסט.

1910.

געדרוקט ביי י. נאַראָדיצקי, 48 מייל ענד רד.

I.

מימון דער נאר און נתן דער חכם.

מימון דער נאַר און נתן דער חכם.

I.

פֿרעהליכע בירגער פֿון בערלין, אָנגעטהאָן אין זייערע בעסטע זונטאָג־קליידער, האָבען זיך געצויגען מחנות־ווייז דורך דעם ראָזענטהאַלער טויער. ס'איז געווען אַ קיהלער אָבענד אין אויגוסט, און זיי האָבען זיך אַרויסגעלאָזט אויף זייער געוועהנליכען שפּאַציר אין יענער אומגעגענד. כמעט יעדער איינער פֿון די פֿערבייגעהער האָט בעמערקט די אָבגעריסענע, טראַנטעוואַטע געשטאַלט פֿון אַ יונגען מאַן, וואָס איז דאָרט געלעגען. זיין באָרד איז געווען לאַנג און שמוציג. קלאָגענדיג און זיך דרעהענדיג פֿאַר שמערץ, איז ער געלעגען גראָד ביים טויער. אָבער בלויז געצעהלטע עטליכע האָבען געפֿרעגט, וואָס איהם פֿעהלט.

ער האָט געענטפֿערט אין אַ מאָדנעם מיש-מאַש פֿון פֿערשיעדענע זשאַרגאָנען. זיינע געדאַנקען זיינען אַרויסגעקומען מורא'דיג צוקאַליעטשעט דורך די העברעאישע, אידיש־דייטשע, פּוילישע און רוסישע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט זיך בענוצט, און נאָך מעהר דורך זיין פֿערשטיקטעם שלוכצען און זיפֿצען. איין גוטע, באַרמהאַרציגע נשמה נאָך דער אַנדערער האָט זיך אָבגעקעהרט פֿון איהם, ניט וויסענדיג ווי אַזוי איהם צו העלפֿען. דאָס האַרטע, קיילעכדיג צונויפֿגעוויקעלטע העברעאישע מאַנוסקריפּט, וואָס דאָס שוואַרצע, ניט־געקעמטע וועזען האָט געהאַלטען פֿעסט אַרומגענומען מיט דער האַנד, איז נאָך שמוציגער געוואָרען פֿון זיינע טרעהרען. די וואַכלייט ביים טויער האָבען איהם בעטראַכט מיט סאָלדאַטסקער קאַלטבליטיגקייט.

נור דאָס האַרץ פֿון דעם אונגליקליכען האָט געפֿיהלט זיין אייגענע ביטערקייט, נור אָט די מיט טרעהרען אָנגעפֿילטע אויגען האָבען געזעהן די טרויעריגע פּאַנאָראַמאַ פֿון אַן אָרימען אידען'ס קאַמפּף פֿאַר קולטור. וואָרים ערצויגען אין אַן איינגען גלויבען, האָט ער געטרוימט דעם טרוים פֿון ערקענטניס. וויסען — וויסען — דאָס איז געווען די ליידענשאַפֿט, וועלכע

האָט איהם פערצעהרט: צו פערשטעהן די בעדייטונג פון'ם לעבען און די סבה פון יעטוועדער זאַך.

ער האָט זיך צוריק געזעהן אַלס קינד אין פוילען, אין יענע פערהעלטניסמעסיג גליקליכע טעג, אָנגעטהאָן אין זיין קליינער ווידענער קאַפאָטקע. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ער האָט דערצאָרענט דעם פאָטער זיינעם מיט אַ קשיא ביי דעם סאַמע ערשטען פסוק פון חומש, וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען לערנען צוזאַמען, ווען ער איז אַלט געווען זעקס יאָהר. מעהר ווי איין פאַטש האָט ער דאַן געקריגען צוליעב זיין שאַרפען שכל. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע ערשטע פערזוכען נאָכצומאַכען מיט קרייד אָדער קויהל די בילדער פון פייגעל און בלומען, וואָס ער האָט צו זיין גרויסער פרייד געפונען אויף די שער־בלעטער פון אַלטע, לשון־קודש'דיגע ספרים; ווי ער פלעגט זיך פער'גנב'ענען אין דעם ליידיג־שטעהענדען, ניט־מעבעלירטען פריצישען הויז און אָבקאָפּירען די פיגורען פון די טאַפּעטען. אין רעכטען מיטען ווינטער פלעגט ער דאָרט שטעהן, האַלב דערפרוירען, אין איין האַנד דאָס פאַפּיער, אין דער צווייטער די בליי־פעדער. אָט דער קונסט־ענטהוזיאַזם, ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער האָט אַרויסגערופען בעוואונדערונג ביי יעדען איינעם, האָט אָבער געפונען אַ שטרייגען געגנער אין דעם פאָטער, וועלכער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ צו מאַכען פון זיין זוהן אַ רב. פאַר אַ קינד, וואָס האָט ניט קיין שום אינטערעס אין אַזעלכע זאַכען ווי הלכות גטין, אָדער די אָבהאַנדלונג וועגען דער פרה אדומה, וויפיעל ווייסע האָר, למשל, זי האָט געמעגט האָבען, — זיינען די שרעקליך טרוקענע פלפולים פון דער גמרא, פערשטעהט זיך, געווען לאַנגווייליג גענוג; און ווי גערן פלעגט ער דאָס פערבייטען אָט די למודים פאַר דעם טייערן אוצר פון העברעאישע וויסענשאַפטליכע און היסטאָרישע ביכער, וואָס ער האָט ענטדעקט אין אַן אַלטער שאַפע ביי זיין פאָטער אין אַרבייטס־צימער, און איבער וועלכע ער פלעגט אין געהיים אָבליגען גאַנצע נעכט! צו דעם דאָזיגען צימער, וואָס האָט אין דערזעלבער צייט אויך געדיענט אַלס שלאָף־שטוב פאַר'ן קינד און פאַר זיין באָבען, האָבען זיך אַצונד אומגעקעהרט דעם יונגען מאַן'ס געדאַנקען. פאַר זיינע אויגען איז געשטאַנען דאָס בילד פון דעם אונשולדיגען קליינעם נפש'ל, ווי עס ליגט דאָרט און גריבעלט זיך אין די דיקע ספרים ביי אַ פלאַקערענדען ליכט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, און דערביי האָט זיך דאָס דאָזיגע בינטעל שמאַטעס גענומען הויבען נאָך שטאַרקער און קראַמפּפהאַפטער. וויפיעל שפּאַס האָט עס איהם געמאַכט, נאָכדעם ווי זיין באָבע פלעגט געהן שלאָפען, צו צולייגען האָלץ אין אויווען און זיך אָבגעבען מיט דער אַסטראָנאָמישער

אַבהאַנדלונג, ניט קוקענדיג אויף דער מורמלעריי פֿון דער אָרעמער, אַלטער פֿרוי, וועלכע האָט אַזוי געפּרווירען, ווייל ער איז נאָך ניט געלעגען לעבען איהר. יאָ, דער איינזאַמער, קליינער חברה־מאַן איז ווירקליך געווען אין זיבעטען הימעל, ווען ער פֿלעגט אַרומוואַנדערען אין די הימעלס־קרייזען — בעהאַלטענערהייט, וואָס דאָס האָט די זאַך געמאַכט אַסך זיסער און רייצפֿולער. אָבער אָט די „אַרמילאַר־ספֿערע", פֿאַרשטעלענדיג דעם הימעל און די בעוועגונג פֿון די שטערן, און וועלכע ער האָט זיך אַליין אַזוי געשיקט געמאַכט פֿון געפֿלאָכטענע ריטער, האָט צושטערט די דאָזיגע פֿרייד: זיין באָבע, וועלכע האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, דערזעהענדיג ווי דאָס קינד איז אַריינגעטהאָן אין דער דאָזיגער מיסטישער פֿלעכטעריי, האָט דערצעהלט דעם פֿאָטער מכח דעם מאַגישען אינסטרומענט.

אַנדערע עפּיזאָדען זיינען איהם אַרויפֿגעקומען אויף'ן זינען: ווי אַזוי ער האָט ווייטער אַלץ מעהר און מעהר געשטרעבט צו קענטנים און וויסען, ניט קוקענדיג אויף די קלעפּ, וואָס ער פֿלעגט אַזוי אָפֿט קריגען פֿון זיינע מלמדים; אפילו זיין חתונה צו עלף יאָהר האָט איהם אויך נור ווייניג וואָס געשטערט אין דעם. וואָס פֿאַר אַן אונבעשרייבליכען תענוג, וואָס פֿאַר אַ זעלטענע ענטציקונג האָט ער געפֿיהלט, לייענענדיג דאָס ערשטע מאָל דאָס ווערק פֿון דעם רמב"ם! פֿון דעם „מורה נבוכים" (וועג־ווייזער פֿון די פֿערבלאָנדזשעטע) האָט דער באמת בלאָנדזשענדער אינגעל אַרויסגעזויגען גרינדע פֿאַר דעם אידישען פֿייער, מיט וועלכען ער איז געווען דורכגעדרונגען. ווי האָט ער דאָס פֿערעהרט דעם גרויסען מיטעלאַלטערליכען דיינקער, בעטראַכטענדיג איהם אַלס דעם אידעאַל פֿון אַ מענשען, דעם אויסערוועהלטסטען פֿון אַלע לעהרער! האָט ער ניט זאָגאַר איבערגעביטען זיין אייגענעם נאָמען אויף מ י מ ו ן, נעהמענדיג זיין גרויסען לעהרער אַלס מוסטער פֿאַר זיין לעבען! לויטעט ניט זאָגאַר איצט זיין שבועה ביי יעדען נסיון: „איך שווער ביי דעם רעספּעקט, וואָס איך בין שולדיג מיין גרויסען לעהרער, רבי משה בן מימון (רמב"ם), ניט צו טהאָן אַזוי"?

אָבער זאָגאַר דער רמב"ם איז ניט אימשטאַנד געווען צו שטילען זיין דורשט נאָך וויסען. דער רמב"ם איז געווען אַ נאָכפֿאָלגער פֿון דעם גריכישען פֿילאָזאָף אַ ר י ס ט אָ ט ע ל, און דער אינגעל האָט געהאַט אַ ברענענדען חשק צו טרינקען פֿון דעם אור־קוואַל. ער האָט געוואַנדערט הונדערט פֿופֿציג מייל, כדי צו געפֿינען אַן אַלטען העברעאישען ספר איבער אַריסטאָטעל'ס פֿילאָזאָפֿיע. אָבער העברעאיש איז ניט געווען גענוג; די אונגעהייער גרויסע וועלט פֿון וויסען מוז אַוודאי ליגען אין אַנדערע שפּראַכען. נאָר זיך אויסלערנען אַן אַנדער שפּראַך, האָט געהייסען אַ פֿעראונרייניגונג,

אַ בעפֿלעקונג פֿאַר אַ אידען; ווידער לערנען אַ אידען אַן אַנדער שפּראַך האָט געהייסען אַ פֿעראונרייניגונג פֿאַר אַ קריסט.

ער האָט זיך שוין גאָר געהאַט פֿערגעסען אָן די דאָזיגע ערשטע שווערע טריט זיינע, נאָכדעם ווי ער האָט עס געבראַכט אַזוי ווייט צו פֿער-שטעהן אָהן שוויריגקייטען דייטשע און לאַטיינישע ביכער; נאָר איצט אין די שרעקליכע מאַטערנישען פֿון זיין זעעלע זיינען זיי איהם ווידער אַרויף אויף׳ן זינען, כדי פֿון איהם חווק צו מאַכען. אָט די פֿרעמדע אלף בית׳ן האָט ער זיך אויסגעלערענט דורך דעם, וואָס ער האָט אין אַ טהייל העברעאישע ביכער בעמערקט, אַז ווען די דרוקער האָבען אויסגעניצט אַלע אותיות פֿון דעם העברעאישען אלף בית צו בעצייכענען זייערע בויגענס, האָבען זיי זיך בענוצט מיט אַנדערע, פֿרעמדע אלף בית׳ן. וואָס פֿאַר אַ פֿרייד איז דאָס געווען פֿאַר איהם, ווען ער האָט מיט הילף פֿון זיין אידישען זשאַרגאָן גע-קענט אַרויסקריגען דעם אינהאַלט פֿון עטליכע צוריסענע בלעטער פֿון אַן אַלטען דייטשען בוך, וואָס איז איהם צופֿעליג אַריינגעפֿאַלען אין די הענד!

אין זיין זכרון איז פּלוצלינג אַרויפֿגעשוואומען אַן אַנדער בילד — די קרעטשמע, וואו ער איז אַמאָל געווען אָנגעשטעלט אַלס הויז-מלמד. ער האָט זיך ווידער געזעהן, זיצענדיג דאָרט און לערנענדיג אין אַ צוריסענעם חומש מיט אַ האַלב-נאַקעטען, פֿערווילדעטען בחור, וואָס איז געזעסען פֿעררוקט הינ-טער׳ן אויווען. ס׳איז געווען אַ פֿעררויכערט צימער, פֿול מיט מוזשיקעס, וואָס זיינען געזעסען אויף דער ערד און געטרונקען בראַנפֿען, אָדער מיט שכור׳ע רוסישע סאָלדאַטען, וועלכע פֿלעגען צוברעכען די בעטען אָדער וואַרפֿען די גלעזער דעם בעל הבית און זיין פֿרוי אין פּנים אַריין. אָרעמע פּוילישע אידען, וואָס איהר זייט פֿערפֿלוכט צו אָרעמקייט און טיראַניי! קען מען דען אין אַזאַ מין היים פֿאַראיבעל האָבען אויף דעם, וואָס סטאַרעט זיך צו דערטרינ-קען די צרות אין בראַנפֿען? אַחוץ דעם, אַז מען קריגט ניט מעהר ווי פֿינף טהאָלער שכר למוד, זאָל מען זיך אָבזאָגען פֿון אַ שנעפּסעל און דערגלייכען?

און דאַן איז אין זיין געדאַנק אַרויפֿגעקומען אַן אַנדער היים מיט איין איינציגען צימער, וואו אַ יונגער מענש מיט זיינע אויגען און זיינע האָר פֿלעגט זיצען גאַנצע נעכט און זיך גריבלען אין קבלה-ספרים; און דאָס האָט פֿערשאַפֿט גרויסע אונבעקוועמליכקייט דעם יונגען, נאָר וואָס פֿערהיי-ראַטען רבי׳ן זיינעם, וועלכער האָט זיך אונטערנומען איהם אַריינצופֿיהרען אין די סודות פֿון דער דאָזיגער לעהרע. דאָס איז געווען זיין קאַבאַליסטישע פּאַזע, ווען ער האָט געטרוימט פֿון בעשווערונגען, פֿון צויבערייען און פֿון דער הערשאַפֿט איבער דעם נ אָ מ ע ן. אַ פֿערביסענער שמייכעל האָט זיך אַריבערגעצויגען איבער זיינע ליפּען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי

דער אָרעמער רבי און זיין שעהן ווייבעל האָבען איהם פֿריהער אומזיסט געגעבען אַלערליי אָנצוהערענישען, דערנאָך איהם אַנטליהען די טייערע ספרים, אַבי פטור צו ווערן פֿון זיין שטענדיגען ביינאַכטיגען אויף־זיין ביי זיי אין שטוב; און דער שמייבעל איז פֿערבליבען אַ ווילע אויף זיינע ליפען, ווען ער האָט זיך עראינערט אָן זיינע אייגענע קלעגליכע פֿערזוכען, צו ברייגען מיט געוואַלד דאָס איבערנאַטירליכע, דורך קאַבאַליסטישע בעשווע־רונגען אָדער דורך דעם עקסטאַז, דורך'ן פֿערטיפֿען זיך אין די תפלות, וואָס ער האָט שפּעטער געלערענט פֿון די חסידים.

יאָ, ער האָט באַלד אויסגעפֿונען, אַז אָט דער גאַנצער קאַבאַליסטישער מיסטיציזם איז בלויז אַ פֿערזוך, צו געבען אַ וויסענשאַפֿטליכע ערקלעהרונג פֿון דעם לעבען, פֿערקליידט אין פֿאַבעלען און משלים. אָבער וואָס מעהר פֿער־נונפֿט ער האָט צוגעגעבען דער קבלה, אַלץ שטאַרקער האָט ער אויפֿגערעגט די אָרטיגע מקובלים, וועלכע האָבען בשום אופן ניט געוואָלט, אַז זייער „געטליכע וויסענשאַפֿט" זאָל אַרונטערגעזעצט ווערן צו איינפֿאַכע „פֿערנונפֿט". און אַזוי, אויסגעניכטערט פֿון זיינע טרוימערייען, האָט ער זיך גענומען צו „מענשליכע וויסענשאַפֿט", און אין רעכטען מיטען ווינטער האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ווייטען וועג, כדי ערגעץ־וואו אויסצובאָרגען עטליכע אַלטע ביכער איבער אָפטיק און פֿיזיק און כדי זיך צו פֿערשאַפֿען נאָך מעהר שונאים דורך זיין אויפֿדרינגליכער וויסענשאַפֿט מכח דעם, ווי אַזוי דער טוי און דער בליץ ענטשטעהען. ערשט ווען ער האָט זיך אונטערנומען צו היילען קראַנקהייטען — זיך שטיצענדיג אויף אַ בוך מיט אַנאַטאָמישע טאַבליצעס און אויף אַ מעדיצינישען ווערטער־בוך — ערשט דאַן האָט ער אויסגעפֿונען די טיעפֿענישען פֿון זיין אונוויסענהייט, דערגרייכענדיג בלויז די היילונג פֿון זיין אייגענער איינבילדונג. און דאַן איז דאָס געווען, ווען דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבען אויפֿשיינען פֿאַר זיינע אויגען — אַ גרויס, וואונדערבאַר לאַנד, וואו עס הערשט די וואַהרהייט און וואו דאָס יודענטהום איז פֿרייער און גרעסער. יאָ, ער וועט זיך אַוועקלאָזען קיין דייטשלאַנד שטודירען מעדיצין און אַנטלויפֿען פֿון דער דאָזיגער שטיקענדער אַטמאָספֿערע.

דאָס שלוכצען, וואָס האָט ביסלאַכווייז נאָכגעלאָזט, האָט זיך איצט, ביי דעם געדאַנק מכח אָט דער שרעקליכער רייזע, פֿון דאָס ניי צושפּיעלט. אַפֿריהער זיין אַריבערפֿאָהרען קיין קעניגסבערג, וואָס ער האָט געהאַט צו פֿערדאַנקען בלויז די גוטהאַרציגקייט פֿון אַ פֿרומען סוחר; דערנאָך די רייזע קיין שטעטין, צו וועלכער עטליכע יונגע אידישע סטודענטען האָבען איהם געגעבען די מיטלען. תחילת האָבען זיי געלאַכט פֿון זיין לעבערליכער אויס־שפּראַכע, פֿאָרלעזענדיג העררמענדעלזאָהן'ס „פֿעדאָן" — די ליטעראַרישע

סענזאַציע פֿון טאָג, וועלכע האָט צוטומעלט די מוחות פֿון די וואָלטעריאַנער—, אָבער דערנאָך זיינען זיי איינפֿאַך נשתומם געוואָרען צו זעהן, ווי ער האָט דאָס ווערק איבערזעצט אין אַן אויסגעצייכענטען, עלעגאַנטען העברעאיש, און אַלע ווי איין מאַן האָבען זיי איהם געראַטהען צו פֿאָהרען קיין בערלין. אַך, וואָס פֿאַר אַ נסיעה! שלעכטע ווינדען האָבען די ים־רייזע פֿערלענגערט פֿון צוויי אויף פֿינף וואָכען. דער איינציגער פּאַסאַזשיר אַחוץ איהם איז געווען אַן אַלטע פֿרוי, וועלכע האָט געהאַלטען אין איין טרייסטען זיך מיט תחינות און קאַפּיטלאַך תהלים; כמעט אַ שטומער מיט זיין אייגענעם דיאַלעקט, וועלכען די שיפֿסלייט האָבען ניט אָנגעהויבען פֿערשטעהן, פּונקט ווי ער האָט ניט פֿערשטאַנען זייער דייטש; אַ געלעגער פֿון האַרט אָנגעשטאָפּטע זעק; די גאַנצע צייט קיין ביסעל וואַרעמס ניט געהאַט אין מויל און כמעט שטענדיג ליידענדיג פֿון דער זעע־קראַנקהייט. און דאַן, אַז זיי זיינען שוין בשלום אַראָב אויף דער יבשה, אָהן אַ פֿעניג געלד אָדער אַ טאַש וויינינגסטענס, וואו עס צו האַלטען. אַזוי האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צופֿוס קיין פֿראַנקפֿורט. אַך, דאָס דאָזיגע ביטערע געפֿיהל פֿון טיעפֿסטען יאוש דאַן, ווען ער האָט זיך אַנידערגעוואָרפֿען אונטער אַ לינדען־בוים אויף'ן וועג מיט אַן אויסברוך פֿון טרעהרען! פֿאַרוואָס האָט די האָפֿנונג ווידער אויפֿגעלעבט אין איהם? נאָך וואָס האָט ער פֿאָרטגעזעצט זיין שווערען, ערמיעדענדען וועג, ווען אַזאַ שיקזאַל האָט איהם דאָ ערוואַרטעט, ווען ער האָט געדאַרפֿט קריגען אַזאַ קבלת פנים?! איהם צו פֿערשפּאַרען דעם וועג ווי אַ לומפּ און אַ בראָדיאַגע, פֿערשטויסען צו ווערן פֿון זיינע ברידער-אידען, אַרויסגעוואָרפֿען צו ווערן פֿון דער שטאָדט פֿון זיינע טרוימען דורך דעם אויפֿזעהער פֿון דער טויער־וואַך פֿאַר די אידען!

וועה! וועה! זאָל דאָס זיין דער סוף פֿון זיין לאַנגער ביינקעניש? ערשט מיט אַ וואָך צוריק איז ער געווען אַזוי גליקליך. נאָכדעם ווי ער האָט זיך געמוזט שיידען מיט זיין לעצטען שטיק פֿערמעגען, אַן אייזערנעם לעפֿעל, כדי זיך צו קויפֿען אַ גלאָז זויערע ביער, איז ער אָנגעקומען אין אַ שטאָדט, וואו זיין סמיכה אויף רבנות — וואָס ער האָט אַזוי לייכט אַרויסגעקריגען, איינפֿאַך אַ קינדער־שפּיעל, — האָט איהם, ניט קוקענדיג אויף זיינע טראַנטעם, פֿערשאַפֿט אַזוי פֿיעל כבוד. אויבען אָן אין שוהל האָט מען איהם אַוועקגעזעצט, דעם אָבגעריסענעם שלעפּער, און דער רייכער גבאי האָט איהם צו זיך אויף שבת פֿערבעטען און איהם געגעבען אַ פּלאַץ צווישען זיך און זיין טאָכטער, אַ שעהנע, צוועלף יעהריגע בתולה, אָנגעטהאָן אין זיידענס. דורך זיין וויין-גלאָז האָט די צוקונפֿט זיינע אויסגעקוקט אַזוי רויזיג, און צופֿריעדען מיט זיך אַליין, האָט ער גערעדט און וואָס ווייטער אַלץ

מעהר אַרויסגעוויזען זיין לומדות. אָבער ער איז ניט געווען שכור געווען, ניט צו בעמערקען די העויות, וואָס דאָס מיידעל האָט געמאַכט, און געוואָהר ווערענדיג די אורזאַכע דערפון, האָט ער פלוצלינג אָבגעהאַקט און איז שטיל געוואָרען. אפילו אַ רב קען ניט געפעלען אַ שעהן מיידעל, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געוואַלגערט אויף שטרוי אין די שטאַלען פון די קרעטשמעס אין די קליידער, וועלכע זיינען נאָך דערצו זיבען וואָכען נאָכאַנאַנד ניט געביטען געוואָרען. דער צווייטער פון גליק איז פערשוואונדען, און פון דאַן אָן האָט דער געלערענטער בראָדיאַגע ניט געוואוסט פון קיין אַנדער זאַך, נאָר ערנידעריגונג און הונגער.

דאָס פרעהליכע קלאַפען פון זיין האַרצען, דערזעהענדיג דעם טויער פון בערלין, האָט ניט אָנגעהאַלטען לאַנג; וואָרים ער האָט גלייך אויסגעפונען, אַז ער מוז קודם כל אויסוואַרטען אין דעם דאָרטיגען אידישען אָרעמען־הויז, ביז וואַנען די גבאים פון דער קהלה וועלען איהם פערהערען און זעהן, צי דאַרף ער אַריינגעלאָזט ווערען אין שטאָדט. דאָרט האָט ער אָבגעפינסטערט דעם גאַנצען טאָג, צוזאַמען מיט אַלערליי קראַנקע, קריפעלס און אויסגעלאַסענע, נידעריגע לייט, ביז ס'איז געקומען דער אָבענד און מיט איהם די גבאים און זייער אורטהייל איבער זיין שיקזאַל — אַן אויסדריקליכער פערבאָט: ער טהאָר ניט אַריינקומען אין שטאָדט און שטודירען מעדיצין.

פאַרוואָס? פאַרוואָס פאָרט? וואָס האָבען זיי געהאַט צו איהם? אָט די פראַגע האָט ער זיך געשטעלט אַלע ווײַלע צווישען זיינע ספּאַזמען. און פלוצלינג, בעת ער איז געווען פערנומען דערמיט צו ערקלעהרען איינעם פון די פערבייגעהער זיינע צרות, האָט ער געקריגען אַן ענטפער, וואָס האָט נאָך מעהר צומישט זיינע ערקלעהרונגען. יאָ, יענער וואָלף אין רבנישע קליידער, מיט וועמען ער האָט היינט אין דערפריה דאָרט אין אָרעמען־הויז גערעדט, — ער איז דאָס שולדיג אין דער גאַנצער געשיכטע! דער ראַבינער מיט דער רויטער באָרד, וואָס האָט אַזוי אויפמערקזאַם אויסגעהערט די ערצעהלונג וועגען זיין לעבען אין פוילען און די געשיכטע פון זיין רייזע; וועלכער האָט מיט אַזאַ אינטערעס דורכגעקוקט זיין פירוש אויף דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים". דער עקעלהאַפטער שפּיאָן, דער נידעריגער מוסר! ער האָט דאָס דערצעהלט די פרומע פאַנאַטיקער פון דער שטאָדט מכח די אפיקורסישע געדאַנקען פון דעם נאַר וואָס אָנגעקומענעם. און זיי האָבען פאַר איהם פערשפאַרט די טויערן פון דער שטאָדט, איהם אויסגעשלאָסען, ווי מען שליסט אויס אַ מגפה.

דאָס איז אַלזאָ די אַטמאָספערע פון דער פרייהייט, דאָס העברעע יודענטהום, נאָך וואָס ער האָט אַזוי געבייינקט! די שטאָדט, וועלכע

בעריהמט זיך אַזוי מיט דעם בעוואוסטען משה מענדעלזאָהן, מיט דעם מוסטער פון קלוגשאַפט און טאָלעראַנץ, — אָט די שטאָדט איז פונקט אַזוי קליינליך ווי די דערפער, וואָס ווערען בעהערשט פון די רבנים, און וועמעס שטויב ער האָט אָבגעטרייסעלט פון די פיס! אַ מורא'דיגער צאָרן גענגען די אידען און גענגען אָט דעם מענדעלזאָהן האָט איהם אַ פּאַק געטהאָן. דאָס איז, הייסט עס, אַלעס, וואָס ער האָט דערגרייכט! דערפאַר האָט ער עס פערלאָזען זיין ווייב און קינדער! און דאָס קומט איהם, איהם, וועלכער האָט זיך אַרויסגעלאָזט בלויז זוכען די וואַהרהייט!

און ווער ווייס? אפשר ליגט טאַקע דערין זיין שטראָף. אָבער ניין! ניט איהם קומט דער פאָרוואורף, וואָס ער איז שוין אַזוי פריה בעלעסטיגט מיט אַ פאַמיליע. חתונה האָבען צו עלף יאָהר קען אויף קיין פאַל ניט אָנגערופען ווערן קיין פריוויליגע טהאַט, וויפיעל מען זאָל זיך וועגען דעם ניט פשט'לען. ער האָט זיך דערמאָהנט אָן דער לאַנגער, דערווידערדיגער קאָמעדיע, וואָס האָט זיך אָבגעשפיעלט ביי זיינע עלטערן אין הויז, די קאָמעדיע, צוליעב וועלכער ער איז געפאַלען אַלס אָפפער. ווי האָבען זיי זיך דאָס אַביסעל געיאָגט נאָך איהם, די מחותנים, די עלטערן פון די טעכטער, צו קריגען איהם פאַר אַן איידים, איהם, דעם בעריהמטען עילוי, וואָס קען אַזוי שאַרף און איבער־קלוג ריידען מכח גאָט'ס תורה, ווי אַ גרייז־גראָער מאַן. די קינדערשע נייגונג, וואָס ער אַליין האָט געהאַט צו פעסלען, דעם רייכען אַרענדאַר'ס טאָכטער, האָט מען אויף אַן אומברחמנות'דיגען אופן איגנאָרירט, ווען איהר שוועסטער איז אַריינגעפאַלען אין אַ קעלער און האָט זיך צובראָכען אַ פוס. „שלמה מוז חתונה האָבען מיט דער הינקעדיגער טאָכטער," איז דער אַרענדאַר בעשטאַנען אויף זיינס, בעת ווען דעם אינגעל'ס פאָטער האָט זיך פונקט אַזוי איינגעשפאַרט און גענטפערט: „ניין, איך פערלאַנג די שוועסטער מיט די גאַנצע פיס."

ביי דעם געדאַנק מכח זיין פאָטער'ס עקשנות, האָט זיך דער אָרעמער יונגער מאַן ווידער גענומען דרעהען אין טיעפען שמערץ. ס'איז אמת, רחל האָט טאַקע געהונקען, אָבער יאָהרען שפּעטער, ווען ער איז אָנגעקומען אַלס אָרעמער מלמד ביי זיי אין הויז, האָט ער אויסגעפונען, אַז זי איז אַ ליעבע, טייערע נשמה. דער פאָטער איהרער איז געווען גרייט, איהם צו מאַכען פאַר איינעם פון זיינע יורשים, אויב ער וועט חתונה האָבען מיט זיין טאָכטער, און דאַן וואָלט ער געווען פערזאָרגט אויף זיין לעבען לאַנג און וואָלט זיך געקענט באָדען אין לוקסוס און וויסענשאַפט. אָבער ניין! זיין פאָטער האָט אַנדערש ניט געוואָלט נאָר פעסלען, און אויף אַזאַ'ן אופן איז ער, שלמה, געוואָרען אַ בעטלער צוליעב דעם איינגעשפאַרטען שטאָלץ פון

זיין פֿאָטער, ווען ס'איז ניט אָנגעשטאַנען צו האָבען אַ שנור מיט אַן אויסגעלונקענעם ביין.

אַך, ווי דאָס אונגליק האָט איהם פֿערפֿאָלגט! אין יענער צייט האָט זיך דער רייכער למדן פֿון שמילאָוויץ פֿערליעבט אין זיין עילוי'שאַפֿט, און הגם ער האָט איהם נאָך קיינמאָל ניט געהאַט געזעהן אפילו, האָט ער איהם אין אַ בריעף פֿאָרגעלייגט דעם שידוך מיט זיין טאָכטער. וואָס פֿאַר אַ שטאָלצען בריעף דער פֿאָטער זיינער האָט דאָס געענטפֿערט דערויף — אַ מיש-מאַש פֿון פסוקים פֿון תנ"ך מיט שטיקלאַך גמרא. די בעדינגונג, לויט וועלכער ער וויליגט איין אויף דעם שידוך, האָט ער אויף אַ געשיקטען אופן פֿערקליידט אין די ווערטער פֿון „שיר השירים": „האלף לך שלמה ומאתים לנוטרים את פריו" (די טויזענד פֿאַר דיר, שלמה, און צוויי הונדערט פֿאַר די, וואָס היטען אָב זיינע פרות). טויזענד גולדען נדן דעם איינגעל און צוויי הונדערט דעם פֿאָטער! די בעדינגונג פֿון „שיר השירים" איז אָנגענומען געוואָרען, זיין פֿאָטער איז אַריבערגעפֿאָהרען קיין שמילאָוויץ, האָט אָנגעקוקט די כלה און געשריבען תנאים. זיינע צוויי הונדערט גולדען האָט מען איהם גלייך אויף'ן שטעל אויסגעצאָהלט, אָבער ער האָט ניט אַנדערש געוואָלט נאָר פֿיער הונדערט.

„דאָ האָט איהר אייער בריעף", האָט אומזיסט גע'טענה'ט דער מחותן, „איהר פֿערלאַנגט בלויז צוויי הונדערט."

„פֿערשטעהט זיך," האָט ער געענטפֿערט; „אָבער דאָס איז דאָך בלויז געווען, כדי ניט קאַליע צו מאַכען דעם פסוק."

מיט וואָס פֿאַר אַ שמחה איז ער דאָס צוריקגעקומען אַהיים מיט די פֿיער הונדערט גולדען פֿאַר זיך און די חתונה-מתנות פֿאַר זיין שלמה'לען— אַ היטעלע פֿון שוואַרצען סאַמעט, אַרומגעזוימט מיט גאָלדענע שפּיצען, אַ תנ"ך, געבונדען אין גרינעם סאַמעט מיט זילבערנע ספּראָנזשקעס, און נאָך אַנדערע זאַכען.

דער אָרעמער בדאָדיאַנע, ווען דאָס האַרץ האָט אַזוי וועה געטהאָן, האָט אַצונד ווידער געזעהן פֿאַר זיינע אויגען דעם אונשולדיגען איינגעל, וואָס ער איז אַמאָל געווען. ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי אַזוי ער פֿלעגט בגנבה אַרומגעהן מיט זיין סאַמעטענעם היטעלע און דערביי איינ'חזר'ן די דרשה, וואָס ער האָט געוואָלט האַלטען ביי דער סעודה, די נאַכט פֿון דער חופּה, און אַלע ווילע פֿלעגט ער פֿערזוכען פֿון די טאָרטען און די איינגעמאַכטסען, וואָס זיין מוטער האָט צוגעגרייט צו דער חתונה. מיט אַמאָל ברייננט די פּאָסט די ידיעה, אַז די כלה איז פּלוצלינג געשטאָרבען פֿון ווינד-פּאָקען.

דיעסמאָלט האָט ער פונקט אַזוי וויניג געטרויערט נאָך זיין כלה, וועלכע

ער האט נאך ניט געזעהן, ווי דער פאטער זיינער, וועלבער האט אויף אן ארענטליכען אופן דורך זיין זוהן געמאכט פיער הונדערט גולדען און האט איצט געקענט האפען אויף נייע פיער הונדערט. „דאס היטעלע און דער מיט זילבער־בעשלאגענער תנ"ך זיינען שוין מיינע." האט זיך דאס קינד געקלעהרט, „און אויף א כלה וועל איך דאך מן הסתם אויך ניט דארפען לאנג ווארטען. נו, און די דרשה וועט דאך מיר צוניץ קומען אויף שפעטער." בלויז די מוטער האט זיך ניט געקענט טרייסטען. טארטען און איינגע־מאכטסען קענען לאנג ניט האלטען, בעזונדערס ווען ס'איז ניטא קיין פלאץ וואו זיי צו בעהאלטען פאר די געהיימע אנגריפען פון אן ענטטוישטען חתן.

ערשט איצט איז דעם ארעמען מימון קלאהר געווארען, ווי זיין מזל האט זיך דאן א דרעה געטהאן פאר איהם צום שלעכטען! ווארים ער איז סוף כל סוף אריינגעפאלען צו דער אלמנה פון נעזוויג אין די הענד, א פרוי, וואס האט געהאט א שיינק אין דער פארשטאדט און א בית יחידה, אן איין־איינציגע טאכטער. זי איז ניט געווען קיין גרויסע גביר'טע, נאר דער־פאר האט זי געהאט א געוואלדיגע אמביציע, און זי האט געוואגט צו טרוי־מען וועגען א שידוך צווישען דעם בעריהמטען וואונדער־קינד און איהר טאכטער שרה. ס'האט ניט געהאלפען, וואס מען האט איהר עטליכע מאל אבגעזאגט, קיין זאך האט איהר ניט אבגעשראקען, און נאכדעם ווי זי האט אנגעווענדעט אלע סארטען כיטרעקייט און אינטריגעס, אלע געזעצליכע און אונגעזעצליכע קאמפף-מיטלען, האט זי איהרם אויסגעפיהרט: זי האט געקריגען דעם חתן, וואס זי האט געוואונשען. דורך וואס פאר א קליינלי־כער ליסטיגקייט האט זי ביי איהם ארויסגעריסען דעם לעצטען טשאנס פון גליק, ווען זיין צווייטער מחותן, יענער רייכער סוחר, האט אונגליקליכער־ווייזע איבערגענעכטיגט ביי איהר אין קרעטשמע! זי האט בלומר'שט איהם געוויזען א פריהערדיגע „תנאים", ווען ער האט איהר מיט שטאלץ פאר־געלייגט דעם דאקומענט, לויט וועלכען דער בעריהמטער שלמה איז פער'־קנס'ט מיט זיין טאכטער! דערנאך, אז דעם אינגעל'ס מוטער איז אין אט דער קריטישער צייט געשטארבען, האט זיך די אלמנה ניט צוריקגעשראק־קען דערפאר, ארויסצוקריגען פון געריכט א בעפעהל, אז דער טויטער קערפער זאל ניט געבראכט ווערען צו קבורה, ביז וואנען דער פראצעס צווישען איהר און זיין פאטער וועט זיך ענדיגען. אומזיסט האט דער רייכער סוחר ארויסגע'גנב'עט דעם חתן, איהם אריינגעזעצט אין זיין וואגען און אין א פינסטערער נאכט איהם אוועקגעפיהרט ווייט פון דערהיים. ס'האט ניט געהאלפען. מען האט דעם אינגעל נאכגעיאגט און איהם צוריקגעבראכט,— צוריקגעבראכט צו פיהרען א שוידערליכעם לעבען ביי זייז שוויגער אין הויז,

אין אייביגע רייסערייען און קריגערייען, זיך אַרומוואַרפֿענדיג מיט שטיקער געפֿעס אין די קעפּ. דאַן, ווען ער האָט שוין געבראַכט עטליכע קינדער אויף דער וועלט, איז ער געצוואונגען געווען זיך צו דערווייטערן פֿון דערהיים און ענדליך פֿערשווינדען פֿון יענער זייט גרענעץ.

אָרעמע שרה! איצט האָט ער מיט מילדקייט געטראַכט וועגען איהר. אַן אַנגענעהמעס וועזען, טהעטיג און געפֿיהלפֿול, הגם אַביסעל אָנגעשטעקט מיט דער מוטער'ס עקשנות. ס'איז קיין צווייפֿעל ניט, אַז זי איז נאָך איצט אויך געווען דער אלמנה'ס רעכטע האַנד אין דער קרעטשמע. אַך, ווי שעהן האָט זי אויסגעזעהן אין יענעם טאָג, ווען דער שכור'ער פּירסט ראַדזיוויל האָט דאָרט אין קרעטשמע געוואָרפֿען אַן אויג אויף איהר און אין זיין בע-זייפֿענעם צושטאַנד געזאָגט: „ווירקליך אַ שעהנע יונגע פֿרוי! מעהר ניט זי דאַרף זיך אָנטהון אין אַ ווייס העמד." אַן אויסדרוק, ביי וועלכען די ניכטערע הערען פֿון זיין סוויטע האָבען איהר געגעבען דעם וואונק צו נעהמען דעם וועג און זיך ניט געפֿינען פֿאַר זיינע אויגען.

אַצונד אין זיין פֿערצווייפֿלונג האָט זיך דער ענטטוישטער וואַנדערער אין דעם לאַנד פֿון וויסען מיט בייקעניש אומגעקעהרט צו איהר בילד, און ער האָט ביטער געוויינט אויף די פֿיעלע מיילען, וועלכע האָבען איהם אָב-געשיידט פֿון די זייניגע, פֿון די אַלע, וואָס האָבען געזאָרגט פֿאַר איהם. ווי וועט זיין דוד'ל פֿאָרט אויסוואַקסען — זיין בכור מיט די געגרייזעלטע האָר, דאָס קינד פֿון זיין פֿערצעהנטען יאָהר? ער איז שוין כמעט אַ צעהן יעהריגער אינגעל און אין עטליכע יאָהר אַרום וועט ער ווערען „בר מצוה". אַ שטראָם פֿון געפֿיהלען, אַ כוואַליע פֿון זיין פֿריהערדיגען רעליגיעזען פֿייער, האָט איהם דורכגענומען און האָט אין איין וועג מיטגעבראַכט מיט זיך דעם טעם פֿון אַמאָליגע יום טוב'דיגע מאכלים און דעם אָבקלאַנג פֿון ווייטע, זיסע טענער פֿון דער שוהל. אַה, נאַר איינער, נאַר איינער, זיך ניט צו-פֿריעדענצושטעלען מיט דעם אמת, וואָס האָט צופֿריעדענגעשטעלט זיינע עלטערען, ניט צו וועלען געפֿינען רוהע לעבען דער פֿרוי, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען! אפילו די שוויגער זיינע האָט ער איצט געזעהן אין אַ מילדערן ליכט דורך די טרעהרען פֿון זיינע אויגען. זי האָט איהם לכל הפחות געהאַלטען טהייער, האָט געקעמפּפֿט מיט אַלע כוחות און מיט אַלע מיטלען איהם צו קריגען, אָבער אָט די גראָבע בערלינער — ! צאָרענדיג האָט ער צונויפֿגעדריקט די פֿויסטען, די גאַנצע מאָס פֿון אונגערעכטיגקייט איז איהם אַצונד ווידער געקומען צום בעוואוסטזיין. זיינע הענד האָבען גע-ברענט ווי פֿייער, זיין שטערען איז געווען צומאַטערט פֿון שטעכענדע שמערצען. אין זיין זכרון איז ווידער אַרויפֿגעקומען דער פּירסט ראַדזיוויל

און יענער טאָג אין קרעטשמע. ער האָט געזעהן, ווי דער מוטהווילליגער פּירסט לאָזט זיך אַרוים מיט דעם גאַנצען קריגעריזשען פּאַראַד אויף אַ בע־זוך אין אַ דאָרף, וואָס איז קוים פֿיער מייל די ווייט פֿון זיין שלאָס. פֿאָר־אוים ציהען זיך זיינע באַטאַליאָנען אינפֿאַנטעריע, אַרטילעריע און קאַוואַלע־ריע, דאַן זיין לייב-גוואַרדיע, וואָס בעשטעהט פֿון פֿראָרעמטע פּריצים, דערנאָך קומט זיין קיך־וואָגען, די מוזיק, זיין קעניגליכער עקיפּאַזש, וואו ער ליגט גראָד אַ בעזויפֿענער פֿון אונגאַרישען וויין און כראָפּעט, און ענד־ליך די מחנה פֿון זיינע לאַקייען. דאַן האָט ער געזעהן, ווי מען האָט דעם גרויסען פּירסט, אין די שטיוועל און די שפּאָרען, אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף זיין שוויגער'ס שמוציג בעט, וואָרום פֿערבייגעהענדיג די קרעטשמע, האָבען די הערען פֿון זיין סוויטע געפֿונען פֿאַר נייטיג צו געבען דעם פּירסט אַ בע־סערן געלעגער ווי אין וואָגען. דאָ, אַרומגערינגעלט פֿון אַלערליי משרתים, ווייסע און שוואַרצע, האָט ער אָבגעכראָפּעט די גאַנצע נאַכט, בעת ווען די אונערמידליכע בעל הבית'טע האָט ווי געוועהנליך אין דעם זעלבען צימער געקאָכט די מאָהלצייטען און צוהאַקט דאָס נייטיגע האָלץ. און דאָ אין דער פֿעררויכערטער, שמוציגער קרעטשמע מיט די צובראָכענע פֿענסטער און באַלקענס, וואָס זיינען געווען אונטערגעשפּאַרט פֿון פּראָסטע בוים-שטאַמען, אויף אַ בעט, וואָס האָט געקישעט מיט אינזעקטען — דאָ האָט זיך דער פּרינץ אויפֿגעכאַפּט. נאָר די גאַנצע געשיכטע האָט איהם ניט אָנגעהויבען אַרען; ווען מען האָט איהם ערקלעהרט די זאַך, האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בעפֿעהל צוצוגרייטען אַ באַנקעט דאָ אויף'ן פּלאַץ.

דעם אָרעמען, פֿערשמאַכטען מימון איז אַריבערגעלאָפֿען די סלינע אי־בער'ן מויל, ווען ער האָט זיך דערמאָהנט אָן יענעם פֿעררינקטען, צווישע־טען באַנקעט, מיט די בעסטע ווייגען און די געשמאַקסטע געריכטען, און וואו פּרינצען און פּירסטען זיינען געזעסען אויף די שמוציגע ביינק פֿון דער קרעטשמע און האָבען געגעסען און געטרונקען. די בעכער זיינען אין אַ וועט אויסגעליידיגט געוואָרען ביי דעם קלאַנג פֿון אַ קאַנאָן. די ריכטער, וואָס האָבען בעשטימט, אַז דער טרינק-פּרייז קומט דעם פּירסט, זיינען בעלוינט געוואָרען מיט גיטער, וועלכע האָבען געהאַט אויף זיך הונדערטער בויערן. מימון האָט גענומען נאָכמאַכען דעם קלאַנג פֿון דעם קאַנאָן, און אין זיין פֿאַנטאַזיע האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי ער לאָזט זיך לויפֿען מיט אַ ווילדען צאָרן צו דער שוהל, פּונקט ווי דער פּירסט ראַדזיוויל, וועלכער האָט אַלעם צושמעטערט און פֿערוויסטעט, אַרויסגעריסען די ספר תורה'ס פֿון ארון קודש און זיי געטראָטען מיט די פֿיס! יאָ, זיי האָבען עס כשר פֿערדיענט, אָט די פֿייגע פֿאַנאַטיקער! אַרונטער מיט דער תורה, אויף'ן

פֿייער די רבנים! אַ — האַ! אַוועק מיט די תפילין, אונטער די פֿיס דער־מיט — אַזוי — און אַזוי! און —

די סאָלדאַטען פֿון דער וואַך האָבען בעמערקט, אַז ער ליגט אין אַ שטאַרקען פֿיבער, און זיי האָבען אַרויסגערופֿען דעם אידישען אויפֿזעהער, וועלכער האָט איהם צוריק אַריינגעטראָגען אין אָרעמען־הויז.

II.

אויף מאָרגען אין דערפֿריה האָט זיך מימון אויפֿגעכאַפּט מיט אַ פֿולען קלאָהרען בעוואוסטזיין און האָט גלייך פֿערשטאַנען, אַז ער איז קראַנק. „גאָט זיי דאַנק,” האָט ער געטראַכט ביי זיך מיט פֿרייד; „אַצונד וועל איך דאָ קענען בלייבען עטליכע טעג, כ׳וועל קריגען צו עסען, און פֿילייכט איז נאָך צו האָפֿען, אַז עס וועט זיך געפֿינען אַ גוטער בעזוכער, וואָס זאָל זיך אָננעהמען פֿאַר מיר. ווען איך קען צושיקען אַ פּאָר ווערטער צו דעם העררן מענדעלזאָהן, וואָלט ער אודאי געטהאָן עפּעס מיר אַרויסצוהעלפֿען פֿון מיין נויט. וואָרים איין געלעהרטער מוז דאָך רחמנות האָבען אויף דעם אַנדערן.”

אָבער אויך אָט די רוהיגע ערוואַרטונגען זיינען געוואָרען צונישט. דער אויפֿזעהער האָט אַ טאָפּ געטהאָן מימון׳ן ביים דופּק און שטערן, האָט איהם אָבגעגעבען צוריק זיין פּירוש אויף דעם „מורה נבוכים” און איהם העפֿליך בעגלייט צום טויער אַרויס. מימון האָט ניט געפֿונען קיין וואָרט אַנטקעגען צו ריידען, ער איז געווען ווי געלעהמט.

„נו, וואָס וועט איצט זיין, דו „מורה נבוכים”, דו „פֿיהרער פֿון די בלאָנדזשענדע”?” האָט ער אויסגערופֿען, אַראָבקוקענדיג ווי פֿערשטיינערט אויף זיין אונגליקליכען מאַנוסקריפּט. „אַך, משה בן מימון, דו, ביי וועמען איך האָב אַזוי אָפֿט געשוואָרען, קענסט דו מיר איצט ניט העלפֿען? זעה, מיינע קעשענעס זיינען אַזוי פּוסט ווי די קעפּ פֿון דיינע געגנער.”

ער האָט אויסגעקעהרט זיינע קעשענעס און — זעה נאַר! עטליכע זילבערנע מטבעות זיינען אַרויסגעפֿאַלען פֿון דאָרט און האָבען זיך לוסטיג געקייקעלט אויף דעם שאָסעע. „אַ נס!” האָט ער מיט פֿרייד אויסגערופֿען. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָס האָבען איהם די גבאים געגעבען די עט־ליכע מטבעות, בשעת זיי האָבען איהם אַרויסגעשיקט פֿון דער שטאָדט, און ער האָט זיי מעכאַניש אַריינגעלייגט אין טאַש, בלייבענדיג אַ צוטומעלטער פֿון זייער אום׳ברחמנות׳דיגען אורטהייל. יאָ, ווי אַ ריכטיגער בעטלער איז

ער בעהאנדעלט געוואָרען. ביי דעם געדאַנק זיינען זיינע ניט-ראַזירטע באַקען רויט געוואָרען פאַר שאַנדע. ס'איז אמת, אַז ער האָט אויסגענוצט די גאַסט-פריינדשאַפט פון פרעמדע מענשען, אָבער דאָס איז געווען אַ בעלוינונג פאַר זיין לומדות, און די פרייע רייזע קיין קעניגסבערג און שטעטין איז מען איהם שולדיג געווען אלס געלערענטען מאַן. קיינמאָל האָט ער זיך ניט אַראָבגעלאָזען צו ווירקליכע שנאָרעריי. ער האָט צונויפגעדריקט זיין פויסט און זי אויפגעהויבען אַנטקעגען דער שטאָדט. נישקשה, ער וועט זיי נאָך אַמאָל וואַרפען דאָס געלד זייערס אין פנים אַריין! דאָס טראַכטענדיג, האָט ער אַריינגעלייגט די מטבעות צוריק אין טאַש אַריין, האָט זיך פערנומען אין דעם ערשטען בעסטען זייטען־וועג און זיך איבערגעגעבען דעם צופאַל אין די הענד. אין דעם שיינק, וואו ער איז אַריין, עפעס נעהמען אין מויל, האָט ער צו זיין פרייד געפונען אַ ברודער־אידען, וועלכער איז געגאַנגען פונקט אין אזעלכע טראַנטעס ווי ער.

מימון האָט זיך ביי איהם נאָכגעפרעגט מכח די וועגען און וואוהין זיי פיהרען, און צו זיין ערשטוינונג איז ער געוואָהר געוואָרען אַז זיין קאָמפאַ-ניאָן איז אַ פראָפעסיאָנעלער שנאָרער.

„וואָס זשע, איהר זייט עס דען ניט?" האָט דער בעטלער געפרעגט, פונקט אַזוי איבערראַשט.

„ניין, געווים ניט!" האָט מימון אויסגערופען מיט כעס.

„אַן עבירה, וואָס איהר פערשווענדעט אַזעלכע גוטע שמאַטעס פאַר גאָרנישט!" האָט דער שנאָרער געזאָגט.

„וואָס פאַר אַ פערשווענדונג פון אַזעלכע געזונדע הענד!" האָט מימון געענטפערט, וואָרים דער בעטלער איז געווען אַ געזונדער, קרעפטיגער יונג. „ווען איך האָב אייערע שולטערן, וואָלט איך געטראָגען מיין קאָפ אַביסעל שטאָלצער אויף זיי."

דער שנאָרער האָט אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען. „בלויז שוטים אַרבייטען. וואָס האָט אייך די אַרבייט אַריינגעבראַכט? שמאַטעס. איהר הויבט אָן מיט אַרבייט און הערט אויף מיט שמאַטעס; איך הויב אָן מיט שמאַטעס און הער אויף מיט מאָהלצייטען."

„אָבער האָט איהר גאָר קיין רעספעקט ניט פאַר זיך אַליין?" האָט מימון אויסגערופען פול מיט ערשטוינונג. „גאָר קיין מאָראַל, קיין רע-ליגיאָן ניט?"

„איך האָב אַזויפיעל רעליגיאָן ווי יעדער אַנדער שנאָרער דאָ אויפ'ן וועג," האָט דער בעטלער געענטפערט מיט שטאָלץ. „איך היט אָב שבת."

„יאָ, ווירקליך," האָט זיך מימון אָבגערופען מיט אַ שמייכעל; „אונזערע

חכמים זאָגען: „עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות" (מאַך ליעבערשט דיין שבת צו אַ וואָכעדיגען טאָג, איידער דו זאָלסט אָנקומען צו לייטען, דאָס הייסט בעטלען); איהר זאָגט: מאַך ליעבערשט דיינע וואָכען־טעג צום שבת, איידער דו זאָלסט זיך פֿערלאָזען אויף זיך אַליין." ביי זיך האָט ער זיך געטראַכט: „דאָס איז ווירקליך וויציג; מען מוז עס געדיינקען און עס דערצעהלען לפידות'ן." און ער האָט בעשטעלט אַ צווייטע גלאָז בראַנפֿען.

„יאָ, אָבער מיר דוכט, אַז פֿיעלע פֿון אונזערע חכמים זיינען פשוט אָבהייניגיג פֿון זייערע פֿרויען און לעבען פֿון דעם, וואָס זיי פֿערדיענען. איך האָב ניט חתונה געהאַט, בין אויסגעקומען אָהן אַ פֿרוי, זאָל איך דערפֿאַר אויך אויסקומען אָהן מיינע לעבענס־מיטלען?"

מימון האָט זיך אַמוזירט און אין דערזועלבער צייט האָט עס איהם אויך אָבגעשטויסען. אונבעריהרט האָט ער אַוועקגעשטעלט זיין גלאָז בראַנפֿען. „אָבער ווער עס נעהמט ניט קיין ווייב, דער בעגעהט אַ זינד. דער מאַן האָט די פֿליכט צו ברייינגען קינדער אויף דער וועלט, צו גרינדען אַ היים; וואָרים וואָס איז ציוויליזאַציע אויב ניט די היים, און וואָס איז די היים אויב ניט רעליגיאָן?" מיט טיעפֿער ערנסטקייט האָט דער וואַנדערער אָט די ווער־טער גערעדט; אין דער קלאָהרקייט, מיט וועלכער ער האָט געזעהן פֿאַר זיך דעם רעכטען וועג, האָט ער זיך גאָר פֿערגעסען אין זיין אייגענער זינד, איבערלאָזענדיג זיין פֿרוי און זיינע קינדער.

„אַך, איהר זייט איינער פֿון די ריכטיגע צבוע'יאַקעס," האָט דער שנאָרער געזאָגט. „כ'מיין, מיר ביידע וואָלטען געקענט עפעס בעסערס טהאָן, איידער זיך אַרומרייסען צווישען זיך. וואָס דיינקט איהר מכח אַ שותפות?"

„אין בעטלעריי?"

„וואָס זשע דען האָב איך אייך אָנצובאָטען? איהר זייט פֿרעמד דאָ אין לאַנד — איהר קענט ניט די וועגען — איהר האָט ניט קיין געלד."

„זייט מוחל, איך האָב נאָך אַ טהאַלער."

„ניין, איהר האָט איהם ניט — ווייל איהר גיט מיר איהם אַוועק פֿאַר דעם אַריינטרעטען אין מיין שותפות."

מימון'ס נייגיעריגקייט האָט זיך צושפיעלט. „אָבער וואָס קריג איך פֿאַר מיין טהאַלער?"

„מיין ערפֿאַהרונג!"

„אויב אַזוי, דאַן ברייינגט אייך מיין שותפות אייגענטליך גאָרנישט איין."

„אָה דאָך, ס'וועט מיר שוין איינברייינגען. ראשית כל דעם טהאַלער. אַחוץ דעם קענט איהר מיט אייער לומדות און מיט אייער מאָראַל שטאַרק צוניץ קומען דאַן, ווען עס שעפּען זיך אום ביי מיר די פסוקים און די פֿרעמדע

שטיקלאַך, וואָס איך זאָג איבער. אין די קליינע דערפער וועלען מיר אַרום־געהן צוזאַמען; מיר וועלען אָבשילדערן די שטאַרק פערשפרייטע אָרעמקייט און נויט, דערצעהלען מכח דעם, ווי אַזוי אונזער שטאָדט איז חרוב געוואָרען דורך אַ פייער, דורך שרעקליכע רדיפות און וואָס איהר ווילט אַליין. איין בעטלער קוקט אויס ווי אַ ליגנער; צוויי צוזאַמען זיינען מאַרטירער."

„איהר בעטעלט, הייסט עס, בלויז אין דערפער?"

„ניין! אָבער אין די שטעדט וועלען מיר זיך צושיידען. איהר וועט זיך נעהמען איין העלפט, איך די אַנדערע. דאַן וועלען מיר זיך בייטען, נאָכדעם ווי יעדער איינער פון אונז וועט שוין האָבען די ערפאַהרונג, וואו די בעלי צדקה וואוינען אין יעדער העלפט שטאָדט. דאָס מאַכט ווייניגער מיעה."

„דאַן מוזען, הייסט עס, די וואָהלטהעטיגע לייט געבען צוויי מאָל."

„איז וואָס? זיי פערדיענען אויף אַזאַ'ן אופן אַ דאָפּעלטע מצוה. צדקה רופט אַרויס צדקה."

„אַ זעלטענער חברה־מאַן," האָט זיך מימון געטראַכט. „ווי וואָלט זיך לפידות איבער איהם אַמוזירט! ער איז דאָך ווירקליך גערעכט. די געגענד איז מיר לחלוטין פרעמד. ווען איך זאָל מיט איהם אַרומוואַנדערן אַ שטיקעל צייט, קען איך אַסך לערנען. און ער ווידער קען לערנען פון מיר. ער האָט אַ גוטען קאָפּ, און איך קען איהם פערשאַפען אַ ריכטיגען בעגריעף מכח פליכט און גוטע מדות. אַחוץ דעם, וואָס קען איך איצט אָנפאַנגען צו טהאָן, אַז ניט דאָס?" אַזוי האָט ער אַ וואָרף געטהאָן זיין טהאַלער אין דער לופ־טען און אויסגערופען: „אָבגעמאַכט!"

געשיקט האָט איהם דער בעטלער אויפגעכאַפּט. „בעל הבית," האָט ער אַ געשריי געטהאָן, „נאָך אַ גלאָז פון אייער אויסגעצייכענטען שנאַפּס!" און עס גלייך נעהמענדיג צו די ליפען, ווען מען האָט עס איהם דערלאַנגט, האָט ער געזאָגט: „לחיים, ברודער, דאָס איז פאַר אונזער שותפות."

„וואָס, און פאַר מיר! וואו איז מיין גלעזעל?" האָט מימון אויסגערופען מיט אַ מינע פון דערשלאָגענקייט.

„אָט אַזוי, אַפריהער בעטעלט עס אויס ווי געהעריג איז," האָט דער שנאָרער געלאַכט. „דאָ האָט איהר אייער ערשטע לעקציאָן אין בעטלעריי. בעל הבית, אַלזאָ נאָך אַ גלאָז פון אייער אויסגעצייכענטען בראַנפען!"

און אַזוי האָט זיך דער פילאָזאָף, וועמעס גייסט האָט שטענדיג גע־דרעהט און אויף שטיקלאַך צוגליעדערט דעם וועלט־אַל, אַוועקגעלאָזט וואַנ־דערן איבער דייטשלאַנד מיט אַ בעטלער, וואָס האָט קיין אַנדער זאַך ניט אין זינען געהאַט נור אָנצופילען זיין בויך. זיי האָבען געהאַט בלויז אַ קליינעם פעלד פאַר זייער שנאָררעריי און מיט ווייניגער ערפאָלג ווי זיי האָבען ביידע

ערוואַרטעט. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס זיי האָבען צייטענווייז געהאַט נישקשה׳דיגע הכנסות, איז פונדעסטוועגען קיינמאָל ניט געווען אויף קיין רעכטע מאָהלצייט אָבצועסען, און אָפט האָבען זיי געמוזט זיך בענוגענען מיט פערשימעלטע ברויט און וואַסער, ליגען אויף האַרטען שטרוי אָדער זאָגאַר אויף דער הויהלער ערד.

„איהר שעלט ניט גענוג,״ האָט זיך דער בעטלער אָפט געבייזערט.

„פאַרוואָס קומט עס אַ מענשען גלייך צו פערשעלטען, ווען ער גיט ניט קיין נדבה?״ האָט דער פילאָזאָף כסדר געטענה׳ט. „אַחוץ דעם ווערט ער נאָך דורך דעם אַריינגעבראַכט אין כעס און איז אַסך וויניגער גענייגט עפּעס צו געבען.״

„לאָזט די פילאָזאָפיע אייערע אָן אַ זייט, שעלט!״ האָט דער בעטלער געשריען. „ווי אָפט זאָל איך אייך ערקלעהרען, אַז קללות וואַרפען אָן אַ מורא אויף דעם עולם.״

„ס׳הויבט זיך ניט אָן,״ האָט מימון געמורמעלט אַ פערציטערטער.

„ניט? יאָ, וואָס איז אַזוינס רעליגיאָן, אויב ניט מורא?״

„פאַלשע רעליגיאָן, אויב איהר ווילט. אָבער אמת׳ע רעליגיאָן איז, ווי דער רמב״ם זאָגט, דאָס דערגרייכען פון פאָלקאָמענהייט דורך דעם וואָס מען דערקענט גאָט און מען טהוט נאָך זיינע מעשים.״

ניט קוקענדיג דערויף פלעגט מימון, ווען זיי האָבען געבעטעלט צו־זאַמען, אַרויסלאָזען אָן אונדייטליך געוויין, וואָס מען האָט געקענט פונקט אַזוי גוט אָננעהמען פאַר אַ בקשה ווי פאַר אַ קללה. אַז ער פלעגט בעט־לען אַליין, דאַן פלעגען די אַלע רייד, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערענט פון דעם שנאָרער, אָבשטאַרבען ביי איהם אויף דער צונג. אָבער זיין שטיל־שווייגען פלעגט אַרויסרופען מעהר רחמנות ווי זיינע רייד. וואָרים ער איז אַרומגע־גאַנגען באָרוועס און כמעט נאַקעט. דאָך אין רעכטען מיטען פון אָט די אַלע שרעקליכע אומשטענדען האָט זיין גייסט ניט אויפגעהערט צו דרעהען און צו קעהרען דעם אוניווערזום, איהם שאַרפזיניג צו צוגליעדערן, צו וואָס דער מוח פון׳ם פוילישען אידען איז געווען צוגעגרייט דורך גאַנצע יאָהר־הונדערטע פון איבערגעשפיצטקייט. איצט איז אָט די גייסטעס־אַרבייט צום ערשטען מאָל וויסענשאַפטליך אָנגעווענדעט געוואָרען אויף דיווירקליכע וועלט, אַנשטאָט דעם וואָס זי איז פריהער פאַנטאַסטיש אָנגעווענדעט גע־וואָרען אויף דער תורה. און פילייכט האָט איהם דאָס רעטעניש פון דעם דאַזיין, וואָס האָט אַזוי דרייסט, אַזוי העזה׳דיג אַרויסגעבלישטשעט פון די שטערען, אַם שטאַרקסטען געמאַטערט דאַן, ווען ער פלעגט ליגען אויף דער הוילער ערד.

אַזוי איז אַריבער אַ האַלב יאָהר צייט. ניט מימון האָט זיך אויסגעלע-רענט בעטלען, ניט דער בעטלער האָט זיך אָנגעאייגענט די פרינציפּען פון מאָראַל. ווי אָפט האָט זיך דער פילאָזאָף פערבייַנקט נאָך זיין אַלטען פריינד לפידות, דעם קברות-מאַן'ס איידים, כדי מיט איהם צו ריידען איבער אַלע מעגליכע זאַכען, אָנשטאָט צו פערברייַנגען מיט דעם דאָזיגען געזונ-קענעם וואַגאַבונד. זיי ביידע, ער און לפידות, זיינען דאָך אויך געוועזען אָרים געגוג, אָבער אַך, ווי אַנדערש האָבען זיי זיך בענומען דערמיט! ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי לפידות האָט ווי עס איז אָנגעשפּילעט דעם אויסגע-ריסענעם אַרבעל צום ראָק און דערביי האָט ער אויסגערופען: „זעה איך ניט אויס ווי אַ שלאַכציץ, ווי אַ פּריץ?" ער ווידער פלעגט תמיד ריהמען די מעלה פון זיינע צוריסענע שיך: „זיי פערשפּאָרען צו קוועטשען אין די שפּיץ פינגער." ווי האָבען זיי, ער און דעם קברות-מאַן'ס איידים, דער-מאָלט געשפּיעלט די ציניקער און מיט'ן רידעל אויסגעגראָבען די הויהלע ביינער פון דער מענשליכער טוגענד. פּונקט אַזוי איבערצייגט ווי די גבאים פון דער שוהל פלעגען זיך, אין דער צייט פון אַ מגפה, אַרויסלאָזען איבער דער שטאָדט זוכען חטאים ביים עולם, אַזוי האָבען זיי ביידע זיך געסטאַ-רעט אויפצודעקען די געהיימע זינד פון די כלומר'שטע צדיקים.

„פאַלשע זעלבסט-צופריעדענקייט איז דער יסוד פון צופרידענקייט." אַזוי האָט לפידות איינמאָל, ווען זיי זיינען אַרומגעגאַנגען ביי דער שטאָדט-מויער, געמאַכט דעם סך הכל פון די אַלע אונטערזוכונגען.

דערויף האָט מימון בעמערקט: „פריינד, פאַרוואָס זשע זיינען מיר אַזוי זעלבסט-צופריעדען, ווען מיר משפּט'ן אָב די אַנדערע? לאָמיר זיין גערעכט און בעסער אָנווענדען אונזער קריטיק אויף זיך אַליין. דאָס איצטיגע לעבען, וואָס מיר פיהרען, איז בלויז דער רעזולטאַט פון פוילקייט, וועלכע מיר פערפּוצען מיט בעטראַכטונגען מכח דער פּוסטקייט פון אַלע זאַכען. מיר זיינען צופריעדען מיט אונזערע טראַנטעס. פאַרוואָס? מחמת מיר זייַ-נען צו פויל מעהר צו פערדיענען. מיר פעראַכטען דעם אונוויסענדען, ני-דעריגען עולם, וואָס גיט זיך אָב מיט דעם תאוה'דיגען עולם-הזה-לעבען. פאַרוואָס? בלויז דערפאַר וואָס ער לעבט אַנדערש, מחמת ער איז אַנדערש בעשאַפען ווי דו און איך. וואו ליגט דאָ אונזער גרויסקייט, ווען מיר פאָל-גען אונזערע נייגונגען, ווי זיי די זייערינע? בלויז אין דעם פאַקט, וואָס מיר זיינען זיך מודה דעם דאָזיגען אמת, בעת ווען זיי פּרעטענדירען כלומר'שט צו האַנדלען אין די אינטערעסען פון דער אַלגעמיינער ניצליכקייט און ניט כדי צו דערפילען זייערע בעזונדערע ווינשען."

„פריינד," האָט לפידות מיט אַ טיעף-גערירהטער שטימע געענטפערט,

„דו ביסט פֿאַלשטענדיג גערעכט. אויב מיר קענען אין דער צוקונפֿט ניט אויסבעסערן אונזערע פֿעהלערן, לאָמיר זיך לכל הפחות ניט אָבנאַרען ווערגען זיי, נאַר האַלטען דעם וועג אָפֿען פֿאַר פֿערבעסערונג."

אַזוי האָבען זיי זיך איינער דעם אַנדערן ערמוטהיגט צו קלאָהרער ערקענטניס און צו אַ העכערן לעבען. און נאָך אַזאַ חבר'שאַפֿט קומט איהם אויס צו פֿערברייינגען זיינע טעג מיט אַ שנאָרער! אַך, אונערטרעגליך!

אָבער ער האָט עס דאָך אַריבערגעטראָגען, ביז ס'איז געקומען די צייט, ווען די תבואה ווערט אַראָבגענומען פֿון די פֿעלדער, די צייט פֿון די ימים נוראים, ראש השנה און יום כפור, און אויך די לאַנגע קאַלטע נעכט. און דאַן האָט ער דערפֿיהלט דעם שווידער פֿון רעליגיאָן און קעלט.

ווען זיי זיינען געלעגען אין די הינטער־הייזער, דער בעטלער שלאָפֿענדיג רוהיג אין זיין דיקער יאַק און דער פֿילאָזאָף ציטערענדיג אין זיינע טראַנטעס פֿון קעלט, דאַן האָט מימון מעהר ווי אימער דערפֿיהלט זיין טיעפֿע ערנידעריגונג. זיי האָבען איצט פֿערקירעוועט זייערע טריט קיין פוילען, און יעדער טאָג האָט מימון'ן געבראַכט אַלץ נעהענטער צו דעם גוטען איינפֿלוס פֿון זיינע פֿריהערדיגע זכרונות. איינמאָל, ווען זיי האָבען איבערגענעכטיגט אין דעם אידישען אָרמען־הויז אין פּ אָ ז ע ן — וועמעס פֿאָרשטעהער האָט זיך ערנעהרט אויף אַן עהרליכען אופן דורך שניידעראַרבייט — האָט מימון ענדליך געפֿונען די קראַפֿט צו פֿאַסען אַ בעשלוס און זיך אָבצורייסען פֿון דעם שנאָרער. ער האָט אָבגעמאַכט ביי זיך, זיך אַנידערצוּוואַרפֿען פֿאַר דער טהיר פֿון דער שוהל און דאָרט געפֿינען הילף אָדער שטאַרבען. ווען זיין קאָמפאַניאָן האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און איהם גענומען פֿאָרלייגען דעם פּראָגראַם פֿון זייער טהעטיגקייט פֿאַר דעם טאָג, האָט ער פֿעסט געזאָגט: „ניין, איך זאָג זיך אָב פֿון דער שותפות."

„אָבער פֿון וואָס וועט איהר פֿאָרט לעבען, איהר לא־יוצלח וואָס איהר זייט?" האָט זיין חבר געפֿרעגט מיט ערשטוינונג. „איהר, וואָס איהר קענט דאָך אפילו בעטלען אויך ניט?"

„גאָט וועט העלפֿען," האָט מימון מיט אַן איינגע'עקשן'טען טאָן געענטפֿערט.

„זאָל אייך גאָט העלפֿען," האָט דער בעטלער געזאָגט.

מימון איז אַוועק אין תלמוד תורה. דער מלמד איז גראָד ניט געווען דאָרט, און אַ ליאַרמענדע מחנה פֿון אינגלעך האָט איהם אויפֿגענומען. זיי האָבען אויפֿגעהערט שפיעלען אָדער לערנען און זיך אַרומגעקליבען אַרום דעם אָבגעריסענעם, איהם פֿערוואַרפֿענדיג מיט אַלערליי פֿראַגען און מאַכענדיג חוזק פֿון זיין ליטווישער אויסשפּראַך — זיין פֿערבייטען דעם „ש" אויף „ס".

אָבער דאָס האָט דעם פילאָזאָף ניט אָבגעשראָקען. צום גליק איז איהם אַרויף אויף'ן זינען, אַז ער האָט דאָ אין פּאָזען אַן אַלטען פריינד, וואָס איז אָנ-געקומען אהער אַלס הויפּט-שרייבער ביים אויבער-ראַבינער, און ער האָט זיך איצט נאָכגעפרעגט אויף איהם. די ידיעה, אַז דער אויבער-ראַבינער איז אַוועק אויף אַן אַנדער שטעלע, מיטנעהמענדיג זיין שרייבער מיט זיך, האָט איהם פון דאָס נייע אַריינגעבראַכט אין פערצווייפלונג. אַ פונק פון האָפנונג האָט זיך דאָך בעוויזען פאַר איהם, ווען ער איז געוואָהר געוואָרען, אַז דעם שרייבער'ס אינגעל איז איבערגעבליבען אין פּאָזען ביי דר. הירש יאַנאָוו, דעם נייעם אויבער-ראַבינער.

אָט דער אינגעל איז פאַר איהם ווירקליך געווען אַן ערלייזער. ער האָט דערצעהלט דעם דר. הירש יאַנאָוו, אַז אַ גרויסער למדן און אַ פרומער מאַן איז דורך אַ צופאַל אַריינגעפאַלען אין עלענד און נויט. און ריכטיג! דער גוטהאַרציגער מאַן האָט תיכף געשיקט רופען מימון'ן, האָט איהם פערהערט און געפינענדיג, אַז זיין לומדות איז ווירקליך זעהר גרויס און טיעף, האָט ער מטלא געווען זיין בקשה און איהם געהייסען בלייבען אין פּאָזען איבער די הייליגע טעג. דאַן האָט ער איהם אַוועקגעגעבען דאָס גאַנצע געלד, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך — דער פערהאַרטעוועטער בעטלער האָט עס צוגענומען, ניט ווערענדיג רויט דערביי — איהם איינגעלאַדען אויף יעדען שבת אַלס אורח ביי זיין טיש און מיטגעשיקט מיט איהם דעם אינגעל, ער זאָל איהם קריגען אַ „בכבוד'יגע קוואַרטיר".

יענעם נאָכמיטאָג, ווען ער האָט פערלאָזען דעם ראַבינער'ס הויז, האָט מימון מיט זיינע אייגענע אויערן געמוזט צוהערען די קולות און די פאַר-ווירפע פון דער רבי'צין.

„אַזוי!" האָט זי געשריען אויף איהר מאַן. „דו האָסט שוין ווידער אַוועקגעגעבען דאָס געלד, וואָס איך דאַרף האָבען פאַר מיין בעל הבית'יש-קייט, צו אַ לומפּ און אַ טויגעניכטס. מיר וועלען דאָך קיינמאָל ניט אַרויס-קריכען פון אונזערע חובות."

„שטיל ! שטיל !" האָט דער רב מיט אַ מילדען טאָן געזאָגט. „ער קען דיך נאָך דערהערען און דו וועסט פערלעצען די געפיהלען פון אַ גרוי-סען למדן. דאָס געלד האָט מען מיר געגעבען אויף צו צוטהיילען."

„די געשיכטע האָט שוין אַ באָרד," האָט די רבי'צין מיט כעס געשריען.

„ער איז אַן אמת'ער צדיק," האָט דער אינגעל געזאָגט מימון'ן אויף'ן וועג. „ער פאַסט יעדען טאָג פון דער וואָך ביז נאַכט, און אַ חוץ שבת עסט ער קיינמאָל קיין פלייש ניט. ער קריגט קליינע שכירות, אָבער ער איז בע-ליעבט און געאַכטעט ביי אַלעמען. מען רופט איהם דער חריף". מימון האָט

איינגעשטימט מיט דעם אַלגעמיינעם אורטהייל. דער גוטהאַרציגער, אָבגע־צעהרטער הייליגער מאַן האָט אָנגעריהרט די אַלטע שפּרונדושינעס פון זיין רעליגיעזען געפיהל און אַרויסגערופען טרעהרען פון מעהר ווי דאַנקבאַרקייט אין זיינע אויגען.

זיין זעעלע האָט אויף אַ מאָמענט געפיהלט די ווירקונג פון יענער אי־בערליכער וועלט, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען דורך דאָס אידישע האַרץ, פון יענער שעהנער וועלט פון צערטליכסטער ליעבשאַפט און שטריינגסטען געזעץ, אין וועלכער הקדוש ברוך הוא (וואָס האָט אויסגעקליבען דאָס פאָלק ישראל צו פערשפּרייטען הייליגקייט צווישען די אַנדערע פעלקער) טהוט זיך אויף אַ מיסטישען אופן אָן אין טלית און תפילין און איז מתפלל צו זיך אַליין: „יהי רצון — עס זאָל זיין מיין ווילען, אַז מיין רחמנות זאָל בייקו־מען מיין צאָרן.“

ווי גרויס איז געוועזען מימון׳ס איבערראַשונג, ווען ער האָט געקריגען אַ קוואַרטיר ניט ערגעץ אויף אַן אָרעמען בוידים, נאָר אין אַ שטודיר־צימער ביי איינעם פון די אָנגעזעהענסטע אידען פון דער שטאָדט. נאָך גרעסער איז זיין ערשטוינונג געוועזען, ווען ער האָט דער בעל הבית׳טע געגעבען עטליכע העלער מיט דער בקשה, איהם צו קויפען אַביסעל גריץ אויף וועטשערע.

„ניין, ניין,“ האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל. „דער אויבער־ראַבינער האָט אונז ניט אָנגעזאָגט, אייך צו קויפען גריץ. מיין מאַן און מיין זוהן זיי־נען ביידע לומדים, און אַזוי לאַנג ווי איהר האַלט זיך אויף דאָ אין פּאָזען, וועט עס פאַר זיי זיין אַ גרויסע פרייד, ווען איהר וועט אונז אָנטהון דעם כבוד און עסען ביי אונזער טיש.“

מימון האָט גאָר ניט געוואָלט גלויבען זיינע אייגענע אויערן; נאָר די אויסגעצייכענטע וועטשערע איז געוועזען אַן אונבעשטרייטבאַרער בעוויז, אַז ער האָט דער בעל הבית׳טע ריכטיג פערשטאַנען. דערנאָך האָט מען איהם געגעבען אַ ריין בעט. אַך, ווער קען בעשרייבען דאָס זיסע געפיהל, אויס־צושטרעקען די צובראָכענע גליעדער אויף ווייכע פעדערן! וואָס פאַר אַ תענוג דאָס איז צו ליגען אויף ריינע, שמעקענדע בעט־געוואַנד, ווען מען האָט אַ האַלב יאָהר נאָכאַנאַנד זיך אַרומגעוואַלגערט אין שטאַלען!

ס׳איז געוועזען די העכסטע גליקזעליגקייט פון זיין לעבען. אַוועקגעטראָ־גען צו ווערן פון אַזאַ כוואַליע פון גליק, דאָס האָט איהם נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט און וועט איהם אויך קיינמאָל ניט פּאַסירען. שוואַך־קעפּ מעגען פלאַפּלען וויפיעל זיי ווילען, האָט ער זיך געטראַכט, אָבער וואָס פאַר אַ גייסטיגעס פערגניגען קען גאָר פערגליכען ווערען מיט דעם געניוס פון די חושים? האָט איהם זאָגאַר די ערפילונג פון זיין אַמאָליגען רמב״ם׳שען

אידעאַל — דאָס דערגרייכען פֿון דער פֿאָלקאָמענהייט — צי האָט איהם דאָס אפילו געקענט פֿערשאַפֿען אַזאַ תענוג ? פֿערנומען מיט די דאָזיגע געדאַנקען, איז דער פֿילאָזאָף אַריינגעפֿאַלען אין אַ זיסען שלאָף.

שפּעט, זעהר שפּעט האָט ער זיך אויף מאָרגען אויפֿגעהויבען פֿון זיין וויכען געלעגער. דאַן איז ער אַוועק צו זיין וואָהלטהעטער, צום אויבער־ראַבינער, וועלכער האָט איהם געהייסען קומען.

„נו, ווי געפֿעלט אייך אייער קוואַרטיר ?" האָט געפֿרעגט דער גוט־האַרציגער רב.

מימון האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין. „כ'בין געשלאָפֿען אין אַ בעט !" האָט ער געשלוכצט. „אין אַ בעט בין איך געשלאָפֿען !"

אין צוויי טעג אַרום איז מימון מיט אַ פֿרעהליכען פּנים און מיט אַ פֿרומער מיענע אַריינגעקומען אין אָרמען־הויז. ער איז געווען פֿאָלשטענדיג פֿערוואַנדעלט: אָנגעטהון אין רבנ'ישע קליידער מיט ווייסע, ריינע אונטער־וועש, וואָס איז געקויפֿט געוואָרען פֿאַר דער רביצין'ס הויז־געלד. דאָרט אין'ם אָרמען־הויז האָבען איהם מיט אונגעדולד ערוואַרט דער שניידער און זיין פֿרוי און אויך זיין געוועזענער קאָמפּאַניאָן, וועלכע האָבען אַלע שוין געוואוסט פֿון זיין גליק. אַ קוק טהוענדיג אויף איהם, זיינען זיי אַ ווײַלע געבליבען שטעהן ווי צומישטע. דאַן האָט די אָרעמע מוטער גענומען איהר קליין קינד אין די אָרעמס, און מיט טרעהרען אין די אויגען האָט זי גע־בעטען דעם רב'ס ברכה ; דער בעטלער ווידער האָט געבעטען, ער זאָל איהם מוחל זיין פֿאַר זיין גראָבער בעהאַנדלונג, און אין איין וועגס האָט ער ניט פֿערגעסען צו בעטען אַ נדבה.

מימון האָט געגעבען דעם קינד זיין ברכה און דעם שנאָרער אַלעס, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אין טאַש. דאַן איז ער אַוועק פֿון דאָרט טיעף גערירט.

דערווייל האָט זיך זיין נאָמען פֿערשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָדט. אַלע לומדים זיינען געקומען זיך זעהן מיט איהם און זיך מתוכח זיין מיט דעם בעריהמטען רייזענדען רב וועגען אמונה־זאַכען. ער האָט געקריגען אַ שטעלע אַלס הויז־לעהרער ביי אַ רייכער פֿאַמיליע ; זיין לומדות האָט מען געהאַלטען פֿאַר איבער־מענשליך און איהם אַליין כמעט פֿאַר געטליך. איינ־מאָל האָט מען איהם געוויזען אַ שווינדזיכטיג קינד ; ער האָט עס בעטראַכט און געזאָגט, אַז ער צווייפֿעלט, צי עס וועט געזונד ווערן. דאָס קינד איז געשטאָרבען, און מימון איז פֿערעהרט געוואָרען אַלס נביא. ס'האָט ניט געהאָלפֿען זיין טענה'ן, זיינע ערקלעהרונגען, — אַ נייער נביא איז אויפֿגע־שטאַנען צווישען דעם פֿאָלק ישראל.

און אַזוי זיינען אַריבער צוויי גליקליכע יאָהר—אין גליק און אין כבוד, ווען מען זאָל דעם פילאָזאָף נים וועלען מאַכען קיין פאָרוואורף, וואָס ער האָט פאַר דער צייט גאָר פערגעסען אָן זיין פאַמיליע. אָבער ביסלאַכווייז איז איהם דאָס דאָזיגע לעבען נמאס געוואָרען, און זיין רוהלאָזער גייסט און קערפער האָבען אָנגעהויבען מיעד ווערן פון דער אַבערגלויבישער סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט.

מיט אַמאָל איז בעקאַנט געוואָרען אין שטאָדט, אַז ער איז אַן אפיקורס. מען האָט זיך גענומען אַרומקוקען, אַז ער קומט זעלטען אין שוהל דאַוונען. מען האָט אָנגעהויבען מורמלען אין דער שטיל וועגען די דרייסטע, אפיקורס'ישע רייד זיינע; די פערפאָלגונג האָט גענומען צונויפזוכען איהרע וואָפען געגען איהם.

מימון'ס זאָרגלאָזיגקייט איז אויך אויסגעלייגט געוואָרען געגען איהם. ביי דעם אַריינגאַנג פון דעם פאָזענער ראַטה-הויז, צוגעשלאָגען צו דער וואַנד, איז פון אַלטע, אַלטע צייטען געווען אַ האָרן פון אַ הירש. צווישען די דאָרטיגע אידען איז, אויך פון שנים קדמוניות, געווען אָנגענומען דער גלויבען, אַז דער, וואָס ריהרט אָן דעם דאָזיגען האָרן, מוז תיכף אויף'ן שטעל שטאַרבען. אַ גאַנצע מאַסע פון פערשיעדענע מעשיות פלעגט מען וועגען דעם דערצעהלען מימון'ן, וועלכער האָט זיך נים געקענט איינהאַלטען און חוזק געמאַכט דערפון. איינמאָל, ווען ער איז פערבייגעגאַנגען פערביי דעם הירש-האָרן, האָט ער זיך אָבגערופען צו זיינע בעגלייטער: איהר פאָ-זענער שוטים, וואָס זשע, איהר גלויבט טאַקע באמת, אַז דער, וואָס ריהרט אָן דעם האָרן, מוז גלייך אויף'ן שטעל שטאַרבען? אָט זעהט, איך ריהר איהם אָן."

מיט אויפגעריסענע אויגען, פול מיט שרעק, האָבען זיי געקוקט אויף זיין לעסטערענדער האַנד. זיי האָבען ערוואַרט צו הערען דעם טעמפען פאַל פון זיין קערפער. אָבער מימון איז זיך מיט אַ שמייכעל אַוועק ווייטער.

וואָס האָט ער זיי דערמיט בעוויזען? בלויז אַז ער איז אַ פערהאַסטער אפיקורס, אַ מחלל הקודש, אַ שענדער פון הייליגטהימער.

דער פערלעצטער פאַנאַטיזם, וועלכער האָט איהם אַצונד פערפאָלגט מיט זיין האַס, האָט איהם אַרויסגעפאָדערט צו בעגעהן נייע צו-להכעיס'דיגע מעשים. דער רעסט פון רעליגיעזען געפיהל, וואָס האָט נאָך, געגען זיין ווילען, אָבגעקלונגען ביי איהם אין דער נשמה, האָט איהם גערייצט. וואָלט פילייכט אַ העכערע אויפקלעהרונג איהם געקענט בעפרייען פון דעם דאָזיגען נאַכט-שד? ווידער אַמאָל האָט ערוואַכט זיין טרוים וועגען בערלין. ס'איז אמת, אַז אויך דאָרט הערשט דער פאַנאַטיזם, אָבער די אויפקלעהרונג געהט

זיך זיכער איהר גאַנג. מענדעלזאָהן'ס נאָמען, זיין בעריהמטקייט און זיין איינפלוס האָבען וואָס ווייטער אַלץ מעהר געוואַקסען און זיינען איצט גע־שטאַנען אויף דעם העכסטען פונקט, וואָרים לעסינג האָט געהאַט אָנגע־שריבען זיין „נאַטהאַן דער ווייזע" (נתן דער חכם). אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם שטורם, וואָס די פערעפענטליכונג פון דעם דאָזיגען ווערק האָט אַרויסגערופען, ניט קוקענדיג אויף דעם חרם, וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף דעם טהעאַטער שטיק און אויף זיין פערפאַסער אי אין קאַטוילישע אי אין פראָטעסטאַנטישע לענדער, האָבען פונדעסטוועגען די פאַנאַטישסטע קריסטליכע שונאים פון דעם דרייסטען פריידענקער ניט געקענט בעהויפטען, אַז דער כאַראַקטער איז אַן אונמעגליכער.

וואָרים דאָרט — אין דער סאַמע הויפטשטאָדט — האָט געלעבט דער חכם גופא, דער דוד פון דעם דראַמאַטורג'ס יונתן, דער מיטגליעד פון'ם קאַפע־הויז פון די געלערענטע, דער פריינד פון פרינץ שאַומבורג־ליפע, דעם קעניג'ס איינענער בעשיצטער איד, — דער מאַן, אויף וועמען דער פילאָזאָף לאַוואַטער האָט געזאָגט, אַז דער אונפאַרטייאישער פרענאָלאָג וואָלט פון יעדען געזיכט־צוג זיינעם געקענט אַרויסלעזען סאָקראַטעס'עס נשמה.

און ער, מימון, וועלכער איז ניט וויניגער געוועזען בעגאַבט מיט זשעניע, וואָס האָט ער געטהאָן? אַזוי לאַנג איז ער געשלאָפען אויף אָט די ווייבע בעטען פון אַבערגלויבען און באַרבאַריזם, טויב צו יענעם פריהערדיגען רוף פון וואַהרהייט, צו יענעם יוגענד־טרוים, צו דער בייגקעניש נאָך ערקענטניס? יאָ, ער וועט פאָהרען צוריק קיין בערלין, ער וועט אַוועקטרייבען פון זיך די גערדיכטע נעבלען פון דער געהעטאָ, ער וועט זיין דער פיאָניר פון זיין פאָלק'ס אויפקלעהרונג. זיינע בעלי בתים זיינען אַלע געבליבען הייסע בעד־וואונדערער פון זיין גייסט. אָבער ניט קוקענדיג אויף זייערע פראָטעסטען האָט ער זיך מיט זיי אָבגעזעגענט, זיך געשאַפט אַ פלאַץ אין דער פראַנק־פורטער פאָסט, און מיט דעם ביסעל געלד, וואָס ער האָט זיך אָבגעשפאָרט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין בערלין. דאָס מאָל האָבען דעם גליקליכען פאַסאַזשיר ניט אָבגעוואַרט קיין אָרמען-קאָמיטעטען, און בעת דער פאָסט־וואָגען איז פערבייגעפאָהרען דעם ראָזענטהאַלער טויער, מיט דעם פרעה־ליכען קלאַנג פון דעם טרומייט, האָט עס מימון'ן אויסגעוויזען ווי אַ קלאַנג פון טריאומף איבער בערלין, ווי אַן אַרויספאָדערונגס־געשריי צו אַבערגלויבען און אונוויסענהייט.

III.

אָבער אַבערגלויבען און אונוויסענהייט זיינען נאָך געזעסען אויף'ן פערד. אמת טאַקע, אַז די, וועלכע זיינען אָנגעקומען מיט'ן פּאָסט-וואָגען, האָבען געקענט אַריינפאָהרען אונגעשטערט אין שטאָדט אַריין און זיך נעהמען אַ קוואַרטיר וואו זיי האָבען געוואָלט; אָבער די אידישע פּאָליציי-בעאַמטע פלעגען אָט די לייט דאָך ניט אַרויסלאָזען פון אויג, און שוין אויף מאָרגען נאָך זייער אָנקומען, פלעגען זיי אָנהויבען זיי נאָכשפּיאָנירען. דאָס איז געשעהן אי צו בעשיצען די אידישע געמיינדע געגען צוויי-דייטיגע אומגעבעטענע געסט, אי צוליעב דער פעראַנטוואָרטליכקייט צום שטאַאַט.

אין זיין בעשיידענער קוואַרטיר אויף'ן נייעם מאַרק האָט מימון געמוזט צוקוקען, ווי ער ווערט פערפאָלגט אויף שריט און טריט פון דעם מורא'-דיגסטען פון די דאָזיגע שפּיאָנען, וועלכער איז געווען שטאַרק אונרוהיג און גערייצט, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז ער האָט איהם שוין איינמאָל געזעהן. מימון האָט עס שפּעטער געשילדערט מיט די פאָלגענדע ווערטער: „ער האָט מיר נאָכגעשפּירט און געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ קאָמעט, וואָס רוקט זיך צום צווייטען מאָל נעהענטער צו צו דער ערד, איידער דאָס ערשטע מאָל, אַזוי אַז די געפאַהר ווערט גרעסער און דראָהענדער."

פלוצלינג האָט דער דאָזיגער שאַרף-אויגיגער שפּיאָן דערזעהן אַ העבּ-רעאישען ספר פון'ם רמב"ם מיט אַ פּירוש פון מענדעלזאָהן. „יאָ, יאָ!" האָט ער געשריען, „אָט דער סאָרט ביכער איז וואָס פאַר מיר!" און מיט סטראַ-שענדיגע בליקען האָט ער דורכגענומען דעם פילאָזאָף. „טראָגט זיך אָב פון בערלין, אַזוי גיך ווי איהר קענט נור, אויב איהר ווילט ניט אַרויסגעוואָרפען ווערן פון דאַנען מיט דעם גאַנצען פּאַראַד."

ווידער אַמאָל איז מימון געווען אין אַ פערצווייפעלטער לאַגע. זיין ביסעל געלד איז אין גאַנצען אַוועק אויף דער רייזע, און פון דאָס ניי האָט איהם אַצונד געסטראַשעט די אַנדערע זייט פון דעם ראָזענטהאַלער טויער. האָבען איהם אַלע ליידען זיינע, הייסט עס, גאָרניט גענוצט און ער שטעהט כמעט ווידער אויף דעם זעלבען פונקט, פון וואַנען ער איז אַרויסגעגאַנגען.

נאָר נאַראָנים האָבען גליק. אין אַ לאַנדסמאַן, וועלכער האָט זיך בעזעצט אין בערלין, האָט ער געפונען אַ בעשיצער. דערנאָך האָבען איהם אויך אַנדערע בעוואונדערער פון טאַלאַנט און וויסען אָנגעבאָטען קעסט און

קוואַרטיר. דער וועג צו דער קולטור איז אַלזאָ געווען פריי און ריין פון הינדערניסען.

אַ צופאַל האָט איהם אָנגעוויזען דעם מאַרשרוט. פון אַ פוטער־הענד־לער האָט מימון פאַר צוויי גראָשען אַרויסגעקריגען וואָלף׳ס „מעטאַ־פיזיק". ער האָט געוואוסט, אַז וואָלף איז געווען דער ליעבלינגס־פילאָזאָף פון׳ם טאָג. מענדעלזאָהן גופא איז דורך איהם אינספּירירט געוואָרען — מענדעלזאָהן, דער גרויסער גלויבענס־גענאָסע, מיט וועמען ער האָט איצט געהאָפט און געוואונשען צו ריידען פנים אל פנים.

מימון איז געווען ענטציקט פון זיין נייעם אוצר — פון די מאַטעמאַ־טישע ערקלעהרונגען אַזוי ווי פון די לאָגישע שליסע, וועלכע זיינען געקומען איינע נאָך די אַנדערע — ביז ער איז צוגעקומען צו די טהעאָלאָגישע אויספיהרונגען. „דער פרינציפ פון גענוגענדער פערנונפט" — יאָ, דאָס איז געווען אַ וואונדערפולע ענטדעקונג. אָבער כדי צו בעווייזען גאָט ? ניין, דערצו איז נאָך די פערנונפט נ י ט געווען גענוגענד. אויך האָט מימון אָט די נייע לעהרען ניט געקענט ברייננגען אין איינקלאַנג מיט זיין רמב"ם אָדער מיט זיין אַריסטאָטעל. גליקליכער געדאַנק! ער וועט אָנשרייבען זיינע צווייפ־לען אויף פאַפיר אין העברעאיש און צושיקען דעם מאַנוסקריפט צו הערר מענדעלזאָהן. דערוואַרעמט דורך דער האָפנונג צו קענען מאַכען דעם גרוי־סען מאַן׳ס בעקאַנטשאַפט, האָט ער געשריבען מיט אַ גליהענדען חשק או אַוועקגעשיקט דעם מאַנוסקריפט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

וועט דער לייב פון בערלין וועלען שיינקען וואָס פאַר עס איז אויפ־מערקזאַמקייט אַן אונבעקאַנטען פוילישען אידען ? מימון האָט ניט גע־דאַרפט בלייבען לאַנג אין אונגעוויסהייט. מענדעלזאָהן האָט באַלד געענט־פערט שריפטליך. ער האָט צוגעגעבען, אַז מימון׳ס צווייפלען זיינען בע־רעכטיגט, אָבער ער האָט איהם געבעטען, זיך ניט צו לאָזען ענטמוטהיגען פון זיי, נאָר פאָרטזעצען זיין פאָרשונג מיט דעם זעלבען חשק וואָס ביז אַהער. אָה, דו ריכטער אין ישראל ! באמת, נ ת ן ד ע ר ח כ ם !

אָנגעפייערט דורך דער דאָזיגער ערמוטהיגונג, האָט זיך מימון גענו־מען שרייבען אַ העברעאישע אָבהאַנדלונג, וואָס האָט געזאָלט צורייסען אָט די טהעאָלאָגישע שפין־געוועבען און דורך אַן אונגאָכגיביגע וועזענ־לעהרע פונאַנדערטרייסלען די יסודות פון דער ענטפּלעקטער אַזוי ווי פון דער נאַ־טירליכער טהעאָלאָגיע. ס׳איז געווען אַ דרייסטע אונטערנעהמונג. וואָרים זינט מימון איז געקומען קיין בערלין און האָט געלייענט מעהר פון מענ־דעלזאָהן׳ס ביכער, איז איהם קלאָהר געוואָרען, אַז דער דאָזיגער האַלט זיך

נאָך פֿאַר אַן אָנהייבער פֿון דעם אָרטהאָדאָקסישען יודענטהום. דאָס איז
פֿאַר מימון'ן אויסגעקומען אַ פּאַראַדאָקס, און ווען ער האָט עס צום ערשטען
געהערט, האָט ער עס גאָר פשוט ערקלעהרט פֿאַר אונמעגליך. אַ מאַן, וואָס
האָט געקענט צוקומען אין די הויכע פֿענסטער אינאיינעם מיט די דרייס-
טעסטע שטרייטער פֿון'ם קריסטענטהום, אַ מאַן, וועמעס דייטשע פּראָזאַ
איז געווען קלאַסיש, וועלכער האָט געקענט פֿילאָזאָפֿירען אין סאָקראַטישען
געשפּרעך אויף אַ שטייגער ווי פּלאַטאָ — אַזאַ מאַן, אַ בעשעפֿעניש פֿון
דער גהעטאָ! ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז ער האָט אויפֿגעפּאַסט זיין יודענטהום
אין אַ העברען פּלאַטאָנישען זינן; וואָרים עס איז דאָך פשוט אונמעגליך געווען
זיך פֿאָרצושטעלען, אַז ער זאָל ווירקליך זיין דער שקלאַף, דער לייב-אייגענער
פֿון דער דאָזיגער פּיינליכער רעליגיאָן: אַז ער דרעהט אַרום די תּפֿילין
אַרום דעם לינקען אָרם און שטעהט און שאָקעלט זיך מיט'ן טלית אַהין
און אַהער. על כל פּנים דאָ זיינען געווען אויסגעדריקט — אין אַ לאָגישען,
קלאָהרען העברעאיש — מימון'ס שווערע געדאַנקען און זיינע ספקות. איז
מענדעלזאָהן אויפֿריכטיג, טאָ זאָל ער אַקאָרשט פֿערענטפֿערן און ווידער-
לייגען און זיך פֿערדיענען דעם דאַנק פֿון אַ אידישער זעעלע. איז ער ניט בכח
צו ענטפֿערן דערויף, מוז ער אויפֿגעבען זיין אָרטהאָדאָקסיע אָדער בעטראַכט
ווערן אַלס אַ בעטריגער און אַ צוויי-פּנים'דיגער מענש. Amicus Mendelssohn
sed magis amica veritas. (מענדעלזאָהן איז מיר טייער, אָבער די וואַהר-
הייט איז מיר נאָך טייערער).

באמת גערעדט איז אין דער האַלטונג פֿון דעם גרויסען דייטש געווען
עטוואָס אויפֿרייצענדעס פֿאַר דעם פּוילישען אידען. ס'איז פֿאַר איהם געווען
ווי אַ געהיימער פֿאָרוואורף גענען זיין אייגענער האַלטונג. בלויז אַן אויבער-
פֿלעכליכער דיינקער, האָט ער געפֿיהלט, קען פֿערבינדען קולטור מיט גייס-
טיגער צופֿרידענהייט, שוין גאָר ניט ריידענדיג פֿון וועלטליכען ערפֿאָלג. ער
האָט איבערגעלייענט דעם פֿיעל-בעריהמטען „פֿעדאָן", וועלכען דאָס לו-
טהערישע דייטשלאַנד האָט בעגריסט אַלס אַ געגען-ווינד געגען די בעריהמ-
טע „בערלינער רעליגיאָן", צוריקגעבענדיג אַ פֿערצווייפֿעלטער וועלט דעם
גלויבען. אָט די וועלט איז אויסגעלאַכט געוואָרען אין איהרע קריסט-
ליכע האָפֿנונגען פֿון פֿראַנצויזישע וויצלינגע און מאַטעריאַליסטען אונטער
דער פֿערגיפֿטענדער ווירקונג פֿון וואָלטער, וועמען דייטשלאַנד'ס איי-
גענער קעניג פֿרידריך האָט געגעבען אַ הויכע שטעלע ביי זיך אין הויף.
אָבער וואָס פֿאַר אַ מאָדנע השערה איז דאָס פֿאַר אַ אידישען דיינקער אָנ-
צונעהמען, אַז אויב מיר זיינען ניט אונשטערבליך האָבען דאָך אונזערע
מעשים אויף דער וועלט קיין שום בעדייטונג ניט. פֿיהרט ער, מימון, דען

ניט אַן עטהיש הויכשטעהענדעס לעבען, זוכענדיג די וואַהרהייט, ניט קוּ־קענדיג דערויף וואָס ער האָט ניט קיין האָפֿנונג אויף אונשטערבליכקייט?
„איז אונזער זעעלע שטערבליך, דאַן איז די פֿערנונפֿט אַ טרוים, וואָס יוּ־פּיטער האָט אונז אַראָבגעשיקט, כדי מיר זאָלען זיך פֿערגעסען אָן אונזערע צרות, אָן אונזער עלענד; דאַן זיינען מיר אַזוי ווי די בהמות, צו זוכען פּאַשע און שטאַרבען.“ אונזינן! שעהן־ריידעריי! געוויס, זיינע בריעף צו לאַוואַטער זיינען געווען ווירקזאַם גענוג, ס'איז געלגען מוטה אין זיין עפֿענט־ליכער ענטזאַגונג פֿון'ם קריסטענטהום, אַדעל אין זיין געפֿיהל, אַז עס איז גלייכער צו פֿערשעהמען דעם אַנטיסימיטישען פֿאָראורטהייל דורך דעם כאַראַקטער איידער דורך שטרייט. ער, מימון, וואָלט עס בלויז געשטעלט דורך ביידע זאַכען. אָבער דאָס דאָזיגע „ירושלים“ מענדעלזאָהן'ס! קען אָט די טהעזע ווירקליך אונטערשטיצט ווערן? דאָס יודענטהום זאָל ניט לייגען קיין געוויכט אויף'ן גלויבען, נאָר אויף דער פֿיהרונג, אויף דעם פֿערהאַלטען זיך? איז ווירקליך ניטאָ קיין פֿערנונפֿט־צומישענדע, קיין גייסט־טויטענדע דאָגמאַ, נאָר בלויז אַן אַנטפלעקטע געזעצגעבונג? אַ איד, וואָס גיט אָב זיין לעבען דעם געזעץ און זיין האַרץ דייטשלאַנד! אָדער אויך פֿראַנקרייך, האָלאַנד אָדער בראַזיליען, ווי עס מאַכט זיך גראַד? פּאַלעסטינאַ מוז פֿערגעסען ווערן. ס'פֿערשטעהט זיך, דאָס איז דרייסט און קלוג גענוג, אָבער צי איז עס דען מעהר ווי אַ הויז, וואָס ליגט אויף'ן מיטען וועג פֿון דער אַסימי־לאַציע, פֿון דער פֿערשמעלצונג מיט די אַנדערע פֿעלקער? על כל פנים דאָ וועט ער האָבען צו טהאָן מיט אַ פּוילישען ברודער'ס וואָפֿען — טויט־ליכער ווי די וואָפֿען לאַוואַטער אָדער פֿון די נאַרישע קריסטען.

ווידער אַמאָל, מיט נאָך אַ גרעסערער אַנגסט, האָט ער געוואַרט אויף מענדעלזאָהן'ס תשובה.

זי איז געקומען — אַן איינלאַדונג אויף'ן קומענדען שבת נאָכמיטאָג. אַהאַ! די אויסערליכע פֿעסטונגען זיינען איינגענומען געוואָרען. דער גרוי־סער מאַן האָט אַנערקענט אין איהם אַ ווירדיגען פֿיינד, אַ ברודער אין דער נשמה. דאַנקבאַרקייט און זעלבסטצופֿרידענער שטאָלץ האָבען דעם בעזוך געגעבען אַ זיסען פֿאָרגעשמאַק. אַה, וואָס פֿאַר אַ קאַמפּף פֿון וויץ דאָס וועט זיין! ווי וועט ער דאָס אַביסעל אַרויסווייזען זיין גאַנצע רעדע־קונסט! ווען לפידות וואָלט געקענט זיין דערביי, איהם צו הערען!

אַז דער משרת האָט געעפֿענט די טהיר, האָט מימון דערזעהן פֿאַר זיך אַ רייהע פֿון שעהנע צימערן און אַ גרויסאַרטיגע געזעלשאַפֿט: הערען אין געפּודערטע פּאַריקען, דאַמען אין עלעגאַנטע קליידער; מימון האָט אָבגעטראָטען צוריק מיט אַ וועהטאָג אין האַרצען. אַן אונטער־שטימונג, אַז

ער געהט אין שמוציגע שטיוועל און אין אַן אומגעלומפּערטען אויבער־ראָק, האָט זיך שמערצליך אויסגעמישט מיט דעם דאָזיגען איינדרוק פון שעהנע, פּאַרפומירטע דאַמען און מיט'ן ליאַרם פון די צונגען און די קאַפּע־טאַסען. ווי איינגעוואָרצעלט איז ער געבליבען שטעהן אויף דער שוועל, און מיט אַמאָל איז איהם קלאָהר געוואָרען, אַז די גרויסע וועלט הויבט זיך ניט אָן קימערן וועגען מעטאַפיזיק. בעקוועמע, שעהנע מעבעל, אַ שטעלונג אין דער וועלט— דאָס זיינען די זאַכען, וואָס האָבען אַ ווערטה. פאַרוואָס האָט איהם זיין גאַנ־צער טאַלאַנט גאָרנישט געבראַכט פון אָט די גיטער? אָהן ווייב און קינד, אָהן געלד שטעהט ער דאָ, אַן איינזאַמע זעעלע, וואָס ראַנגעלט זיך מיט גרויסע פּראָבלעמען. ווי אַזוי האָט זיך דאָס מענדעלזאָהן'ן איינגעגעבען צו קריגען אַלצדינג? ער האָט אודאי געהאַט אַ בעסערן אויסגאַנגס־פּונקט, אַ רייכען פאָטער, אַן אוניווערזיטעטס־בילדונג. זיין צאָרן געגען דעם גליקליכען פילאָ־זאָף האָט זיך פון דאָס ניי פונאַנדערגעפלאַקערט. ער האָט אַ טראָט גע־טהאָן צוריק און צוגעמאַכט די טהיר. נאָר זי איז גלייך צוריק אויפגעעפענט געוואָרען פון אינעווייניג. אַ קליינער הויקערדיגער מאַן מיט פונקלענדע אויגען איז איהם אַנטקעגען געלאָפען.

„הערר מימון?“ האָט ער זיך געווענדעט צו איהם מיט אַ פראַגע און האָט איהם אויסגעשטרעקט די האַנד מיט אַ שמייכעל פון פריינדליכען ווילקאָמען.

צומישט פון דער פריינדליכער אויפנאַהמע האָט מימון, ניט אויסריי־דענדיג קיין וואָרט, אַריינגעלייגט זיין האַנד אין אָט דער רעכטער האַנד, וועלכע איז איהם אַזוי הערצליך אָנגעבאָטען געוואָרען. אָט אַזוי זעהט אַלזאָ אויס דער מאַן, וועמען ער האָט מקנא געווען! קיינער האָט איהם ניט דערצעהלט דערפון, אַז „נתן דער חכם“ איז אַזוי געשלאָגען. בלויז אַלס זעעלע האָט ער אַפּעלירט צו דער איינבילדונג פון דער וועלט; און זאָגאַר דער ניִעריגסטער פלוידערזאַק האָט ניט דערמאָהנט זיין קערפּער. אָבער ווי מוז איהם אָט די העסליכקייט פערביטערן זיין ערפאָלג!

מענדעלזאָהן האָט איהם שמייכלענדיג אַריינגעצויגען אינעווייניג אין שטוב, האָט איהם שטאַרק געלויבט פאַר זיינע שריפטען; ער האָט זיי גוט געקענט, יענע האַלב־שעמעדיגע, האַלב־קאַמפּפס־לוסטיגע פוילישע יונגע לייט, וועמעס מח עס ווערט שיער ניט צושפרונגען פון אפיקורס'ישע אידעען און קראַנקהאַפטע פאַנטאַזיעס. זיי האָבען איהם פער'נמאס'ט ביי זיינע אָרטהאָדאָקסישע ברידער אין די אויגען, אָט די „ירושלים־ווערט־הערס“. אָבער ווער איז נאָך מצהר צוגעפאַסט צו ווירקען אויף זיי, ווי גראָד איינער, וואָס פערשטעהט זיי, וואָס קען מיט זיי אָנגעהן פאָרזיכטיג? דאָס, וואָס איז פאַר מימון'ן געווען אַ זעלטענע עפּיזאָדע, איינציג אין

איהר אַרט, איז פֿאַר זיין גאַסט־געבער געווען אַן אַלטעגליכע עדפֿאַהרונג.

מענדעלזאָהן האָט צוגעפֿיהרט מימון'ן צו אַ פֿענסטער־ווינקעל, האָט איהם געבראַכט ערפֿרישונגען, וועלכע דער יונגער מאַן האָט גאָר אָהן צערעמאָניעס, אויף אַן אומגעלומפּערטען אופן פֿערשלונגען; ער האָט פֿערנאַכלעסיגט זיינע גרויסע געסט, וועלכע האָבען פֿונדעסטוועגען פֿער־שטאַנען ווי אַזוי צו פֿערברייננגען אָהן דעם בעל הבית, ווי עס האָט געצייגט זייער אונאויפֿהערליכער פֿרעהליכער שמועס אויף פֿראַנצויזיש. דאָס אַלעס האָט מענדעלזאָהן געטהאָן, כדי אַריינצוקוקען אין דער נשמה פֿון דעם דאָזיגען בעגאַבטען יונגען מאַן. ער האָט בעטראַכט יעדען נייעם מענשען פֿאַר אַ קאָמפּליצירט שטיק רעדער־ווערק, וואָס דער קלוגער מאַן דאַרף זוכען צו פֿערשטעהן און ניט פֿערשטויסען פֿון זיך. אָבער נאָכדעם ווי מען האָט אויסגעפֿאָרשט און דערגרונטעוועט דעם סוד פֿון'ם מעכאַניזם, איז עס די פֿליכט, איהם צו פֿערבעסערן נאָך זיין אייגענער ריכט־שנור.

„אייער אָבהאַנדלונג ווייזט אַרויס אויסערגעוועהנליכע שאַרפֿזיניגקייט, הערר מימון," האָט ער געזאָגט. „פֿערשטעהט זיך, אַז איהר ליידט נאָך פֿון דער תלמוד'ישער מעטהאָדע אָדער, בעסער געזאָגט, פֿון דעם מאַנגעל אין אַ מעטהאָדע. אָבער איהר האָט אַ ווירקליכען קוק אין מעטאַפֿיזישע פּראָבּ־לעמען, און איהר האָט בלויז געלייענט וואָלף! אָט אַפּנים איהר זייט ניט קיין „חמור נושא ספרים" (אַן עזעל, אָנגעלאָדען מיט ספרים)." ער האָט בענוצט דאָס העברעאישע ווערטעל, כדי דער פּוילישער יונגער מאַן זאָל זיך פֿיהלען היימליך, און אַ לייכטער שמייכעל האָט זיך אַריבערגעצויגען איבער זיינע געפֿיהלפֿולע ליפּען. אפילו זיין דייטש האָט אויך אין די ווערטער און אין דער בעטאָנונג אָנגענומען אַ שטיקעל פּנים פֿון זשאַרגאָן, הגם ס'איז געווען איינס פֿון די אידעאַלען פֿון זיין לעבען אָט דעם זשאַרגאָן צו דערשטיקען.

„ניין, הערר מענדעלזאָהן," האָט מימון געענטפֿערט מיט ענוות. „איהר דאַרפֿט ניט פֿערגעסען דעם „מורה נבוכים". ער איז געווען די אינספּיראַציע פֿון מיין יוגענד!"

„איז ער דאָס געווען?" האָט זיך מענדעלזאָהן אָבגערופֿען ענטציקט. „ער איז אויך געווען די אינספּיראַציע פֿון מיין יוגענד. מיט רעכט דערצעהל איך שטענדיג די בערלינער, אַז דער רמב"ם איז שולדיג אין מיין הויקער, און אַ טהייל פֿון זיי גלויבען ווירקליך, אַז איך האָב איהם געקריגען דורך דעם, וואָס איך בין צופֿיעל געזעסען איבער'ן רמב"ם."

אָט די ליעבענסווירדיגע אַרט, ווי אַזוי ער האָט גערעדט וועגען זיין אייגענעם מום, האָט דעם פֿיהלענדען מימון גערירט און איהם געמאַכט נאָך היימליכער, איידער די קאָמפּלימענטען איבער זיינע שריפֿטען און די

היימישע שפּראַך. „ביי אונז אין פּוילען," האָט ער געזאָגט, „האַלט מען, אַז אַ גאַנצער, פֿאָלקאָמענער גוף איז אַ שטעמפּעל פֿאַר דעם נאַר פֿון דער פֿאַמיליע. זיי גלויבען, אַז די פֿיינסטע, איידעלסטע נשמות קלייבען בעסער אויס צו וואוינען אין אונפֿאָלקאָמענע וואוינונגען."

מענדעלזאָהן האָט זיך פֿערנייגט מיט אַ שמייכעל. „אַ זעהר געלונגע-נער קאָמפּלימענט! אין דעם פּרט וועט איהר באַלד גלאַנצען אין אונזער בערלינער געזעלשאַפֿט.—ווי לאַנג איז שוין, אַז איהר האָט פֿערלאָזען פּוילען?"

„אַך! מעהר ווי איין מאָל האָב איך פֿערלאָזען פּוילען. איך וואָלט שוין פֿריהער געקענט האָבען דאָס גליק און די עהרע צו מאַכען אייער בעקאַנטשאַפֿט, ווען מען וואָלט מיך פֿאַר דריי יאָהרען ניט פֿערהאַלטען ביים ראָזענטהאַלער טויער."

„ביים ראָזענטהאַלער טויער! ווען איך וואָלט דאָס געוואוסט!"

טרעהרען האָבען זיך מימון'ן געשטעלט אין די אויגען — טרעהרען פֿון דאַנקבאַרקייט, פֿון מיטלייד מיט זיך אַליין און פֿון בעדויערן איבער די פֿערלאָרענע יאָהרען. אַצונד איז ער געשטאַנען אויף אַ פֿעסטען באָדען, דאָס האָט ער געפֿיהלט, און זיין פֿוס איז געוועזען אויף'ן רעכטען וועג. ענד-ליך האָט ער געפֿונען אַ מעכטיגען בעשיצער. „שטעלט זיך פֿאַר מיין ענט-טוישונג," האָט ער מיט אַ ציטערענדער שטימע געזאָגט, „נאָך דעם גאַנצען וועג, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט פֿון פּוילען אַהער."

„יאָ, כ'קען זיך עס פֿאָרשטעלען. מיך האָט מען דאָך אויך פֿערהאַל-טען ביים ראָזענטהאַלער טויער," האָט זיך מענדעלזאָהן אָבגערופֿען מיט אַ פֿערטראַכטער מיענע.

„אייך?"

„יאָ, אַלס יונגער מאַן,"

„וואָס זשע, איהר זייט ניט קיין בערלינער אַ געבוירענער?"

„ניין, אין דעסאַו בין איך געבוירען געוואָרען. ניט אַזאַ וויטער וועג ווי פֿון פּוילען. אָבער דאָך אַ היבשע שטרעקע. ס'האָט מיר גענומען פֿינף טעג — איך בין ניט אַ הערקולעס ווי איהר — און וואָלט איך ניט געוועזען גליקליך גענוג אַרויסצושטאַמלען, אַז איך וויל ווערען אַ תלמיד פֿון דר. פֿריינקעל, דעם נייעם אויבער־ראַבינער פֿון דער שטאָדט, וואָלט מיר דער בייזער צ ע ר ב ע ר ו ס *) צוגעהאַקט דעם טויער פֿאַר דער נאָז. מיין גליק

---

*) צ ע ר ב ע ר ו ס איז אין דער גריכישער מיטהאָלאָגיע דער נאָמען פֿון אַ טייוועל אין געשטאַלט פֿון אַ דריי-קעפּיגען הונד, וועלכער איז געשטעלט צו היטען דעם גיהנום. איצט בענוצט מען זיך מיט דעם וואָרט צו בעצייכנען אַ ברוטאַלען, בייזען שומר.

(דער איבערז.)

איז געווען, וואָס פֿריינקעל איז געקומען פֿון דעסאַו און איז געווען מיין רבי. איך געדיינק נאָך, ווי אַזוי איך בין געשטאַנען מיט איהם אויף אַ בערגעל און האָב געוויינט, בעת ער האָט געדאַרפֿט אָבפֿאָהרען קיין בער־לין, ווי אַזוי ער האָט מיך אַרומגענומען אין זיינע אָרעמס און געזאָגט, אַז איך וועל נאָך אויך אַמאָל קומען קיין בערלין. דערפֿאַר ווען איך בין גע־קומען, האָט ער זיך ניט געקענט העלפֿען און געמוזט טהון, וואָס ער האָט געקענט פֿאַר מיר."

„וואָס זשע, פֿון אייערע עלטערן האָט איהר גאָרנישט געהאַט?"

„בלויז אַ שעהנע האַנדשריפֿט פֿון מיין פֿאָטער, וועלכע איך האָב זיך ערוואָרבען דורך דעם, וואָס איך פֿלעג פֿאַר אַ פּאָר גראָשען איבערשרייבען מאַנכע זאַכען, און וועלכע איז נאָך אַצונד די פֿרייד פֿון די דרוקער. ער איז געווען אַ סופר, דער פֿאָטער מיינער, און ער פֿלעגט שרייבען ספר תורה'ס. נאָר ער האָט געוואָלט איך זאָל ווערען אַ הויזירער."

„אַ הויזירער!" האָט מימון מיט ערשטוינונג אויסגערופֿען.

„יאָ, פֿערשטעהט איהר מיך, דאָס געלד קומט דערביי אַריין גלייך, אין מזומן. איך האָב כמעט געהאַט אַ קאַמפּף איהם צו איבערצייגען, אַז איך טויג בעסער פֿאַר אַ רב. כ'האָב מורא, אַז איך בין געווען אַ צו הי־ציגער און אונגעדולדיגער בחור. ער האָט אַלזאָ ניט געגלויבט אין מיין צוקונפֿט אַלס ראַבינער. און אַפּנים אַז ער איז פֿאָרט געווען גערעכט — יואָרים אַ מיטגליעד פֿון אַ געלערענטער אידישער אָדער קריסטליכער גילדע בין איך קיינמאָל ניט געווען."

„איהר האָט אַלזאָ געהאַט אַ שווערע צייט, ווען איהר זייט דעמאָלט אָנגעקומען קיין בערלין?" האָט מימון מיט מיטגעפֿיהל געזאָגט.

מענדעלזאָהן'ס אויגען האָבען זיך פֿאַר אַ מאָמענט אַזוי ווי אַריינגע־קעהרט אינעווייניג, דאַן האָט ער מיט אַ מילדען טאָן ציטירט פֿון פּרק: „פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן וחיי צער תחיה ובתורה אתה עמל" (ברויט מיט זאַלץ זאָלסט דו עסען, וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסט דו טרינקען, אויף דער הוילער ערד זאָלסט דו שלאָפֿען, און אַ לע־בען פֿון צער זאָלסט דו לעבען, און אויף דער תורה זאָלסט דו האָרעווען!).

די דאָזיגע ווערטער האָבען מימון'ן דורך און דורכגענומען. די שעהנע מעבעל און די פֿיינע געזעלשאַפֿט האָבען פֿערלאָרען זייער גלאַנץ ביי איהם אין די אויגען, זיינען געוואָרען מאַט און בלאַס, און ער האָט נור געזעהן די זעעלע פֿון אַ מיט־אידעאַליסט, פֿאַר וועמען אָט די אַלע זאַכען זיינען בלויז געווען אַן אונבעדייטענדער הינטערגרונד.

„אַך יאָ," האָט מענדעלזאָהן ווייטער געזאָגט. „איהר דיינקט אודאי,

אַז איך זעה ניט אויס ווי אימיצער, וואָס פֿלעגט אַמאָל צושניידען זיין לעבעל ברויט אויף גלייכע חלקים, כדי ניט צו עסען צופֿיעל אין איין טאָג. נו, טאָ זאָל אייך דער געדאַנק טרייסטען, אַז אויך פֿאַר אייך איז אָנגעגרייט אַ בעקוועמע היים אין בערלין."

דער אָרעמער מימון האָט בגנבה געוואָרפֿען אַ בליק אויף דער מונטערער, בלוי־אויגיגער בעל הבית'טע, וועלכע איז מיט אַזוי פֿיעל גראַציע אַרומגעגאַנגען אַרום איהרע געסט, אונטערשטיצט פֿון צוויי שעהנע יונגע דאַמען אין פֿאַריזער טואַלעטען — אויגענשיינליך איהרע טעכטער. ער האָט אַ זיפֿץ געטהאָן, זיך דערמאָנענדיג אָן זיין דאָרפֿישער פֿרוי און די אונערצויגענע קינדער, וועלכע וואַקסען אויף אין טיעפֿסטען אַבערגלויבען; נו, געוויס מוז ער געבען שרה'ן אַ גט.

„איך קען זיך ניט איינבילדען אַזעלכע חלומות אין מיט'ן העלען טאָג," האָט ער מיט אַ האָפֿנונגסלאָזען טאָן געזאָגט.

„אָבוואַרטען! אָבוואַרטען! אַזוי לאַנג ביז וואַנען איהר וועט מעהר ניט פֿערשווענדען אייער צייט אין טרוימען. דאָס איז די געפֿאַהר ביי אייך, בעגאַבטע פּוילישע יונגע לייט — איהר זייט אַזעלכע טרוימער. אַלעס אין לעבען היינגט אָב פֿון בעשטענדיגקייט און געדולד. ווען מיר, פֿראָמעט — מיין פֿרוי — און איך, האָבען צוערשט אויפֿגענומען געסט ביי אונז אין שטוב, פֿלעגען מיר מוזען אָבצעהלען די מאַנדלען און די ראָזינקעס, וואָס מיר פֿלעגען דערלאַנגען פֿאַר אַ נאָכשפּייז. מיר האָבען אָנגעפֿאַנגען מיט אַ קליין הייזעל און אַ גאָרטען אין דער אומגעגענד, און די הויפּט מעבעל אונזערע", האָט ער געזאָגט, לאַכענדיג ביי דער עראינערונג, „איז בעשטאַנען פֿון צוואַנציג פֿאָרצעלייענע אַפּען, ווי לעבעדיגע די גרויס."

„צוואַנציג פֿאָרצעלייענע אַפּען!"

„יאָ, אַזוי ווי יעדער אידישער חתן האָב איך געמוזט קויפֿען אַ בעשטימטע צאָהל פֿאָרצעלייענע זאַכען, כדי צו אונטערשטיצען די אָרטיגע פֿאַבריקאַציע; און אויף מיין גורל זיינען אויסגעפֿאַלען די אַפּען. אַה, מיין פֿריינד, וואָס דאַרפֿען די אידען פֿון דייטשלאַנד ניט אונטערשטיצען! די שטייערן ליגען נאָך אויף אונז, אָבער די ר ש ע ו ת" — און ווידער האָט ער אַ פֿריינדליכען שמייכעל געטהאָן, זיך בענוצענדיג מיט דעם דאָזיגען העברעאיש־זשאַרגאָנישען וואָרט — „ווערט קלענער פֿון טאָג צו טאָג. יאָ, אַ איד האָט ניט געקענט דורכגעהן די גאַסען פֿון בערלין, מען זאָל איהם ניט אויסלאַכען און בעליידיגען, און מיינע קליינע חברה פֿלעגען אָפֿט פֿרעגען: „פֿאָטער, איז עס דען שענדליך צו זיין אַ איד?" איך דאַנק דעם

אַלמעכטיגען, וואָס איך האָב דערלעבט ביים סוף פֿון מיינע טעג צו זעהן די אידישע פֿראַגע אויף אַ העכערען שטאַנדפּונקט."

„דאָס דאַרף מען א י י ך ליעבערשט דאַנקען דערפֿאַר," האָט מימון אויסגערופֿען מיט אַ סקעפּטישען ענטהוזיאַזם.

„מיר?" האָט מענדעלזאָהן געזאָגט מיט דער אויפֿריכטיגער בעשיי־דענהייט פֿון אַ מאַן, וואָס יעדע עפֿענטליכע ערקלעהרונג זיינע ווערט אַרויסגעקריגען פֿון איהם נור דורך דעם צוואַנג פֿון אַנדערע, און וועלכער איז שעהמעדיג און צוריקגעהאַלטען ווי אַ קינד און ווייסט אַליין ניט פֿון זיין אייגענעם איינפֿלוס. „ניין, ניין, ניט מיר, נאָר מ אָ נ ט ע ס ק י ע, ד אָ ה ם און מיין טהייערען ל ע ס י נ ג. אָרעמער מענש, די קריסטליכע פֿרומאַקעס פֿערפֿאָלגען איהם איצט ווי אַ פּלאָג פֿון שטעכעדיגע פֿליגען. איך וואָלט כמעט צופֿרידענער געווען, ווען ער וואָלט ניט געשריבען זיין „נתן דער חכם". נאָר עס טהוט מיר אמת הנאה, וואָס איך האָב איהם ניט בעוואויגען דערצו, נאָר אַז ער האָט אָנגעשריבען אַ אידען־פֿריינדליכעס שטיק נאָך איידער מיר האָבען זיך בעקענט."

„ווי אַזוי האָט איהר זיך בעקענט מיט איהם?"

„כ'קען זיך קוים עראינערן ווי אַזוי. ער איז שטענדיג געווען אַ פֿריינד פֿון די אויסגעשטויסענע — אַן אמת'ע קינסטלער־נאַטור, וואָס האָט זיך ליעבערשט גע'חבר'ט מיט שוישפּיעלער און סאָלדאַטען, איידער מיט די בער־לינער ביער־זויפֿענדע קרעמער. אָה יאָ, כ'מיין, מיר האָבען זיך בעקענט ביי אַ פּאַרטיע שאַך. דאַן האָבען מיר צוזאַמען געשריבען אַן אָבהאַנדלונג אי־בער פּ אָ פּ. טהייערער גאָטהאָלד! וואָס האָב איך איהם ניט צו פֿער־דאַנקען? מיין פּאָזיציאָן אין בערלין, מיין פֿערשטענדניס פֿאַר ליטעראַ־טור — וואָרום מיר אידען האָבען אין גאַנצען דערשטיקט אונזער ליעבע צום שעהנעם און זיינען אָבגעשטאָרבען פֿאַר פּאָעזיע."

„יאָ, אָבער וואָס איז דען אַ פּאָעט, אויב ניט אַ ליגנער?"

„אַך, מיין ליעבער הערר מימון, איהר וועט ענדערן אייער מיינונג. איך מוז אייך אַנטלייהען ה אָ מ ע ר. גייסטיגע גריבלעריי איז ניט אַלצדינג. וואָס איז שייך צו מיר, האָב איך קיינמאָל ניט בעדויערט, וואָס איך האָב צוגענומען פֿון דער בכבוד'יגער בעל־הבית'טע פ י ל אָ ז אָ פ י ע אַ טהייל פֿון מיין ליעבע, כדי עס צו געבען איהר דיענסטמיידעל "belles-lettres" (שעהנע ליטעראַטור). ס'טהוט מיר לייד, וואָס איך מוז זיך בענוצען מיט אַ פֿראַנ־צויזישען וואָרט, אָבער ס'איז ניטאָ קיין בעסערס דערפֿון. איהר שמייכעלט, צו געפֿינען אַ אידען, וואָס איז נאָך מעהר דייטש איידער די דייטשען אַליין."

„ניין, איך מוז שמייכלען, ווייל איך הער אַרום מיר בלויז פראַנצויזיש! איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב געלייענט אין אייערע „פילאָזאָפישע גע־שפּרעכען" דעם אויפרוף צו די דייטשען, אַז זיי זאָלען ניט אויסבייטען זייער אייגען גאָלד פאַר דאָס פליטער־גאָלד פון זייערע שכנים."

„יאָ, אָבער וואָס קען מען טהאָן דערצו? ס'איז אַ מאַניע ביי די בער־לינער; און ווייסט איהר? דער קעניג אַליין... תחילת האָבען אונזערע אי־דישע מיידלאַך ניט געהאַט קיין אַנדער אינטערעס, נאָר צו פערברייננגען מיט די יונגע פראַנטען, וועלכע זיינען אַריבערגעשיקט געוואָרען אָהער פון זייערע פאָטערס, נאָר דער איינפלוס פון מיינע ליעבע טעכטער — דאָרט, די שעהנע איז דאָראָטהעאַ, די עלטערע, און די אַנדערע, וועלכע איז עהנליך צו מיר, איז הענריעטע, — זייער איינפלוס טהוט פיעל איינצוהאַלטען דעם שטראָם פון לייכטזיניגקייט און מאַטעריאַליזם. אָבער זעהט נאָר, איז, הייסט עס, נאָך דאָ אימיצער, וואָס לייענט מיינע „פילאָזאָפישע געשפּרעכען", מיין לעהרלינגס־ווערק! כ'האָב גאָרניט געהאַט בדעה עס צו לאָזען דרוקען. כ'האָב אַנטליהען לעסינג'ן דעם מאַנוסקריפּט און דערביי האָב איך אין שפּאַס בעמערקט, אַז איך וואָלט אויך געקענט שרייבען אַזוי ווי דער ענג־לענדער שעפּטסבורי. און מערקווירדיג! ווען איך האָב איהם דאָס נעכסטע מאָל געטראָפען, האָט ער מיר דערלאַנגט די קאָרעקטור־בויגענס! טייערער גאָטהאָלד!"

„איז אמת, אַז דער קעניג — — —?"

„האָט מיך געשיקט רופען קיין פּאָטסדאַם, כדי מיך אויסצוזידלען? איהר דיינקט פון אַן אַנדער געשיכטע. דאָס איז געשעהן, ווען איך בין נאָך געווען יונג." ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן און גענומען ריידען מיט אַ ני־דעריגער שטימע. „אין אַ רעצענזיע האָב איך געוואַגט אָנצודייטען, אַז זיין מאַיעסטעט'ס פראַנצויזישע פערזען זיינען ניט פאָלקאָמען — אגב אורחא פרעהט מיך זעהר, וואָס ער האָט געשריבען עטליכע געגען וואָלטער. כ'האָב געמיינט, אַז איך האָב מיין מיינונג אַזוי פערשלייערט, אַז דער קע־ניג וועט זי קיינמאָל ניט פערשטעהן. אָבער אַ רשעות'דיגער הויפמאַן, דער פרעדיגער יוסטי, האָט מיך פער'מסר'ט, אַז איך בין אַ איד, וואָס האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך יעדען רעספּעקט פאַר דער הייליגסטער פּערזאָן פון זיין מאַיעסטעט. מען האָט מיך געשיקט רופען קיין סאַן־סוסי און — מיט אַ כונה פון רשעות — דוקא אום שבת. איך האָב עס אַזוי איינגעאָרדענט צו זיין דאָרט אין צייט און דאָך ניט מחלל שבת צו זיין."

„האַלט ער, הייסט עס, פאָרט שבת!" האָט זיך מימון מיט ערשטוינונג געטראַכט.

„איהר קענט זיך פֿאָרשטעלען, ווי מיר איז געווען אויף'ן האַרצען, ווי־סענדיג, אַז איך וועל דאָרט קיין האָניג ניט לעקען. דאָך האָב איך גע־טענה'ט, אַז דער, וואָס מאַכט פֿערזען, איז אַזוי ווי דער, וואָס שפּיעלט אין קעגעל; און דער, וואָס שפּיעלט אין קעגעל, צי ער איז אַ מאַנאַרך אָדער אַ פּראָסטער פויער, מוז זיין צופֿריעדען מיט דעם אורטהייל פֿון דעם יונג, וואָס האָט צו שאַפֿען איבער די קוגלען."

„און איהר זייט געבליבען לעבען!"

„יאָ, צום פֿערדרוס פֿון אַסך מענשען. כ'מיין, אַז זיין מאַיעסטעט האָט זיך געשעהמט פֿאַר די פראַנצויזישע ציניקער פֿון זיין הויף מיך צו בע־שטראָפֿען. פֿון אַ זיכערער קוועלע וויים איך, אַז דער קעניג האָט מיך דער־פֿאַר געמאַכט פֿאַר אַ „שוץ־איד", ווייל דער מאַרקיז ד'אַרזשאַנס איז געווען ערשטוינט, ווען ער האָט געהערט, אַז די פּאָליציי קען מיך צו יעדער צייט אַרויסטרייבען פֿון בערלין. אַזוי האָב איך פֿאָרט וואָס עס איז צו פֿערדאַנקען די פֿראַנצויזען. שוין אַ לאַנגע צייט פֿאַר דעם זיינען מיינע פֿריינד צוגע־שטאַנען צו מיר, איך זאָל זעהן קריגען שוץ, אָבער איך האָב דעמאָלט גע־דיינקט וועגען דעם פונקט ווי היינט, אַז מען דאַרף ניט בעטען אַזעלכע רעכטע, וואָס דער נידעריגסטער איד קען ניט געניסען. נאָר — אַ קעניג'ס געשיינקטען פֿערד קוקט מען ניט אין די צייהן. און אַצונד זאָלט איהר ווערן מיין שוץ־איד" — מימון'ס האַרץ האָט זיך געהויבען פֿון טיעפֿער דאַנקבאַרקייט, — „און עס פֿרעגט זיך נור, וואָס איהר האָט בדעה צו טהאָן אין בערלין; וואָס פֿאַר אַ קאַריערע זאָל איך פֿערהעלפֿען צוצוקומען צו דעם שלאָס און דער פרינצעסין?"

„איך וויל לערנען מעדיצין."

„גוט. דאָס איז די איינציגע פּראָפֿעסיאָן, וואָס שטעהט דאָ אָפֿען פֿאַר דעם אידען; הגם, איהר מוזט וויסען, אַז ווי גרוים אייער פּראַקטיקע זאָל ניט זיין — אפילו צווישען קריסטען, — נאָר אייער נאָמען וועלען זיי קיינ־מאָל ניט אַריינשטעלען אין דער ליסטע פֿון די דאָקטוירים. דאָך מיר מוזען זאָגען „גם זו לטובה" און דאַנקבאַר זיין פֿאַר די קליינע חסדים. אין פֿראַנק־פֿורט קענען זיך בעזעצען בלויז פֿיער אידישע דאָקטוירים, אין אַנדערע שטעדט קיין איין איינציגער אויך ניט. איך מוז אייך איבערגעבען צו דר. הערץ אין די הענד — דאָרט, יענער מאַן, וואָס לאַכט אַזוי משמעות איבער איינעם פֿון זיינע אייגענע גוטע וויצען, — דאָס איז דר. הערץ, און די שעהנע דאַמע איז זיין פֿרוי, הענריעטע, וועלכע האַלט איצט אין גרינדען אַ גטעהע־סאַלאָן. זי און מיינע טעכטער זיינען אונשיידבאַר — אַ אידישע

דריי־אייניגקייט. און אַזוי, הערר דאָקטאָר, לייג איך אייך דאָ מיט קנאה פֿאַר די גראַטולאַציאָנען פֿון אַן איינפֿאַכען בוך־האַלטער."

„אָבער איהר זייט דאָך ניט קיין בוכהאַלטער!"

„איצט שוין ניט מעהר, נאָר אַלס אַזעלכער האָב איך אָנגעפֿאַנגען — אָדער, בעסער געזאָגט, איך בין געטריבען געוואָרען דערצו; וואָרים ווען מיין ליעבער הערר בערנהארדט האָט מיר פֿאָרגעלייגט צו ווערן בוכהאַלטער, בין איך געווען אַ תלמוד־לעהרער ביי איהם אין הויז. און איך בעדויער עס גאָר ניט. וואָרים מיר איז געבליבען גענוג צייט צו לערנען לאַטיין און גריכיש און מאַטעמאַטיק, און ענדליך בין איך געוואָרען אַ שותף אין געשעפֿט. אָבער איך בין דאָך שטענדיג געווען אַ לויף־פֿערד, וואָס מוז טראָגען אַ משא אויף זיך. נו יאָ! ניט מיין הויקער מיין איך דאָ, נאָר די פֿאַבריק רויבט ביי מיר אַוועק אַ גרויסען טהייל פֿון מיין צייט און פֿון מיינע געדאַנקען, און ווען איך וואָלט ניט אויפֿגעשטאַנען יעדען טאָג אום פֿינף אַזייגער — — אָבער איהר האָט מיך ווירקליך געמאַכט פֿאַר אַן עגאָאיסט. די עהנליכקייט פֿון אונזערע יוגענד־טעג, דאָס האָט אויפֿגע־עפֿענט ביי מיר דעם קוואַל פֿון עראינערונגען. קומט! לאָמיך אייך פֿאָרשטע־לען פֿאַר מיין פֿרוי און מיין זוהן אַבראַהאַם. אַה, זעהט נאָר, די אָרעמע פֿראָמעט מאַכט צו מיר מיט דער האַנד. זי איז שוין מיעד אַליין צו האַלטען דעם שלאַכט־פֿעלד אין גאַנג. וואָלט איהר ניט געוואָלט זיך בעד־קענען מיט מאָסיע דע מיראַבאָ? אָדער איך וועל אייך גאָר פֿאָרשטע־לען פֿאַר וועסעלי'ן — ער וועט ריידען מיט אייך העברעאיש. וועסעלי טהוט דאָס די גאַנצע אַרבייט, פֿאַר וועלכער איך ווער אַזוי געלויבט; דאָס גיט ער זיך דאָס אַזוי פֿיעל אָב מיט אונזערע ברידער אידען, מיט וועלכע איך האָב ניט קיין האַרץ און ניט קיין מוטה זיך אַרומצודרייסען. אָדער דאָרט איז ניקאָליי, דער גרינדער פֿון דער „ביבליאָטהעק פֿון די פֿרייע קונסטען", צו וועלכע איהר וועט נאָך, ווי איך האָף, פֿיעל בייטראָגען" — דערביי האָט ער אַ כיטרען שמייכעל געטהאָן. — „פֿילייכט וועט אייך פֿריילען ריימאַרוס בעקעהרען, יענע רייצענדע יונגע דאַמע דאָרט, וועלכע רעדט מיט איהר שוואָגער, אַ דענישער שטאַאַטס־ראַטה. זי איז אַ גרויסע פֿריינדין פֿון לעסינג. — אָבער וואָס זאָגט איהר דערצו? אָט קומט טאַקע לעסינג אַליין! איך בין זיכער, ער וועט זיך פֿרעהען צו מאַכען אייער בעקאַנטשאַפֿט."

„וויל ער איז אַ פֿריינד פֿון די אַרויסגעשטויסענע? ניין, ניין, נאָך ניט," און מימון, וועלכער איז צוריק אומעטיג געוואָרען האָט געמאַכט אַ מיענע, אַזוי ווי ער וואָלט זיך דערשראָקען פֿאַר אָט די אַלע גרויסע נעמען.

יאָ, ווירקליך, ער איז אַ טרוימער און אַ נאַר, און מענדעלזאָהן איז דער חכם. אין זיין ביטערקייט האָט ער זאָגאַר געצווייפעלט אין זיין אָבהאַנדלונג, אין זיין שאַרפער לאָגיק, וועלכע האָט געזאָלט צושטערען יעדע טהעאָלאָגיע. אפשר איז מענדעלזאָהן גערעכט; פיליייכט האָט ער ווירקליך געלייזט די אידישע פראַגע. זיין אַ איד צווישען דייטשען און אַ דייטש צווישען אידען; פעראייניגען דעם אַלטען גלויבען מיט נייער קולטור; האַלטען דעם קאָפּ אין דער הויך און זיך רעכענען פאַר אַן עהרענהאַפטען עלעמענט פון דער נאַציאָן — איז ניט אָט די קאַטוילישע פערזאַמלונג אַ בעווייז פאַר די אויספיהרבאַרקייט פון אַזאַ אידעאַל? געזונדער פערשטאַנד! וויפיעל זעלבסט־אָבשעצונג און וויץ איז געלעגען אין דעם בעריהמטען ענטפער, וואָס דער חכם האָט געגעבען דעם גאוה'דיגען דייטשען אָפיצער, וועלכער האָט איהם געפרעגט, מיט וואָס פאַר אַ סחורה ער האַנדעלט. „מיט דעם, וואָס וואָלט אייך זעהר צונוץ געקומען: מיט געזונדען פערשטאַנד.״ מימון האָט זיך אַליין אויפגעמונטערט, כדי צו קענען בעסער צוהערען דעם געשפרעך. אויף דעם אָנטריב פון'ם בעל הבית האָט מען איצט אָנגעהויבען ריידען דייטש אָנשטאָט פראַנצויזיש; און מענדעלזאָהן האָט דעם געשפרעך בעהערשט פון זיין קאַמפף־ריכטער־שטוהל מיט זיינע בליקען, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ אָדער מאַכענדיג מיט דער האַנד. און האָט מען זיך געווענדעט צו איהם און געפרעגט זיין מיינונג, פלעגט ער געוועהנליך ערקלעהרען, אַז ביידע צדדים שטרייטען דאָ איבער ווערטער, ניט איבער זאַכען. מימון האָט פון זיין האַלב דונקעלען ווינקעל בעמערקט, אַז דער געשפרעך איז געוואָרען ערנסטער, איינהייטליכער, און אַז ער האָט בעריהרט טיפערע פראָבלעמען. ער האָט געזעהן, אַז פאַר מענדעלזאָהן פונקט אַזוי ווי פאַר איהם אַליין האָט ניט עקזעסטירט קיין אַנדער זאַך נור גרויסע פראַגען. צופעליגע, זייטיגע איבערשלאָגען האָט מענדעלזאָהן אַזוי ווי איגנאָרירט, און אַז דער שמועס איז אַריבער צו ניט־וויכטיגע ענינים, איז ער גאָר געזעסען שטיל און קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. מימון האָט שטודירט דעם איידעלען בויגען פון זיין שטערען, די בעשימטקייט פון דער נאָז, די אָנגעזעהענע ליפען, אין ליכט פון הערר לאַוואַטער'ס טהעאָריען. לעסינג האָט וועניג וואָס גערעדט; ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ געבראָכענער מאַן. דאָס גלענצענדע לעבען פון דעם קולטור־קעמפפער האָט זיך געענדיגט אין פינסטערניש—ווייב, קינד, געזונד, געלד און כמעט אויך דער גוטער נאָמען איז אַוועק: די נעמעזיס, די ראַכע־געטין פון דעם זשעניע.

אַ דאַמע פון דער געזעלשאַפט האָט זיך געסטאַרעט ציהען אויף זיך

די אויפמערקזאַמקייט מיט דעם, וואָס זי האָט גערעדט וועגען איהרע אייגענע כאַראַקטער־פעהלערן. זאָגאַר מימון האָט פערשטאַנען, אַז זי איז נור אויסען געווען צו הערען קאָמפּלימענטען. אָבער מענדעלזאָהן האָט איהר מיט אַן ערנסטער מיענע געראַטען אויסצובעסערן איהרע פעהלערן, און מימון האָט דערזעהן, ווי לעסינג׳ס אויגען ווערן צום ערשטען מאָל אויפגעלויכטען מיט אַ בלישטש פון הומאָר. דאַן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ פערטראַכטען צושטאַנד, האָט דער דיכטער אַרויסגע־צויגען פון טאַש אַ פּאַפּיר. „איך האָב שיער ניט פערגעסען אייך אָבגעבען קאַנט׳ס בריעף,״ האָט ער געזאָגט. „מען קען אייך ווירקליך גראַטולירען.״

מענדעלזאָהן איז רויט געוואָרען ווי אַ קליינער אינגעל און האָט אַ כאַפּ געטהאָן דעם בריעף, אָבער לעסינג האָט צום שפּאַס ניט אַנדערש נאָר געוואָלט איהם פאָרלעזען פאַר דער געזעלשאַפט.

„אין אייער „ירושלים״ האָט זיך אייך איינגעגעבען צו פעראייניגען אייער רעליגיאָן מיט אַזאַ מין גראַד פון געוויסענס־פרייהייט, ווי מען האָט יך דאָס גאָר קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלען, און מיט וואָס קיין אַנדער גלויבען קען ניט שטאָלצירען. איהר האָט אויך אין דערזעלבער צייט אַזוי גרינדליך און אַזוי קלאָהר בעוויזען די נויטווענדיגקייט פון אונבעגרענעצטער געוויסענס־פרייהייט צו יעדער רעליגיאָן, אַז אונזער קירכע וועט ענדליך אויך מוזען דיינקען וועגען דעם, ווי אַזוי צו בעזייטיגען פון זיך אַלעס, וואָס שטערט און אונטערדריקט דעם געוויסען. אַזוי אַז דאָס וועט ענדליך פעראייניגען אַלע מענשען אין זייער בליק אויף די הויפּט פונקטען פון דער רעליגיאָן.״

אַ מורמלעריי פון בייפאַל איז דורך דורך דער געזעלשאַפט. „אַזאַ בריעף וואָלט מיר געקענט בעצאָהלען פאַר אַסך מעהר פּלאָגען ווי מיינע ווערק האָבען מיר געבראַכט,״ האָט זיך מענדעלזאָהן אָבגערופען. „און אַז מען בערעכענט,״ האָט ער צוגעלייגט מיט אַ געלעכטער, „אַז איך האָב אַמאָל קאַנט׳ן געשלאָגען אין אַ פּרייז־וועט! אַ בעוויז פאַר דעם זיעג פון קלאָהרע אויס-דריקע איבער געדאַנקען-טיעפקייט. דאָס האָב איך אייך צו פערדאַנקען, לעסינג.״

דער דיכטער האָט געמאַכט אַ קרומען פּנים. „וואָס זשע, איהר בע־שולדיגט מיך, הייסט עס, אַז איך קען אָנטרייבען אימיצען צו אויבער־פלעכליכקייט!״

דער עולם האָט זיך צולאַכט.

„ניין, איך האָב געמיינט צו זאָגען דערמיט, אַז איהר האָט פון די רויזען פון דער פילאָזאָפיע אַרויסגענומען די דערנער! ווען קאַנט וואָלט נור וועלען שרייבען ווי איהר—״

„וואָלט ער זיך אַליין פערשטעהן," איז די שעהנע העגריעטע הערץ אַריינגעפאַלען אין די רייד.

„און זיינע שילער פערלירען," האָט צוגעלייגט איהר מאַן. „אָט דערפאַר זיינען מיר פרומע אידען דאָך אַזוי בייז אויף אייך, הערר מענדעלזאָהן, פאַר אייער דייטשער איבערזעצונג פון דער ביבעל; איהר מאַכט די ביבעל צו פערשטענדליך."

„יאָ אַנדערע האָבען געטהאָן וואָס זיי האָבען נור געקענט זי צו פערדרעהען," האָט מענדעלזאָהן געענטפערט מיט אַ זיפץ. „אָבער דער צאָרן, וואָס מיין איבערזעצונג האָט אַרויסגערופען צווישען די זאָגענאַנטע קלוגע מענער פון אונזער צייט, איז דער בעסטער בעוויז, אַז זי איז נייטיג. ווען מיר איז אַרויפגעקומען דער געדאַנק צו שאַפען אַ קלאָהרע ביבעל אין אַ גוטער דייטשער שפּראַך, האָב איך לכתחילה אין זינען געהאַט מיינע אייגענע קינדער, דערנאָך בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז איך קען אויך דערמיט דיענען דעם גרויסען עולם; אַצונד זעה איך, אַז די רבנים נייטיגען זיך אין איהר אַם מייסטען. יאָהרהונדערטע פון פערקעהרטען דיינקען האָבען זיי אָבגעטעמפט פאַר די שעהנקייטען פון דער ביבעל. זיי האָבען זי פערנאַכלעסיגט אַלס עלעמענטאַריש, ווען זיי האָבען זי ניט אַליין איינגעוויקעלט אין משונה'דיגע פלאָנטערס. שפּיציגע פשט'לאַך און פער־דרעהענישען, דאָס איז אַלעס—א שעהנער טעקסט, גאָרנישט. דערצו קומט נאָך זייער פערדאָרבענע שפראַך—קיין זאַך ברייגגט אַ פאָלק ניט אַזוי פיעל שאָדען ווי דאָס,—זיי האָבען פשוט פערהייליגט אָט דעם דייטשען זשאַרגאָן, און איך בין אַ וואָלף אין אַ שאָפענעם פעלץ, דערפאַר וואָס איך האָב געשריבען גוטעס דייטש מיט העברעאישע בוכשטאַבען. זאָגאַר די פראַנצויזישע אידען, דערצעהלט מיר ס ע ר ף ב ע ר, האַלטען שלעכטעס דייטש פאַר הייליג. שוין גאָר ניט צו ריידען פון עסטרייך."

„אָבוואַרטען! אָבוואַרטען!" האָט זיך אָבגערופען אַ שאַרפזיניגער מאַן. „די געזעצען פון קייזער יאָזעף וועלען דאָס אַלעס ענדערן. — עס וועט קו־מען די צייט, ווען די אידען פון ווין וועלען זיין געצוואונגען צו געהן אין שולע און לערנען די וויסענשאַפטען; זיי וועלען ווערן אַ געשעצטער עלע־מענט פון דער נאַציאָן."

מענדעלזאָהן האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט זיין וועלט־קלוגען קאָפּ. „ניט אַזוי שנעל, מיין ליעבער וועסעלי, ניט אַזוי שנעל. אייער העברעאיש לויב־געזאַנג צום עסטרייכישען קייזער איז אַלס פאָעזיע טאַקע געווען גרויס־אַרטיג, אָהן דעם מינדעסטען פעהלער, אָבער היסטאָריש, האָב איך מורא,

איז דאָס געווען אַ טרוים, אַן איינבילדונג. ווער ווייס, צי דאָס איז מעהר ווי אַ פּאָראיבערגעהענדער פּאָליטישער דריידעל?"

„און מיר פרומע אידען," איז דר. הערץ מיט אַ שמייכעל אַריינגעפאַלען אין די רייד, „אונז שיקט מען ניט אַזוי לייכט אין שולע, דאָס פּערגעסט איהר גאָר, הערר וועסעלי. מיר האָבען אונזער מענדעלזאָהן'ן קיינמאָל ניט געקענט מוחל זיין דערפאַר וואָס ער האָט געזאָגט, אַז אונזער הערליכע רעליגיאָן איז אַרומגענומען מיט שפּינוועבס. די שפּינוועבס, גראָד דאָס האָבען מיר ליעב, ניט דעם אַלטען פאָרט-וויין."

„יאָ, ווירקליך," איז מימון אַריינגעפאַלען פּלוצלינג און אַזוי פּעראינטערעסירט, אַז ער האָט' זיך גאָר פּערגעסען אָן זיין זשאַרגאָן און זאָגאַר זיינע קליידער. „ווען איך בין געווען אין פּוילען, בין איך אַליין געשמאַק אַרומגעקראָכען אין דער דאָזיגער בלאָטע; כ'האָב זיי ערקלעהרט, אַז די אידען דאַרפען ניט שטעהן „שמנה עשרה" דוקא צו מזרח, ווייל די שטאָדט ירושלים, צו וועלכער זיי דאַרפען זיך, לויט דעם תלמוד, ווענדען, קען דאָך ניט ליגען גענוי אין מזרח זייט פון יעדער געגענד. באמת ליגט אונזער געגענד אין צפון-מערב זייט, אַזוי אַז זיי האָבען זיך געדאַרפט ווענדען" — דאָ האָט ער אָנגעהויבען דרעהען מיט'ן גראָבען פינגער און ריידען מיט אַ גמרא-ניגון — „אין דרום-מזרח זייט. איך האָב זיי געגעבען צו פּערשטעהן, אַז עס איז לייכט אין יעדער שטאָדט אויסצורעכענען די גענויע ריכטונג דורך ווינקעל-מעסער און צירקלען — —"

„דורך ספּערישע טריגאָנאָמעטריע, פּערשטעהט זיך," האָט מענדעלזאָהן מיט אַ מילדען טאָן געזאָגט. מימון, דערפיהלענדיג דעם פּעהלער אין זיין שפּראַך, איז רויט געוואָרען און האָט מיט אַמאָל דערזעהן, אַז אַלע אויגען זיינען געווענדט אויף איהם. אָבער דער בעל הבית האָט איהם ניט געלאָזט קיין צייט צו קומען אין פּערלעגענהייט, ווייל ער האָט גלייך צוגעלייגט: „איהר דערמאָנט מיך אָן דעם פּאָרוואורף, וואָס מען האָט מיר געמאַכט דאַן, ווען איך האָב זיך ערקלעהרט איינשטימיג מיט דעם הערצאָג פון מעקלענבורג-שווערין'ס בעפעהל, אַז מיר זאָלען ניט מקבר זיין אונזערע מתים פאַר דעם דריטען טאָג. און דאָס, ניט קוקענדיג אויף די ראיות, וואָס איך האָב געבראַכט פון דער גמרא! אַך גאָט! ווען די רבנים וואָלטען מיט אַזאַ חשק בעגראָבען טויטע אידען, ווי טויטע קערפּער!"

אַלע האָבען געשמייכעלט, נאָר מימון האָט מיט אַ טאָן פון דרייסטקייט געזאָגט:

„כ'מיין, איהר בעהאַנדעלט זיי נאָך צו טאָלעראַנט."

„וואָס, הערר מימון!" און מענדעלזאָהן האָט אַ שמייכעל געטהאָן מיט

דעם האַלב־טרויעריגען שמייכעל פֿון דעם קלוגען מאַן, וואָס האָט דערקענט דעם הומאָר אין דעם שוישפּיעל „לעבען" און פֿיהלט זיך אַליין אַלס מיט־שפּיעלער אין דעם. „וואָלט איהר געוואָלט, איך זאָל ענטפֿערן מיט אינטאָ־לעראַנץ אויף אינטאָלעראַנץ? איך וויל צוגעבען, אַז בעת איך בין געווען אין אייער עלטער — און מיט נאָך אַ הייסערן טעמפּעראַמענט ווי איהר — דאַן וואָלט איך געקענט ווערן אַ רעכטער פֿערפֿאָלגער. אין יענע טעג האָב איך מיטגעאַרבייט אין׳ם מילדעסטען פֿון אַלע בלעטער, „דער מאָראַל־פריידיגער" האָבען מיר יונגע חברה עס גערופֿען. נאָר אַזוי ווי ס׳האָט ניט געטריפֿט מיט פֿרומקייט, האָבען די פֿרומע אויף יעדען זייטעל געפֿונען אפּיקורסות. כ׳האָב דעמאָלט געפֿיהלט, אַז איך וואָלט זיי געקענט שלאָגען, די דומקעפּ, אָדער וויינען פֿאַר ערגערניש. אַצונד זעה איך, אַז אינטאָלעראַנץ קען פונקט אַזוי גוט זיין אַ בעוויז פֿון ערנסטקייט ווי פֿון דומהייט. ס׳איז גוט, וואָס די מענשען האַלטען אָפֿען די אויגען און ווערן אויפֿגעבראַכט ביי דעם מינדעסטען רויהען ווינד, וואָס קומט אויף די בליטהען פֿון׳ם גלויבען, וואָס זיי פֿלעגען. די איינציגע קריטיק, וואָס האָט נאָך די מאַכט מיך צו ערגערן, איז די קריטיק פֿון׳ם שרעקעדיגען, וועלכער האָט מורא, אַז ער קען נאָך אַרויסרופֿען אַ אידען־פֿערפֿאָלגונג, ווען ער זאָל אַזוי וואָס אַרויס־ברייגנען פֿון מויל. אָבער וואָס איז שייך צו אַלעם איבעריגען איז די געגנערשאַפֿט, די אָפּאָזיציאָן בלויז דער שמעלץ־אויווען פֿאַר נייע אידעען. איך טהו מיין טהייל אין דער וועלט, זאָלען זיך די אַנדערע טהאָן זייערס. אַזוי גיך ווי איך האָב איבערגעגעבען מיין איבערזעצונג דעם פֿריינד דובנאָ צום דרוק, האָב איך גענומען מיין נשמה אין די הענד, אויפֿגעהויבען מיינע אוי־גען צו די בערג און אויסגעשעטעלט מיין רוקען צו די שמייסער. דאָך פֿער־דריסט מיר, וואָס גראָד דער רב פֿון פּאָזען האָט עס אַרויסגעשליידערט אָט די אַלט־מאָדישע דונער־שלאָגען געגען דעם דייטשען חומש פֿון „משה דעסאַוער"; וואָרים אי אַלס תלמודיסט אי אַלס מאַטעמאַטיקער האָט הירש יאַנאָוו מיין טיעפֿסטען רעספעקט. ניט אומזיסט האָט ער אַ שם פֿאַר אַ „חריף", און פֿון אַלעם, וואָס איך הער, זעה איך, אַז ער איז ווירקליך אַ גוטער מענש."

„אַ הייליגער!" האָט זיך מימון מיט בעגייסטערונג אָבגערופֿען, פֿערגע־סענדיג פֿון דאָס נייע זיין צוריקגעצויגענקייט. זיין שטימע האָט געציטערט, ווען ער האָט געהאַלטען אַ פֿייערדיגע לויב־רעדע פֿאַר זיין אַמאָליגען וואָהל־טהעטער און איהם געשילדערט אַזוי ווי ער וואָלט געהאַלטען דערביי צו שטאַרבען אין זיינע בעסטע יאָהרען, אויסגעמוטשעט פֿון אויף־זיין גאַנצע נעכט און פֿון די פּייניגונגען, וועלכע ער טהוט זיך אַליין אָן. ווידער אַמאָל

האָט זיך מימון׳ס געפֿיהל אַ קעהר געטהאָן, און נייע צווייפֿלען וועגען דער מענדעלזאָהנישער אויפֿקלעהרונג האָבען דורכגענומען זיין זעעלע. ניט קוּ־קענדיג דערויף וואָס ער האָט נאַר וואָס פֿערדאַמט די פֿאַנאַטיקער, האָט ער איצט געפֿיהלט אַ זעלטענע סימפּאַטיע מיט דעם דאָזיגען ליעבענסוויר־דיגען אסקעט, וועלכער האָט געפֿאַסט יעדען טאָג, פֿייניגענדיג זיינע טעקס־טען ווי זיך אַליין, מיט אָט דעם האָפֿנונגסלאָזען מיסטיקער, פֿאַר וועלכע ס׳האָט ניט געקענט זיין קיין שום בריק צום מאָדערנעם געדאַנק. דער פּוי־לישער איד אין איהם איז אויף אַ גאַנץ אונפֿערנינפֿטיגען אופֿן אויפֿגע־בראַכט געוואָרען געגען דעם נייעם דייטשען פֿערנונפֿט־גלויבען. ניין, ניין, אַלעס אָדער גאָרנישט. דעם פֿלאַץ פֿון אידישען קאַטאָליציזם קען ניט פֿער־נעהמען אַ אידישער פּראָטעסטאַנטיזם. אָט די ריהרענדע פֿאַנאַטיקער, וועלכע האַלטען זיך פֿערצווייפֿעלט אָן דער פֿערגאַנגענהייט, האָבען אַ טיעפֿערן אינסטינקט, אַ וואַהרערע פֿאָראויסזעהונג פֿון דער צוקונפֿט, ווי אָט דער אויסגעפֿיינטער פֿילאָזאָף.

„יאָ, דאָס וואָס איהר דערצעהלט מיר דאָ וועגען הירש יאַגאָוו, שטימט מיט אַלצדינג, וואָס איך האָב געהערט,״ האָט מענדעלזאָהן רוהיג געזאָגט. „אָבער איך פֿערלאָז זיך אויף דער צייט און אויף׳ן נייעם דור. איך וואָלט געקענט וועטען, אַז די איבערזעצונג, וואָס איך האָב געמאַכט פֿאַר מיינע קינדער, וועלען זיינע קינדער לייענען.״

צופֿעליג האָט מימון אַ קוק געטהאָן איבער מענדעלזאָהן׳ס שולטער אויף זיינע טעכטער אין זייערע פֿאַרזיער קליידער. ער האָט געזעהן, ווי זיי טוישען זיך אוים מיט אַ מערקווירדיגען בליק און מאַכען סקעפּטיש מיט די ברעמען. ווי אַ בליץ איז איהם דורכגעלאָפֿען אַ געדאַנק אין מוח; ער האָט געטראָפֿען, וואָס זיי האָבען געמיינט דערמיט. זוכענדיג אַ וויץ, האָט זיך מענדעלזאָהן אָנגעשטויסען אויף אַ צווייפֿעלהאַפֿטע נבואה.

„די איבערזעצונג, וואָס איך האָב געמאַכט פֿאַר מיינע קינדער, וועלען זיינע קינדער לייענען.״

זיינע, פֿילייכט.

אָבער מיינע?

אַ שוידער איז אַריבער מימון׳ן איבער׳ן לייב, אַזוי ווי דאָס פֿאָרגע־פֿיהל פֿון אַ טראַגעדיע. פֿילייכט וועלען מענדעלזאָהן׳ס קינדער גראָד לייענען זיין אָבהאַנדלונג. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מענדעלזאָהן האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגען איהר פֿערניכטענדער לאָגיק.

אַז ער האָט זיך אָבגעזעגענט מיט איהם, האָט ער גאַנץ איינפֿאַך געפֿרעגט: „וואָס האָט איהר צו זאָגען וועגען מיינע אַרגומענטען?״

„איהר זייט נאָך דערווייל ניט אויף׳ן רעכטען וועג,“ האָט מענדעלזאָהן געענטפערט און איהם פריינדליך אויסגעשטרעקט די האַנד, „נאָר דער פאָרטשריט פון אייערע פאָרשונגען דאַרף ניט געשטערט ווערען. דער צווייפעל, ווי דעקארט זאָגט מיט רעכט, איז דער אָנפאַנג פון פילאָזאָ-פישער פאָרשונג.“

אויף דער שוועל האָט ער פערלאָזען דעם פוילישען פילאָזאָף, וועלכער איז געווען דורכגעדרונגען פון געגענגעזעצטע, שטרייטענדע געפיהלען.

IV.

אָט די געמישטע געפיהלען פון מימון דעם נאַר צו נתן דעם חכם האָבען אָנגעהאַלטען ביז וואַנען דער טויט פון׳ם חכם האָט איינגעוויקעלט בערלין אין טרויער און אָנגעפילט דעם נאַר מיט אומזיסטער חרטה איבער זיינע פערשוועכענדע געדאַנקען וועגען אַ מענשען, וועמעס גרויסען כאַראַקטער דער טויט האָט אויף אייביג אויסגעקריצט מיט זיין דלאָט. Quis desideris sit pudor aut modus tam cari capitis? האָט ער געשריבען אין זיין אויטאָביאָגראַפיע.

צו אָפט האָט ער פערלאָרען דעם קאָנטראָל איבער זיך — דער עיקר ווען שפינאָזאַ איז געווען דאָס טהעמאַ—און פלעגט כמעט בעשולדיגען מענדעלזאָהן׳ן אין אונעהרליכקייט. צי איז דען וואַרהייט ניט דאָס העכסטע אידעאַל? און איז ניט שפינאָזאַ פונקט אַזוי אונבעשטרייטבאַר ווי יוקליד? וואָס! קען דער עמאַנציפירטער גייסט ווירקליך פערלייקענען אָט דעם וואונדערבאַרען דיינקער, וועלכער איז נאָך אַ יאָהרהונדערט פון מורא׳דיגער פערליימדונג דאָך געבליבען דער אַנערקענטער נביא פון׳ם גאָט פון דער צוקונפט, וועלכער האָט אינספירירט געטהע׳ן און אַלעם בעסטע, וואָס איז געווען אין דעם מאָדערנעם געדאַנק! אָבער ניין, מענדעלזאָהן האָט זיך מיט האַרטנעקיגקייט געהאַלטען פעסט ביי זיין אייגענעם לעבענס-סיסטעם און האָט קיינמאָל ניט געוואָלט צוגעבען, אַז זיין לאַנגע גייסטיגע גליק-זעליגקייט איז געבויט אויף אַ ליגען. דאָס איז געווען זעהר אונפערנינפטיג און פערדריסליך פון זיין זייט, און זיין פאָרמולע, מיט וועלכער ער פלעגט שליסען די וכוחים: „מיר מוזען זיך האַלטען פעסט ניט אָן ווערטער, נאָר אָן די זאַכען, וואָס זיי בעצייכענען“,—אָט די פאָרמולע זיינע האָט נאָך מעהר גערייצט. נאָר מערקווירדיג איז, אַז נאָכדעם ווי דער אונרוהיגער

מימון האָט פֿון זיך אַליין אויפֿגעגעבען שפּינאָזאַ'ן, זיינען מענדעלזאָהן'ס לעצטע יאָהרען געווען אַרומגעוויקעלט מיט דעם כלומר'שטען שפּינאָציזם פֿון זיין טייערן פֿערשטאָרבענעם לעסינג!

אָבער איצט, ווען דער חכם איז געווען טויט, האָט דער נאַר זיך דערמאָנט אָן זיין אונענדליכער געדולד, אָן יענער געדולד, וועלכע איז געקומען ניט פֿון בלוט-לאָזיגקייט, נאָר פֿון אַ ליידענשאַפֿטליכער זעעלע, וועלכע האָט זיך אַליין בעזיעגט—און וועלכע האָט ניט געקענט פֿערביטערט ווערן, ניט דורך דער ענטטוישענדער קאַריערע פֿון אַ נאַר, ניט דורך די אויסברוכען פֿון זיין געזונקענהייט.

מימון'ס לעבען האָט, אמת, געבראַכט מיט זיך נאָך פֿיעל אָבוועקס-לונגען, נאָר צו דעם מעדיצינישען פֿאַך איז עס קיינמאָל ניט געקומען. „איך פֿאָדער פֿון יעדען מענשען מיט אַ געזונדען פֿערשטאַנד, ער זאָל זיך אויסאַרבייטען אַ פּלאַן פֿון טהעטיגקייט,“ האָט דער פֿילאָזאָף געזאָגט; און ער האָט געוואַנדערט קיין ברעסלוי, קיין אַמסטערדאַם, קיין פּאָטסדאַם, אַ דאַרמאָיעדניק, אַ פּאַראַזיט אויף זיינע בעשיצער, אַ ביליגע סחורה פֿאַר זיינע פֿערלעגער, אַ שונא פֿון מאַניערען, אַ גייסטרייכער און געאַכטעטער מעטאַפֿיזיקער. ווען קאַנט האָט ערקלעהרט, אַז מימון איז דער איינציגער פֿון זיינע קריטיקער, וואָס האָט פֿערשטאַנען „די קריטיק פֿון דער ריינער פֿערנונפֿט“, האָט זיך מימון אומגעקעהרט צוריק קיין בערלין, כדי זיך נעהמען צו דער פֿילאָזאָפֿישער אַרבייט, וועלכע האָט איהם געזאָלט געבען אַ בעזונדער הויכען פּלאַץ צווישען די קאַנטיאַנער. געטהע און שילער האָבען איהם אויפֿגענומען מיט כבוד. די בערלינער געזעלשאַפֿט איז איהם געלעגען צו די פֿיס. דאָך איז ער ביז'ן סוף געבליבען אָהן מיטלען און אָהן וואָס פֿאַר עס איז אָנהאַלט, אומגעלומפּערט און אָהן דעם מינדעסטען קאָנטראָל איבער זיך. ניט זעלטען, ווען די שיינקען האָבען זיך צוגעמאַכט, פֿלעגט ער זיך אַרומשלעפּען אַ שכור'ער איבער די רוהיגע גאַסען און טראַכטען פֿון זעלבסטמאָרד אָדער איינ'טענה'ן מיט די פּאָליציי-לייט, וועלכע האָבען איהם געשיקט אַהיים שלאָפֿען, מכח מעטאַפֿיזישע פּראָבלעמען.

„וואָרים מיט זיין גאַנצער מאַטעמאַטיק,“ האָט וועגען איהם געזאָגט אַ פֿריינד, „דיינקט ער, ווייזט אויס, קיינמאָל ניט נאָך איבער דעם אונ-טערשיעד צווישען „פּלוס“ און „מינוס“ אין געלד-זאַכען.“ „מענשען פֿון דיין גלייבען איז אַרויסגעוואָרפֿען, וואָס מען פֿערזוכט גאָר זיי צו העלפֿען,“ האָט געזאָגט אַן אַנדערער, ווען ער האָט שוין פֿאָלשטענדיג אויסגעזויגען, בעת מימון האָט ווידער געבעטען ביי איהם עטליכע העלער. אָבער ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגעאייגענט די אונטערוואָרפֿענקייט פֿון'ם בעטלער, אַדרבה,

אָפֿטמאָל איז ער נאָך געווען דער בעשיצער פֿון אָרעמערע טעלער־לעקער, וועמען ער פֿלעגט אָבגעבען זיין לעצט גלאָז ביער. אונגעהובעלט אין זיינע מאַניערען, פֿלעגט ער בשום אופֿן ניט וועלען אַרונטערנעהמען פֿאַר קיינעם דעם הוט אָדער בעגריסען פֿריינדליך זיינע פֿריינד. ער האָט זיך אויך ענטזאָגט צו טראָגען אַ פֿאַריק. רייגע פֿערנונפֿט אַליין מוז הערשען.

אַזוי האָט מען דעם בעוואַקסענעם, אונגעשאָרענעם פֿילאָזאָף, איינגעהילט אין אַ זעהר ברייטען מאַנטעל, געקענט טרעפֿען אויף אַ באַנק ערגעץ־וואו אין אַ קאַפֿע־הויז אָדער אין אַ ביער־לאָקאַל, וואו ער פֿלעגט צייטענווייז זיצען און שרייבען זיינע טיעפֿע אָבהאַנדלונגען איבער „טראַנצעדענטאַלע פֿילאָזאָפֿיע". די בלעטער האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט און פֿלעגען פֿערלאָרען געהן, פּונקט ווי עס איז אויך קיין אָרדנונג ניט געווען אין זיינע געדאַנקען. דער גמרא־סטיל האָט זיך נאָך געמישט אין זיין דייטשער שרייב־אַרט, פּונקט ווי דער גמרא־ניגון האָט נאָך אָבגעקלונגען אין זיין ריידען, אַזוי אַז זיין קערפּער פֿלעגט זיך וויעגען אַהין און אַהער, בעוועגענדיג מיט די גראָבע פֿינגער, און זיין שטימע פֿלעגט מיט אַ פֿרומען געזאַנג בעגלייטען די געדאַנקען, וועלכע האָבען געזאָלט פּאַראַלירען די תלמוד־שולע. פּונקט אַזוי פֿלעגט אויך זיין יודיש־פּוילישער זשאַרגאָן, זיין מאַמע־לשון צייטענווייז אָבקלינגען אין זיינע רייד, ווען ער פֿלעגט פֿערלירען אַ פּאַרטיע שאַך אָדער זיך שטאַרק צוקאָכען אין אַ וכוח. זיין אַלטע רעליגיאָן האָט ער פֿאָלשטענדיג אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך, און דאָך האָט איהם אַ ניגון פֿון שוהל אימער געקענט ריהרען ביז טרערען. צייטענווייז האָט מען איהם געקענט טרעפֿען אין טהעאַטער, וואו ער פֿלעגט היסטעריש שלוכצען ביי טראַגעדיעס און זיך קאַטשען פֿאַר געלעכטער, ווען ער האָט בייגעוואוינט אַ קאָמעדיע; וואָרים אונטער דער צייט האָט זיך אין איהם ענטוויקעלט אַ ליעבע צו האָמער און די מענשליכע קינסטע, הגם ער פֿלעגט תחילת טענה'ן, אַז אַפֿילו דער שטאַרקסטער דראַמאַטישער אויסדרוק קען ניט איבערשטייגען זיין שוויגער'ס קללות. ס'איז אמת, אַז זינט ער האָט פֿערלאָזען זיין היים, האָט ער זיך מיט איהר מעהר קיינמאָל ניט געזעהן; נור זיין ווייב און זיין עלטסטער זוהן האָבען איהם אויסגעפֿונען אין ברעסלוי, אָבער דאָס איז געווען בלויז, אום אַרויסצוקריגען פֿון איהם דוקאַטען און אַ גט. אויף דאָס לעצטע, דעם גט, האָט מימון אַיינגעוויליגט נאָך לאַנגע יוריסטישע פּלאָנטערס. אָבער ער האָט פֿון זיין פֿרייהייט ניט געצוויגען קיין נוצען. קיין אייגענע היים האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט, ווען ניט ווען נור אַ דאַך־שטיבעל, וואו ער פֿלעגט אַרבייטען ביי אַ וואַקעלדיגען טיש, איין פֿוס געוועהנליך אונטערגעשפּאַרט מיט אַ גרויסען בוך —

אַרומגערינגעלט פֿון די קעץ און די הינט, וועלכע ער פֿלעגט אַריינגעהמען צו זיך, אום איהם צו האַלטען קאָמפּאַניע. און זאָגאַר ווען ער האָט געוואוינט אין אַ פּריצישען פּאַלאַץ, האָט ער אַרום זיך אַלץ ניט געהאַט קיין בעסערע אָרדנונג. אין אַמסטערדאַם האָט ער די האָלענדער געבראַכט צו פֿערצווייפֿלונג; זאָגאַר דייטשע הויז-ווירטהען פֿלעגט ער אַרויסבריינגען פֿון געדולד. דאָך דער צויבער פֿון זיין ריידענס-אַרט, זיין שטראַהלענדער גייסט האָבען איהם איבעראַל בעליעבט געמאַכט. און דאָס גליק, וואָס בעגינסטיגט די נאַראָנים, האָט צוגעשמייכעלט זיינע לעצטע לעבענס-יאָהרען, און האָט איהם געבראַכט אַ בעוואונדערער אין דעם גראַף קאַלקרויטה, אַן אינטעליגענטען שלעזישען פּריץ, וועלכער האָט איהם אַרויסגעצויגען פֿון זיינע אָרעמע, קלעגליכע וואוין-פּלעצער, אום איהם צו געבען אַ היים אין זיין אייגענעם שלאָס, לעבען פֿריישטאַדט.

אין אַ טרויעריגען, דונקעלען נאָוועמבער-טאָג, ליגענדיג אויף זיין רייכען טויטען-בעט, שטאַרבענדיג צו זעקס און פֿערציג יאָהר פֿון אַ פֿערנאַכלעסיגטען לונגען-פֿעהלער, האָט זיך אַ ווירדיגער קאַטוילישער פּאַסטאָר בעמיהט איהם צו בריינגען אין אַ מעהר קריסטליכער שטימונג.

„וואָס מאַכט עס אויס?" האָט דער ליידענדער פּראָטעסטירט; „ווען איך וועל זיין טויט, איז דאָך אויס מיט מיר."

„ווי קענט איהר דאָס זאָגען, טייערער פֿריינד?" האָט דער פּאַסטאָר מיט אַ טיעף-געריהרטער שטימע געענטפֿערט. „ווי? אייער גייסט, וואָס האָט זיך זאָגאַר אונטער די אונגינסטיגסטע בעדינגונגען אַלץ מעהר און מעהר אויפֿגעהויבען צו אַ העכערער פֿאָלקאָמענהייט; אייער גייסט, וואָס האָט געטראָגען אַזעלכע שעהנע בליטהען און פֿריכטע — זאָל געטראָטען ווערן אין שטויב מיט דער אָרעמער איינהילונג, אין וועלכער ער איז ביז אַהער געווען אָנגעטהאָן? פֿיהלט איהר ניט אין דער דאָזיגער רגע, אַז אין אייך איז דאָ עפּעס, וואָס איז ניט קיין קערפּער, ניט קיין שטאָף און וואָס איז ניט אונטערוואָרפֿען די בעדינגונגען פֿון רוים און צייט?"

„אַה!" האָט מימון געענטפֿערט, „דאָס זיינען בלויז שעהנע טרוימען און האָפֿנונגען —"

„וועלכע וועלען זיכער ערפֿילט ווערן. וואָלט איהר ניט געוואונשען זיך נאָך אַמאָל צו זעהן מיט מענדעלזאָהן'ן?"

מימון האָט געשוויגען.

פּלוצלינג האָט דער שטאַרבענדער אויסגעשריען: „וועה מיר! איך בין געווען אַ נאַר, דער נאַרישסטער צווישען די נאַרישסטע." דער געדאַנק וועגען נתן דעם חכם איז געוואָרען פֿאַר איהם ווי אַ פֿייערדיגער רוט. צו

שפּעט איז ער געוואָהר געוואָרען, אַז די ליעבע צום אמת האָט איהם פֿער-ניכטעט. וויסען אַליין איז ניט גענוג אין לעבען. דער ווילען און די געפֿיהלען פֿאָדערן אויך זייער נאַהרונג און איבונג, אַזוי גוט ווי דער גייסט. דער מענש איז ניט געשאַפֿען געוואָרען דערצו, בלויז זיך נאָכצוּיאָגען נאָך אַן אַבסטראַקטער פֿאָרמולע, אַ בלויזער שאָטען אַנטקעגען דער לעבעדיגער ווירקליכקייט.

„זוכען די וואַהרהייט" — יאָ, דאָס איז געווען איין אידעאַל. אָבער אויסערדעם איז נאָך געבליבען — ווי עס האָט געהייסען אין דעם ציטאַט, וועלכען מענדעלזאָהן'ס תלמידים האָבען אויסגעקליבען פֿאַר זייער מאָטאָ — „צו ליעבען דאָס שעהנע, ווינשען דאָס גוטע, טהאָן דאָס בעסטע". מענ-דעלזאָהן מיט זיין געאָרדענטען פּלאַן פֿון אַ האַרמאָנישען לעבען, מיט זיין גלייכער אויפֿפֿאַסונג פֿון געדאַנק און לעבען, האָט געהאַלטען אַ געזונדע גלייכגעוויכט צווישען פֿילאָזאָפֿיע און וויסענשאַפֿטען, סטודיום און געשעפֿט, אין פֿולער איינשטימונג מיט דעם העללעניזם, מיט דעם גריכענטוהם, און דאָך ניט אויפֿגעבענדיג דאָס העברעערטהום. אַזוי איז ער מיט דערזעלבער איבערגעבענהייט געבליבען גערעכט אי אַנטקעגען די פֿאָדערונגען פֿון דער געטהאָ און אי אַנטקעגען די פֿאָדערונגען פֿון דער קולטור. מענדעלזאָהן האָט איצט פֿאַר מימון'ס שטאַרבענדע אויגען געשיינט ווי דער אמת'ער חכם.

דער דיינקער האָט דערשפּירט אַ לעצטען פֿונק פֿון צופֿרידענהייט, דערקענענדיג אַזוי קלאָהר די אורזאַכען פֿון זיין נידערלאַגע אַלס מענש-ליכעם וועזען. גליק איז נור דאָס קינד פֿון בעשטענדיגקייט — פֿון בעשטענ-דיגקייט אין מיינונגען, אין רוים. נשמה און גוף נייטיגען זיך אין אַ צענטער, אַן אַקס, אַ היים.

ער איז נאָכגעגאַנגען דעם זוים פֿון דער וואַהרהייט ביז צו דעם אָבנאַרענדען האָריזאָנט. אויף אַ פֿאַנאַטישען אופן האָט ער זיך אָבגעגעבען מיט יעדען פֿילאָזאָפֿישען סיסטעם — מיט אַריסטאָטעל, שפּינאָזאַ, לייבניץ, קאַנט — און וואָס האָט ער געוואוסט איצט, ווען ער האָט געהאַלטען דערביי אַוועקצוגעהן הינטער דעם האָריזאָנט? גאָרנישט. ער האָט געוואונען אַ פּלאַץ צווישען די דיינקער פֿון דייטשלאַנד. דאָך ווען ער וואָלט נור געקענט האָבען לעבען זיך זיין פֿערשטויסענעם זוהן, ער זאָל איהם צומאַכען די שטאַרבענדע אויגען, און ווען ער וואָלט נור געקענט גלויבען אין דעם „קדיש", וואָס זיין זוהן דוד וואָלט אַרויסגעשלוכצט, — ווי ווילִיג וואָלט ער דאַן געווען אויסגע-מעקט צו ווערען פֿון דעם בוך פֿון בעריהמטהייט, פֿון כבוד און גדולה!

אַ פּסח־ניגון האָט אָבגעקלונגען ביי איהם אין מוח, זיסע טרעהרען פֿון

טרויער האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען, — יאָ, ווירקליך, אין אַ גאַנץ געוועהנליכען ניגון, אָהן אַ שום בעדייטונג, נאָר פֿול מיט קינדערשע עראינערונגען, האָט זיין זעעלע געפֿונען מעהר בעפֿרידיגונג, ווי אין אַלע פֿילאָזאָפֿיען צוזאַמען.

אַ מרה־שחורה'דיגעס געזאַנג פֿון שוהל האָט געציטערט אויף זיינע ליפּען. מיט טיפֿער ביינקעניש האָט זיך זיין זעעלע געווענדעט צו יענע אַסקעטען און מיסטיקער, וועמעס לעבען איז געווען אַ פֿרייווילינע מאַרטי־רעריי פֿאַר אַ מיספֿערשטאַנענער גערעכטיגקייט, אַ פֿייערדיגער אָפּפֿער פֿאַר אַ נאַאיווער אויפֿפֿאַסונג פֿון דעם קאָסמאָס. דער אונענדליכער פּאַטהאָס פֿון זייער לעבען האָט איהם געמאַכט פֿערגעסען אַן זיין אייגענער נישטיג-קייט. זיין זעעלע איז אויסגעגאַנגען נאָך זיי, אָבער זיין מוח האָט זיך ענטזאַגט פֿון זייערע אילוזיעס.

ער האָט צוזאַמענגעביסען די צייהן און געוואַרט אויף'ן טויט.

ווידער האָט דער פּאַסטאָר זיך געווענדעט צו איהם און געזאָגט:

„יאָ איהר זייט געווען נאַריש. נאָר דאָס, וואָס איהר זעהט עס איצט איין, צייגט דאָך, אַז אייער זעעלע קען ערלייזט ווערן. קריסטוס וואַרט שטענדיג אויף דער שוועל."

מימון האָט אונגעדולדיג אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד. „איהר פֿרעגט מיך, צי איך וואָלט זיך ניט געוואָלט ווידער זעהן מיט מענדעלזאָהן'ן. ווי אַזוי, דיינקט איהר, וואָלט איהר זיך געקענט וויזען פֿאַר איהם, ווען איך ווער אַ קריסט?"

„איהר פֿערגעסט, מיין ליעבער מימון, אַז ער ווייסט איצט די וואַהרהייט. מוז ער זיך ניט פֿרעהען דערמיט, וואָס זיינע טעכטער האָבען זיך אָנגע־שלאָסען אָן דער קירכע?"

מימון האָט זיך אויפֿגעזעצט אין בעט, איבערראַשט פֿון אַ פּלוצליכער עראינערונג. נאָר ער האָט זיך גלייך שטאַרק פֿונאַנדערגעהוסט.

„דאָראָטהעאַ, אָבער ניט הענריעטע?" האָט ער מיט ווייטאָג אַרויס־געקייכט.

„הענריעטע אויך. האָט איהר עס ניט געוואוסט? און אַבראַהאַם מענ-דעלזאָהן האָט אויך נור וואָס געלאָזט טויפֿען זיין זוהן פֿעליקס — אַ מוזי־קאַליש וואונדער־קינד, ווי איך הער."

מימון איז צוריקגעפֿאַלען אויף זיין קישען, איבערוועלטיגט פֿון געפֿיהלען און געדאַנקען. די טראַגעדיע, וועלכע איז געלעגען און געשלאָפֿען אין יענעם שמייכעל פֿון די שוועסטער, האָט זיך יעצט ענטוויקעלט.

ער האָט שוין לאַנג געהאַט איבערגעריסען די פֿערבינדונגען מיט בער-

לין, האָט זיך אויפגעהערט אינטערעסירען מיט'ן יודענטהום און מיט זיין אונבעדייטענדער פּאָליטיק. נאָר איצט האָט זיין זכרון צונויפגעהעפט אַלעס, וואָס ער האָט געהערט איבער די ענטוויקלונג פון דער אידישער פראַגע זייט מענדעלזאָהן'ס טויט: דעם קאַמפף צווישען דעם אַלטען און דעם נייעם, וואָס איז אַזוי היים געוואָרען, אַז די פרומע האָבען ניט געוואָלט ברייגען די רעפאָרמער צו קבורה אויף דעם אידישען בית עולם. דער קאַמפף, וואָס האָט געבראַכט אַזוי וויט, אַז יונגע לייט האָבען פערטראַכטעט זייערע פּאָטערס און געשריען: „קולטור, קולטור! נידער מיט דעם גהעטאָ!" אַ טהייל פון זיי, אין זייער ריקווירקונג געגען דעם דריי טויזענד יעהריגען יאָך, האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אין בעריהמערישע הפקרות, און נאָך מעהר פון זיי האָבען זיך אַריינגעוואָרפען דעם מאָדערנעם קריסטענטהום אין די אָרעמס. און דאָס זעלבע איז געווען מיט די פרויען פון דעם נייעם דור. הענריעטע הערץ האָט געוואונען די הערצער פון שעהנע יודישע פרויען פאַר די גלענצענדע דייטשען און פאַר דער ראָמאַנטישער בעוועגונג, אַזוי אַז מענדעלזאָהן'ס אייגענע טאָכטער, דאָראָטהעאַ, האָט פערלאָזען איהר מאַן און איהרע קינדער און איז געגאַנגען לעבען מיט שלעגעל'ן; און די אור־אַלטע צניעות פון דער אידישער פרוי איז אונטערגעגראָבען געוואָרען. אָנשטאָט דער עהרענפולער שעצונג פון זיין פאָלק, פאַר וועלכע מענדעלזאָהן האָט געאַרבייט, האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטאַרקע רעאַקציע געגען די אידען, וועלכע איז גייסטיג אָנגעטריבען געוואָרען דורך שלייערמאַכער מיט זיין „טראַנצענדענטאַלען קריסטענטהום", און פּאָליטיש דורך געגנטץ מיט זיין געשריי פאַר אַ „קריסטליכען דייטשלאַנד".ביידע זיינען זיי געווען לייבען פון דעם קריסטליך אידישען סאַלאָן, וועלכען מענדעלזאָהן האָט מעגליך געמאַכט. און דאָס איינציגע יודענטהום, וואָס איז נאָך געשטאַנען פעסט אין דער דאָזיגער קאָבעניש, דער אַלטער פעלז פון דעם ראַבינערטהום, וואָס ער האָט געזוכט צו שטירצען,—די אַמסטערדאַמער אידען, זיי האָבען זיך זאָגאַר ענטזאַגט אָנצונעהמען די ציוויל־רעכטע, פאַר וועלכע ער האָט געקעמפפט.

„אָרעמער מענדעלזאָהן!" האָט זיך דער שטאַרבענדער מימון געטראַכט. „ווער איז נאָך אַלעס דעם געווען דער טרוימער, ער אָדער איך? ס'איז פיליכט גוט פאַר איהם, וואָס ער קען קיינמאָל ניט ערפאַהרען, אַז זיין „פעדאָן" איז אונגערעכט."

דער אָבגרונד צווישען זיי איז פערשוואונדען, און אין אַ לעצטען בליץ פון אונבאַרמהערציגער טיפער קענטעניש האָט ער געזעהן זיך און מענדעלזאָהן'ן פעראייניגט אין דער געמיינזאַמער איראָניע פון דעם מענשליכען שיקזאַל.

ער האָט געמורמעלט: „און ווי אַזוי שטאַרבט דער חכם? — ווי דער נאַר."

„וואָס זאָגט איהר?" האָט דער פּאַסטאָר געפרעגט.

„סאיז אַ פּערז פון דער ביבעל."

„איהר זייט אַלזאָ אין פריעדען?"

„איך בין אין פריעדען."

פערלאג „ארבייטער פריינד".

דער
עקאנאמישער ליגען

פון

דר. מאקס נארדוי.

איבערזעצט פון ר. ראקער.

(דריטע אויפלאגע.)

(ארויסגעגעבען מיט דער הילף פון אנארכיסטישען פערבאנד.)

פרייז:—

אין ענגלאנד 3 פענס, — אמעריקא 10 סענם.

„ארבייטער פריינד" דרוקעריי, 163 דזשובילי סטריט, א.

רייכטהום און ארמוטה.

קיינער פֿון די סאָציאַלע איבלען, וועלכע אונזער צוויליזאַציאָן האָט פֿעראורזאַכט, ווערט ניט געפֿיהלט פֿון דער גרויסער מאַיאָריטעט מענשען אַזוי שטאַרק און פֿאָרטוועהרענד, ווי דער עקאָנאָמישער איבעל. עס גיט מענשען, וועלכע בעשעפֿטיגען זיך קיינמאָל ניט מיט איבער נאַטירליכע און מעטאַפֿיזישע פֿראַגען, פֿאַר זיי איז גאַנץ גלייכגילטיג, צו גאָט עקזיסטירט אָדער די מאַטעריע; די ענציקליקאַ* פֿון'ם פֿאַפּסט האָט פֿאַר זיי דעמזעלבען ווערטה ווי די דעסצענדענץ־טהעאָרי** און די בעגריפֿע גלויבען אָדער וויסען שפּילען ביי זיי קיין ראָלע ניט. אויך די פּאָליטיק לאָזט פֿילע מענשען פֿאָלשטענדיג קאַלט אונדי צאָהל פֿון פּערזאָנען, וועלכע קימערען זיך גאַנץ ווייניג, צו מע רעגירט זיי אים נאָמען פֿון אַ פּערזענליכען הערשער, אָדער אים נאָמען פֿון אַן אונפּערזענליכער רעפּובליק, אַזוי לאַנג ווי דער שטאַט מאַניפֿעסטירט זיך פֿאַר זיי אויסשליסליך אין דער געשטאַלט פֿון אַ פּאָליציסט, אַ שטייער־איינעהמער אָדער אַ דיאַדקאָ, איז פֿיל גרעסער, ווי פֿילע גלויבען. עס גיט אָבער ניט קיין קולטור־מענש, וועלכער בעשעפֿטיגט זיך ניט יעדען טאָג מיט דער פֿראַגע פֿון זיין פֿערדינסט און זיינע אויסגאַבען. זאָגאַר דער דומסטער און צוריקגעבליבענסטער מענש ווערט בעאיינפֿלוסט דורך די טעגליכע ערשיינונגען פֿון'ם עקאָנאָמישען לעבען. ווער עס האָט נאָר אין זיך אַ שפּור פֿון בעוואוסטזיין, פֿיהלט געוויסע מאַטעריעלע בעדירפֿניסע, ער איז אונצופֿרידען מיט די שוויריג־קייטען, וועלכע שטעלען זיך איהם ענטגעגען און עמפּעהרט זיך, ווען ער געפֿינט ניט די מעגליכקייט זיי צו בעפֿרידיגען. מיט אַ ביטערען געפֿיהל פֿערגלייכט ער די אַנשטרענגונגען פֿון זיין אַרבייט מיט דעם גענוס, וועלכען זי פֿערשאַפֿט איהם און ער בעטראַכט די נאַטור פֿאַר אַ שטיפֿמוטער, וועלכע גיט צו אַנדערע אַלעס און צו איהם אַליין גאָרנישט.

*) ענציקליקאַ איז אַן עפֿענטליכע ערקלעהרונג פֿון'ם פֿאַפּסט, אין וועלכע די קאַטוילישע קירכע נעהמט שטעלונג צו אירגענד וועלכע פֿראַגען פֿון בעזאָנדערער וויכטיגקייט. די ענציקליקאַ גילט פֿאַר אונפֿעהלבאַר.

**) דעסצענדענץ־טהעאָרי, מיינט די לעהרע פֿון ענטוויקלונג, וועלכע אַנער־קענט קיינע צופֿעליגקייטען און אַבגעשלאָסענהייטען אין דער נאַטור, זאָנדערען אַ נאַטירליכען ענטוויקלונגס־פּראָצעס פֿון נידריגע פֿאָרמען צו אימער פֿאָלקאָמענערע.

הונגעריג פֿיהלט מען זיך אַלע פּאָר שטונדען, מיד איז מען אַם ענדע פֿון יעדען אַרבייטס-טאָג; יעדעס מאָל, ווען אונזערע אויגען זעהען אַ אַך, וועלכע געפֿעלט אונז, פֿיהלען מיר דאָס בעדערפֿנים, איהר צו בעזיצען, דען דיזער נאַטירליכער אינסטינקט איז ניט מעהר ווי די מאַני־פֿעסטאַציאָן פֿון אונזער אינדיווידואַליטעט, און אַזוי זיינען מיר געצוואונגען דורך אונזער גאַנצען קערפּערליכען צושטאַנד זיך פֿאָרטוועהרענד צו בעשעפֿטיגען מיט דער עקאָנאָמישער פֿראַגע און צו פֿערגלייכען אונזער פּערזענליכע שטעלונג אין דעם אַלגעמיינעם פּראָצעס פֿון פּראָדוקציאָן און קאָנסומציאָן. עס גיט ניט קיין געזעלשאַפֿטליכעס פּראָבלעם, וועלכעס איז אימשטאַנדע די מאַסען אויף אַזוי פֿיל אויפֿצורעגען, ווי די עקאָנאָמישע פֿראַגע. אין מיטעלאַלטער האָט מען בעוועגט מיליאָנען, ווען מע האָט גערעדט פֿון דער רעליגיאָן; אַם ענדע פֿון דעם 18טען יאָהרהונדערט און זאָגאַר נאָך ביז אין מיטען פֿון דעם 19טען יאָהרהונדערט האָבען די פֿעלקער זיך בעגייסטערט פֿאַר די אידעאַלע בעדירפֿניסע דער אויפֿקלעהרונג און פֿאַר די פּאָליטישע פֿרייהייט. היינט הערט מען נאָר דעם געשריי פֿאַר ברויט, וועלכער דריקט אוים די בעדירפֿניסע פֿון די מאַסען. דיזער געשריי איז דער גאַנצער אינהאַלט פֿון אונזער פּאָליטיק, וועלכע פֿערזוכט פֿילע מאָל אָבצוציהען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די פֿעלקער דורך סענזאַציאָנעלע קאָמעדיאַנטען־שפּילע, דורך מלחמות און קאָלאָניזאַציאָן, דורך דינאַסטישע פּורים־שפּילעריי און פּאַרלאַמענטאַ־רישע פּלוידערייען, דורך העצערייען געגען איינצעלנע געזעלשאַפֿטס־קלאַסען און זאָגענאַנטע רעפֿאָרמען, אָבער שטענדיג האָט דער דרוק פֿון דער עפֿענטליכער מיינונג די רעגירונגען געצוואונגען, זיך ווידער צו בעשעפֿטיגען מיט דער גרויסער וועלט־פֿראַגע, מיט דעם עקאָנאָמישען פּראָבלעם.

קרייץ־ציגע, אום צו בעפֿרייען דעם הייליגען קבר, זיינען היינט אַ זאַך דער אונמעגליכקייט, מע שלאָגט זיך היינט פֿאַר אַ גאָלדענע פֿליס*, פֿאַר אַ געזעלשאַפֿטליכען וואָהלשטאַנד; מע מאַכט מעהר קיינע רעוואָלוציאָנען פֿאַר אַ פּאַפּירענע קאָנסטיטוציאָן און דעמאָקראַטישע שלאַגווערטער, נאָר פֿאַר וויניגער אַרבייט און בעסערע עסענס.

אין קיין צייט איז דער געזעלשאַפֿטליכער געגענזאַץ צווישען רייכע און אָרעמע ניט געווען אַזוי שטאַרק און געוואַלדיג, ווי היינט צו טאָג. דיאיעניגע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען, וועלכע פֿאַנגען אָן זייערע ווויסענשאַפֿטליכע ווערק מיט דער אַלטער בעהויפּטונג, אַז דער פּאָפּעריזמוס, די אַרמוטה איז שוין אַזוי אַלט, ווי די מענשהייט זעלבסט, שפּילען לייכטזיניג אָדער בעטריגעריש מיט פּוסטע ווערטער. עס גיט אַן אַבסאָלוטע אַרמוטה און אַ רעלאַטיווע

*) דאָס גאָלדענע פֿליס מיינט אַ גאָלדענע שעפּסען־פֿעל, וועלכע שפּילט אין דער גריכישער מיטהאָלאָגי אַ בעדייטענדע ראָלע. אום די גאָלדענע פֿעל צו עראָבערען, האָבען זיך די גרעסטע העלדען פֿון גריכענלאַנד פֿעראייניגט אין אַ קריגס־צוג, וועלכער איז בעקאַנט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען דער אַרגאָנאַוטען־צוג.

אַרמוטה. אַבסאָלוטע אַרמוטה איז אַזאַ צושטאַנד, וואו דער מענש איז ניט אימשטאַנדע צו בעפֿרידיגען זיינע ווירקליכע בעדירפֿניסע, ד. ה. די יעניגע בעדירפֿניסע, וועלכע ווערען דירעקט פֿעראורזאַכט דורך זיין אָרגאַנישע לעבענס־טהעטיגקייט. ווען אַ מענש האָט ניט גענוג נאַהרונג, אָדער ווען ער קען נאָר בעקומען זיין טעגליכע נאַהרונג דורך אַזעלכע אַנשטריינגונגען, וואָס רויבען פֿון איהם אַוועק די נויטהיגע רוה, וועלכע זיין אָרגאַניזמוס פֿאָדערט, אום ער זאָל ניט אָבשטאַרבען און לאַנגזאַם צו גרונדע געהן, דאַן לעבט ער אין אַבסאָלוטער אַרמוטה. רעלאַטיווע אַרמוטה מיינט די ניטבעפֿרידיגונג פֿון אַזעלכע בעדירפֿניסע, צו וועלכע דער מענש איז קינסטליך צוגעוואוינט געוואָרען, וועלכע זיינען אָבער ניט אונבעדינגט נויטווענדיג צו ערהאַלטען זיין לעבען און געזונדהייט. געוועהנליך קומט דער אינדיווידואום ערשט צום בעוואוסטזיין פֿון אַזעלכע בעדירפֿניסע, ווען ער פֿערגלייכט זיין אייגענע לעבענס־אויפֿפֿיהרונג מיט דער לעבענס אויפֿפֿיהרונג פֿון אַנדערע.

דער אַרבייטער פֿיהלט זיך אָרעם, ווען ער האָט ניט וואָס צו רויכערען אָדער ווען ער קען ניט טרינקען אַ גלעזעל בראַנפֿען; די קרעמערקע פֿיהלט זיך אָרעם, ווען זי קען זיך ניט קויפֿען אַ זיידענע קלייד און אויספּוצען איהר וואוינונג מיט איבערפֿליסיגע מעבעל; דער מאַן פֿון אַ בעסערע פּראָפֿעסיאָן פֿיהלט זיך אָרעם, ווען ער קען ניט אָבשפּאָרען אַ קליינעם קאַפּיטאַל פֿאַר די עלטערע יאָהרען אָדער צו פֿערזיכערען די צוקונפֿט פֿון זיינע קינדער. דיזע זאָרט אַרמוטה איז ניט נאָר אַ רעלאַטיווע, דען פֿאַר דעם אַרבייטער איז די קרעמערקע שוין אַ רייכע און אַ רייכער אַריסטאָקראַט, וועלכער איז אויפֿגעוואַקסען אין איבערפֿלוס, וואָלט דאָרטען געזעהן אָרעמקייט, וואו אַ קליינער בעאַמטער אָדער אַ בוכהאַלטער וואָלט געזעהן דעם גרעסטען לוקסוס; זי איז אויך אַ סוביעקטיווע אַרמוטה, דע זי עקזיסטירט נאָר אין די איינבילדונגס־קראַפֿט פֿון דעם בעטרעפֿענדען אינדיווידואום און די ניטבעפֿרידיגונג פֿון אַזעלכע בעדירפֿניסע קען ניט ברייגגען קיין שאַדען פֿאַר זיין אָרגאַניזמוס. מיט איין וואָרט, דיזע זאָרט אַרמוטה איז קיין פֿיזיאָלאָגישע אַרמוטה און שוין דער אַלטער דיאָגענעס האָט געצייגט, אַז די רעלאַטיווע אַרמוטה איז נאָר דער גרענעץ פֿון דעם סוביעקטיווען גליקס־געפֿיהל, און דאָס מע קען זיך געפֿינען גאַנץ גוט, אַזוי לאַנג ווי מע קען בעפֿרידיגען די נויטווענדיגע בעדירפֿניסע פֿון דעם קערפּער.

פֿאַר דעם קולטור־מענש פֿון אונזער צייט, וועלכער איז אַ שקלאַף פֿון אַלע געוואוינהייטען און בעדירפֿניסע דער צוויליזאַציאָן, שיינט עס, דאָס די גרויסע מאַיאָריטעט דער מענשהייט האָט שטענדיג געלעבט אין רעלאַטיווער אַרמוטה און וואָס ווייטער מע בליקט צוריק אין דער פֿערגאַנגענהייט, אַלס גרעסער איז געווען די רעלאַטיווע אַרמוטה. די קליידער פֿון די מענשען זיינען געווען ניט אַזוי פֿיין ווי היינט און ניט אַזוי אָפֿט

גיצוויעקסעלט געוואָרען ווי היינט ; זייערע וואוינונגען זיינען געוועזן שלעכטער ייער נאַהרונג איינפאַכער, זייערע געצייג ניט אַזוי אויסגעפֿיינערט ; זיי האָבען ניט געהאַט אַזוי פֿיל געלט און זייער היים איז געוועזן וויניגער אויסגעצירט. אָבער דיזע רעלאַטיווע אַרמוטה איז ניט געוועזן אַזוי שרעקליך נאָר אַ גערדאַנקענלאָזע ליאַלקע געפֿינט עס טראַגיש, ווען די פֿרוי פֿון אַ עקסקימאָס קליידעט זיך אָן מיט די פֿעל פֿון אַ ים־הונד, אום זיך צו בעשיצען געגען די קעלט, אָנשטאָט אַ זיידענע קלייד, און איך צוויפֿעל זעהר שטאַרק, דאָס דער וואונש פֿון העגריך דעם 4טען, אַז יעדער בויער זאָל האָבען פֿאַר זונטאָג אַ הון אין טאָפּ, האָט ווירקליך בעגייסטערט די בויערן, אַזוי לאַנג ווי זיי האָבען געהאַט די מעגליכקייט זיך צו זעטיגען מיט רינד־פֿלייש. אָבער די אַבסאָלוטע, די פֿיזיאָלאָגישע אַרמוטה איז נאָר די פֿאָלגע פֿון אַן אונגעזונטער צוויליזאַציאָן. אים נאַטור־צושטאַנד דער מענשהייט און זאָגאַר נאָך אין די ערשטע פעריאָדען דער קולטור איז אַזאַ צושטאַנד אונמעגליך. די ערשטע און וויכטיגסטע לעבענס־טהעטיגקייט פֿון יעדען אָרגאַנישען וועזען, פֿון דער מאָנאַדע* ביז צום העלפֿאַנט, פֿון דער באַקטעריע** ביז צום אייכענבוים איז דאָס בעדערפֿניס צו זוכען גענוג נאַהרונג פֿאַר דער עקזיסטענץ. ווען עס געפֿינט ניט גענוג נאַהרונג שטאַרבט עס אָב און געהט צו גרונדע. אָבער קיין אָרגאַנישעס וועזען פּאַסט זיך פֿרייוויליג צו צו אַ שטענדיגען מאַנגעל אין די עקזיסטענץ־מיטלען. דאָס איז אַ ביאָלאָגישעס געזעץ, וועלכעס בעהערשט אויך דעם מענשען. דער פּרימיטיווער מענש אונטערוואַרפֿט זיך ניט רוהיג און שטילשוויגענד דער נויט ; ער בעקעמפֿט און בעזיגט איהר אָדער ער ווערט זעהר שנעל בעזיגט פֿון איהר. איז ער אַ יעגער און די טהירע פֿון וואַלד פֿערלאָזען די געגענד, אין וועלכע ער וואוינט, וועט ער אויפֿזוכען אַ בעסערע שטיק לאַנד. איז ער אַן אַקערבויער און די ערד, וועלכע ער בעאַרבייט איז ניט גענוג פֿרוכטבאַר, וועט ער פֿערלאָזען דאָס לאַנד, אויף וועלכע ער לעבט, אין דעם אויגענבליק, וואָס ער בעקומט די נאַכריכט פֿון בעסערע און פֿרוכטבאַרערע געגענדען. ווען עס געפֿינען זיך אַנדערע מענשען, וועלכע פֿערהינדערען איהם אין זוכען זיין נאַהרונג, גרייפֿט ער זיי אָן ; ער הרג'עט אָדער ווערט גע'הרג'עט. דער איבערפֿלוס איז דאַן דער פּרייז פֿאַר זיין קראַפֿט, דער לוין פֿאַר זיין ענטשלאָסענהייט.

אַזוי האָט זיך אָנגעפֿאַנגען דער שטראָם פֿון דער פֿעלקערוואַנדערונג. די מענשען פֿון אונפֿרוכטבאַרע געגענדען האָבען פֿערלאָזען זייער היימאַטה, אום צו עראָבערען די לענדער, וועלכע די נאַטור האָט געבענשט. דער אורשפּרונג פֿון דעם העלדענמוטה פֿון אַ ג י י ס ע ר י ך*, אַן אַ ט י ל אַ**,

---

*) מ אָ נ אַ ד ע איז די קלענסטע לעבענספֿאָרם און דער איינפֿאַכסטער לעבענס־אָרגאַניזמוס.
**) ב אַ ק ט ע ר י ע ן זיינען די קלענסטע געוויקסע אין דער פֿלאַנצען־וועלט.
*) ג י י ס ע ר י ך איז געוועזן אַ קעניג פֿון די וואַנדאַלען, אַ האַלבווילדער דייטשער פֿאָלקס־שטאַם, וועלכער האָט געגרינדעט אַ בעזונדערע קעניגרייך אין נאָרד־אַפֿריקאַ.

א דזשינגיס־כאן*** אדער א ווילהעלם פון נארמאנדי**** איז דער מאגען, און אויף די בלוטיגסטע און בעריהמטעסטע שלאכט־פעלדער, פון וועלכע די פאעטען זינגען, ווערט ענטשידען מיט פייער און אייזען די פראגע פון א מאהלצייט. מיט אייןווארט, דער פרימיטיווער מענש דולדעט ניט די ווירקליכע ארמוטה, ד.ה. דעם הונגער. ער קעמפט געגען דאס שטילע עלענד און עראבערט זיך דעם איבערפלוס אדער ער פאלט דורך דעם שווערד פון זיינע פיינדע, איידער די נויט האט איהם לאנגזאם געטויטעט. אויך אין א צוויליזירטען צושטאנד, וועלכער גרינדעט זיך נאך אויף די פהיזיאקראטי*, איז די ווירקליכע ארמוטה אונמעגליך. אזוי לאנג ווי א פאלק קען נאר דעם אקער־בוי, די פיה־צוכט און די הויז־אינדוסטרי, קען עס ארעם זיין אין עדעלע מעטאלען און אין לוקסוס געגענשטענדע, אבער זיינע מיטגלידער האבען אימער גענוג צו עסען. ערשט דאן, ווען דער מענש פערלירט די פערבינדונג מיט דער מוטער ערד, ווען ער רייסט זיך אב פון דעם טרייען אקער און פערלאזט די גרויסע פרייע נאטור, וועלכע פערזארגט איהם מיט ברויט און פרוכט, מילך און בהמות, פיש און יאגד־טהירע, ערשט דאן ווען ער בעהאלט זיך הינטער די מויערען פון דער שטאט און גיט אפ זיין אנטהייל פון דער ערד, ווען ער קען ניט מעהר ארויסנעהמען מיט זיינע אייגענע הענד די פראדוקטע פון דער טהיר־און פלאנצען־וועלט אוים דעם גרויסען מאגאזין דער נאטור, אום צו בעפרידיגען זיינע נויטווענדיגע בעדירפניסע, ערשט דאן, ווען ער איז געצוואונגען אויסצוטוישען די פראדוקטען פון זיין אינדוסטריעלער ארבייט געגען די נאטור־פראדוקטען, וועלכע זיינען מאנאפאליזירט געווארען פון אנדערע, ערשט דאן גיט עס א מעגליכקייט, דאס א קליינע מינאריטעט זאל קאנצענטרירען אלע רייכטהימער אין איהרע הענד און די גרויסע מאסע זאל לעבען אין א צושטאנד פון אבסאלוטער ארמוטה און פיזיאלאגישען עלענד.

א נאציאן, וועלכע בעשטעהט פון פרייע בויערען איז קיינמאל ניט ארעם. זי קען ערשט דאן ארעם ווערען, ווען איהרע מיטגלידער שמאכטען

אין 455 האט גייסעריך עראבערט רוים און זיינע ווילדע קריגער האבען צושטערט פילע קאסטבארע קונסטווערק.

**) אטילא איז געווען דער קעניג פון די הונען, וועלכע זיינען געקומען פון אזיען און זיינען איבערפאלען אייראפא. ער איז געווען דער פערורזאכער פון דער זאגענאנטער פעלקער־וואנדערונג, דען איבעראל זיינען די פעלקער ענטלאפען פאר איהם. אין 451 איז ער בעזיגט געווארען פון די פעראייניגטע דייטשען און רוימער אין דער בלוטיגער שלאכט פון שאלאן. נאך זיין טויט איז זיין קעניגרייך זעהר גיך צופאלען געווארען.

***) דזשענגיס־כאן איז געווען אן אזיאטישער דעספאט און עראבערער.

****) ווילהעלם פון נארמאנדי איז איבערפאלען ענגלאנד מיט א ארמיע, האט די ענגלענדער בעזיגט אין דער בלוטיגער שלאכט ביי הייסטינגס אין 1066 און איז געווארען קעניג פון ענגלאנד.

*) פהיזיאקראטי איז א געזעלשאפטליכער צושטאנד, אין וועלכען די מענשליכע פראדוקציאן בעשעפטיגט זיך אויסשליסליך מיט אקער־בוי.

אונטער דעם יאָך פֿון פֿעאָדאַליזמוס, ווען די באַראָנען רויבען אַוועק פֿון זיי די פּראָדוקטען פֿון זייערע אַקערס, ווען זיי צווינגען זיי דורך אַנדערע אַרבייטען צו פֿערנאַכלעסיגען די ערד, אָדער ווען די שטעט ווערען אַזוי צאָהלרייך, דאָס זיי ציהען אַוועק אַ גרויסען טהייל דער נאַציאָן פֿון'ם לאַנד. די מאָדערנע צוויליזאַציאָן פֿעראורטהיילט אַ גרויסען טהייל פֿון פֿאָלק, וועלכע פֿערגרעסערט זיך מיט יעדען טאָג, צו אַבסאָלוטער אַרמוטה, מיט דעם וואָס זי פֿערגרעסערט די שטעט אויף די קאָסטען פֿון דער לאַנד־בעפֿעלקערונג, מיט דעם וואָס זי בעגינסטיגט די ענטוויקלונג פֿון דער גרויס־אינדוסטרי אויף די קאָסטען פֿון דער טהיר־און פֿלאַנצען־פּראָדוקציאָן; אַזוי ענטוויקעלט זיך אַ צאָהלרייכע פּראָלעטאַריער־קלאַסע, וועלכע בעזיצט ניט קיין שטיקעל ערד, וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגען, אַ קלאַסע, וועלכע איז אַרויסגעריסען געוואָרען אויס די געוועהנליכע און נאָרמאַלע בעדינגונגען פֿון'ם מענשליכען דאַזיין, און וועלכע מוז שטאַרבען פֿון הונגער אין דעם אויגענבליק, ווען עס פֿערמאַכען זיך די פֿאַבריקען און וואָרקשאָפּס, און ווען קיינער וויל מעהר ניט קויפֿען זייער אַרבייטס־קראַפֿט.

אין אַזאַ צושטאַנד לעבען געגענווערטיג אַלע פֿעלקער אין מעריב־איראָפּאַ, וועלכע מע בעטראַכט געוועהנליך פֿאַר די רייכסטע און צוויליזירטעסטע. זיי טהיילען זיך אָפּ אין אַ קליינע מינאָריטעט, וועלכע לעבט אין גרעסטען לוקסוס און איבערפֿלוס, און וועלכע ליידעט טהיילווייז פֿון אַ ריכטיגען פֿערשווענדונגס־וואַהנזין — און אַ גרויסע מאַסע, וועלכע קען נאָר עקזיס־טירען אונטער די שרעקליכסטע אַנשטריינגונגען, און וועלכע קען טראָץ די שווערע אַרבייט ניט מאַכען קיין אַנשטענדיגען לעבען.

די מינאָריטעט ווערט מיט יעדען טאָג רייכער, דער געגענזאַץ פֿון איהרע מיטגלידער און דאָס פֿאָלק ווערט אימער גרעסער און געוואַלדיגער און זייער איינפֿלוס אין דער געזעלשאַפֿט וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג. ווען מע רעט היינט וועגען דער וואַהנזיניגער פֿערשווענדונג פֿון אונזערע מיליאָנערען און מיליאַרדערען, געפֿינען זיך געוויסע קולטור־היסטאָריקער, וועלכע הויבען אָן מיטליידיג צו שמייכלען איבער אונזער אונוויסענהייט און בעווייזען אונז מיט אירגענד אַ לאַטיינישער שמאַטע, דאָס אין דער צייט פֿון'ם רוימישען קייזעררייך און זאָגאַר אין מיטעלאַלטער איז דער אונטערשיד צווישען רייכע און אָרעמע פֿיל גרעסער געווען ווי היינט צו טאָג. אַזעלכע בעהויפּטונגען זיינען ניט מעהר ווי אַ לעכערליכער געלעהרטער שווינדעל. רייכטהימער ווי די פֿון אַ וואַנדערבילד, אַ באַראָן הירש, אַ ראָטשילד אָדער אַ קרופּ, רייכטהימער פֿון הונטערטער מיליאָנען מאַרק, האָבען אין מיטעלאַלטער ניט עקזיסטירט. אין אַלטערטהום האָט פֿילייכט אַ סאַטראַפּ* אָדער אַ פּראָקאָנסול**, נאָכדעם ווי ער האָט

---

*) סאַטראַפּ איז געווען דער נאָמען פֿון יעדען שטאַטהאַלטער אין אַלטען פּערזיען.

**) פּראָקאָנסול איז אַ רוימישער שטאַטהאַלטער, פֿערוואַלטער פֿון אַ געוויסע פּראָווינץ אָדער לאַנד.

אויסגערויבט אַ גאַנצע פּראָווינץ אָדער אַ גאַנצען וועלט-טהייל, געהאַט פּונקט אַזעלכע רייכטהימער, אָבער אַזאַ פֿערמעגען האָט נאָר עקזיסטירט פֿאַר אַ קורצע צייט. אַזעלכע רייכטהימער זיינען געווען ווי די אוצרות אין אַ צויבער-געשיכטע, מע האָט זיי היינט געוואונען און מאָרגען פֿערלאָרען. זייער בעזיצער האָט געטרוימט אַ קורצען טרוים, פֿון וועלכען די וואַפֿע פֿון אַ מערדער, די פֿערפֿאָלגונגען פֿון אַ הערשער און דער צונעהמען פֿון זיין פֿערמעגען האָט איהם באַלד אויפֿגעוועקט. דאָס אַזעלכע פֿערמעגענס זאָלען זיך האָבען איבערגעטראָגען בירושה פֿון פֿאָטער צום זון נאָר דורך דריי גענעראַציאָנען און דאָס זייערע בעזיצער זאָלען האָבען געקענט געניסען אין צופֿרידענהייט זייערע רייכטהימער, פֿאַר דעם געפֿינט זיך ניט אין דער גאַנצער געשיכטע פֿון'ם רוימישען קייזעררייך און אויך אין דער אָריענטאַלישער געשיכטע קיין איינציגער ביישפּיל. אויך זיינען די מיליאָנערען און מיליאַרדערען דאַן פֿיל זעלטענער געווען ווי היינט, דען אין ענגלאַנד אַליין גיט עס 800 ביז 1000 פּריוואַט-מענשען, וועלכע בעזיצען אַריבער פֿינף מיליאָן מאַרק פֿערמעגען און די צאָהל פֿון די מיליאָנערען אין גאַנץ איראָפּאַ — ניט רעכענענדיג אַמעריקאַ און די איבריגע וועלטטהיילען — בעטרעפֿט וויינינגסטענס הונדערט-טויזענד, אויב ניט מעהר. אָבער אין קיין צייט האָט עס אויך ניט געגעבען אַזאַ געוואַלדיגע מאַסע פֿון בעזיצלאָזע אינדיווידוען, אַבסאָלוטע אָרעמע אין דעם זין ווי איך האָב עס פֿריהער דעפֿינירט, מענשען, וועלכע הויבען זיך אויף אין דער פֿריה פֿון זייער געלעגער, ניטוויסענדיג, וואו זיי וועלען געפֿינען עטוואָס צו עסען וועהרענד דעם גאַנצען טאָג און אַ געלעגער פֿאַר דער קומענדער נאַכט. עס איז וואַהר, דער שקלאַף אין אַלטערטהום אָדער דער לייב-אייגענער אין מיטעלאַלטער זיינען געווען אויך בעזיצלאָזע מענשען, דען זיי אַליין זיינען געווען אַ שטיק אייגענטהום פֿון זייערע הערען, אָבער זיי האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו בעפֿרידיגען זייערע נויטווענדיגע בעדירפֿניסע, דען זייערע הערען האָבען זיי פֿערזאָרגט מיט קליידונג, נאַהרונג און וואוינונג. אין מיטעלאַלטער זיינען נאָר די וואַגאַבונדען, שוואַרץ-קינסטלער און ציגיינער געווען ריכטיגע פּראָלעטאַריער. קיין זאַך אויף דער וועלט איז ניט געווען זייער אייגענטהום, אין ערגעץ איז ניט געווען קיין טיש געדעקט פֿאַר זיי, די מיטעלאַלטערליכע רעכטס-אַנשויאונג האָט זיי אפֿילו ניט געגעבען די טהעאָרעטישע בערעכטיגונג צו דיינקען, אַז די פֿריכטע דער נאַטור עקזיסטירט אויך פֿאַר זיי. אָבער אום אַרוים צו קומען פֿון דעם עלענד, צו וועלכען די אַלטע געזעלשאַפֿט האָט זיי גרונדזעצליך פֿעראורטהיילט, האָבען זיי זיך געהאָלפֿען דורך בעטלעריי, גניבה און רויב, און אָבוואָהל די מעהרסטע פֿון זיי זיינען געשטאָרבען אויף'ן גאַלגאַז אָנשטאָט פֿון אַלטערס שוואַכקייט, זיינען זיי דאָך געוועהנליך זאַט און פֿרעהליך געווען ביז צום עשאַפֿאָט.

דאָס מאָדערנע פּראָלעטאַריאַט אין די גרויסע שטעט האָט קיינע

פֿאָרגענגער אין דער געשיכטע; עס איז אַ קינד פֿון אונזער צייט. דער מאָדערנער פּראָלעטאַריער איז עלענדער און אָרעמער פֿון דעם שקלאַף אין אַלטערטהום, דען ער האָט ניט קיין הער, וועלכער זאָל איהם געבען צו עסען און זיך זאָרגען פֿאַר זיין עקזיסטענץ, און אָבוואָהל ער איז פֿרייער ווי דער שקלאַף, בעשטעהט דאָך דער גרעסטער טהייל פֿון זיין פֿרייהייט אין דעם, וואָס ער קען פֿריי שטאַרבען פֿון הונגער. ער לעבט נאָך צום מאָל ניט אַזוי גוט ווי דער "אונעהרליכער מאַן(:)" אין מיטעלאַלטער, דען ער בעזיצט ניט די פֿרייע אונאַבהייננגיגקייט פֿון דעם אויסגעשטויסענעם וואַגאַבונד, ער רעוואָלטירט זעהר זעלטען געגען דער געזעלשאַפֿט און ער האָט ניט דעם מוטה צוצונעהמען דורך גניבה און רויב, דאָס וואָס די געזעלשאַפֿטליכע אָרדנונג גיט איהם ניט.

דער רייכער בעזיצט אַלזאָ היינט מעהר און דער אָרעמער וויניגער, ווי אין די אַמאָליגע צייטען. אויך דער פֿערשווענדונגס וואַהנזין פֿון די רייכע איז היינט גרעסער ווי אַמאָל געווען. מע דערצעהלט אונז שטענדיג פֿון די מאָהלצייטען פֿון לוקולוס*, וועלכע בעשעפֿטיגען נאָך היינט אַ געוויסע סאָרט היסטאָריקער און אַרכעאָלאָגען**. אָבער וואו איז דער מענש, וועלכער קען אונז בעווייזען, דאָס אין אַלטען רוים האָט מען פֿעסטע אַראַנזשירט, וועלכע האָבען געקאָסט אַריבער 400,000 מאַרק, ווי דער באַל פֿון אַ נויאָרקער קרעסוס***, פֿון וועלכען די צייטונגען האָבען אונז קירצליך בעריכטעט? אַ פּריוואַט־מאַן, וועלכער האָט זיינע געסט געגעבען נאַכטיגאַלען־צונגען־פּאַסטעטען צו עסען אָדער אַ גריכישע העטערע****, וועלכע האָט פֿערשיינקט אין רוים עטליכע הונדערט־טויזענד סעסטערצען האָבען ארויסגערופֿען אַזאַ סענזאַציאָן, דאָס אַלע דאַמאָלדיגע און שפּעטערע סאַטיריקער און היסטאָריקער האָבען זיך בעשעפֿטיגט מיט דעם. היינט רעט קיין מענש ניט פֿון די טויזענדער געלד־אַריסטאָקראַטען, וועלכע גיבען אויס 200,000 מאַרק פֿאַר אַן אַלטע קונסטווערק אָדער 600,000 מאַרק פֿאַר אַ פֿערד, קיינער רעט ניט פֿון די, וועלכע גיבען אַ פֿערקויפֿטע פּראָסטיטוטקע די געלעגענהייט צו פֿערשווענדען אַ מיליאָן מאַרק אַ יאָהר.

(:) אין מיטעלאַלטער האָט מען גערופֿען אַלע בעטלערס, וואַגאַבונדען, ציגיינער א.ז.וו. „אונעהרליכע מענשען"; זיי זיינען אויסגעשטויסען געוואָרען פֿון דער געזעלשאַפֿט און קיינער האָט ניט געהאַט קיינע בעציהונגען מיט זיי.

*) לוקולוס איז געווען אַ רייכער רוימישער אַריסטאָקראַט, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט דורך זיינע וואַהנזיניגע פֿערשווענדונגען און בעזאָנדערס דורך די רייכע מאָהלצייטען, וועלכע ער האָט פֿעראַנשטאַלט פֿאַר זיינע פֿריינדע.

**) אַרכעאָלאָג מיינט אַלטערטהומס-פֿאָרשער.

***) קרעסוס דער קעניג פֿון לידיען איז בעקאַנט געווען צוליב זיינע געוואַלדיגע רייכטהימער. זיין קעניגרייך איז צושטערט געוואָרען 500 יאָהר בעפֿאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג דורך דעם פּערזישען קעניג צירוס.

****) העטערען זיינען געווען גייסטרייכע און אָפֿטמאָל פֿילאָזאָפֿיש-געבילדעטע פּראָסטיטוטקעס אין אַלטען גריכענלאַנד. זייער פּראָפֿעסיאָן איז פֿערהייליגט געוואָרען דורך אַ ספּעציעלען רעליגיעזען קולטוס.

דער פערשווענדערישער לוקסוס אין אלטערטהום און מיטעלאלטער איז געווען א זעהר זעלטענע ערשיינונג, דערפאר האט ער ארויסגערופען די אויפמערקזאמקייט פון אלעמען. אין די אלטע צייטען האט זיך דער לוקסוס נאר מאניפעסטירט אין אבגעשלאסענע געזעלשאפטס־קרייזען. די בורזשואזיע מאסע האט זעלטען געהאט די געלעגענהייט איהם צו זעהן. היינט צייגט זיך די פערשווענדונג פון די רייכע איבעראל אין דער עפענטליכקייט, אויף די פראמענאדען פון די גרויסע שטעט, אין די טהעאטערע און קאנצערט־הייזער, אויף די ספארט־פלעצער און אין די באדע־ערטער. זייערע עקיפאזשען בעשפריצען די הונגעריגע פראלעטאריער מיט דעם שמוץ פון זייערע רעדער און זייערע דימאנטען גלענצען דארט אם פייערינסטען, וואו זיי פאלען אין די אויגען פון די עלענדע און הימלאזע. זיי מאכען די זשורנאליסטען אלס צושויער פון זייערע פערשווענדונגען און בענוצען די פרעסע, צו פערעפענטליכען זייערע פעסטע און פייערטעג.

דער מאדערנער פראלעטאריער האט אלזא די געלעגענהייט צו פערגלייכען זיין פערזענליכע לאגע מיט דער לאגע פון דעם קאפיטאליסט; אזא פערגלייך איז אין אלטערטהום געווען אונמעגליך. די וואהנזיניגע פערשווענדונגען פון אונזערע מיליאנערען, וועלכע ער זעהט יעדען טאג מיט זיינע אייגענע אויגען, ווערען פאר איהם א גענויער מאסשטאב פאר זיין אייגענעם עלענד, וועלכעס קומט איהם דורך דיזען פערגלייך ערשט צום בעוואוסטזיין. די ארעמקייט איז זעלבסטפערשטענדליך ערשט דאן אן איבעל, ווען מיר פיהלען איהר סוביעקטיוו. אוים דיזען גרונד פערגרעסערען די מיליאנערען די ליידען פון די פראלעטאריער, דורך די עפענטליכע מאניפעסטאציאן פון זייער לוקסוס. זייער לעבען איז אן עפענטליכעס שוישפיל פון גענוס און ליידיגגעהן, וועלכעס מוז לאגישער ווייזע ארויסרופען די אונצופרידענהייט און דעם האס פון די ארעמע; און דיזעס מאראלישע גיפט ווירקט שטארקער אויף זייערע געדאנקען ווי די מאטעריעלע נויט.

אבער אנדייטענדיג דיזע מאראלישע שמערצען פון דעם מאדערנעם פראלעטאריער, וויל איך געווים ניט בעהויפטען, אז זיין מאטעריעלע נויט שפילט א ווייניגער וויכטיגע ראלע. די גרויסע מאסע פון די בורזשואזיע אין אונזערע זאגענאנטע קולטור־לענדער מאכט איהר לעבען אונטער אזעלכע קלעגליכע בעדינגונגען, ווי מיר געפינען זיי ניט ביי קיין איינציגעם פרייעם טהיר אין דער ווילדערניס. די וואוינונג פון דעם פראלעטאריער אין די גרויסע שטעט איז פיל שמוציגער און אונגעזונטער, ווי די וואוינונג פון א גרויסען רויב־טהיר. ער איז פיל ווייניגער געשיצט געגען די קעלט ווי זיי, זיין נאהרונג איז גראדע גענוג, ער זאל ניט אויסגעהן פון הונגער מיט אמאל, אבוואהל אויך דער טהאטזעכליכער הונגער־טויט איז אין אונזערע גרויסע שטעט א טעגליכע פאסירונג. אום צו בערוהיגען דאס שלעכטע געוויסען פון די בורזשואזיע, האבען די נאציאנאל־עקאנאמען ערפונדען א פוסטע פראזע, וועלכע זיי רופען מיט דעם שטאלצען נאמען „דאס

אייזערנע לוין־געזעץ". לויט דיזען געזעץ קומט אויס, דאָס דער אַרבייטער־פֿערדינט איבעראַל אַזוי פֿיל, אום אויף דעם בעטרעפֿענדען פּלאַץ, וואו ער געפֿינט זיך, צו קענען מאַכען אַ לעבען. מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אַז דער אַרבייטער איז שטענדיג זיכער אַזוי פֿיל צו פֿערדינען, וויפֿיל ער געברויכט, אום צו בעפֿרידיגען זיינע נויטווענדיגסטע בעדירפֿניסע. דאָס וואָלט ווירקליך ניט שלעכט געווען, ווען עס וואָלט אמת געווען. דאַן וואָלט דער רייכער געקענט רוהיג שלאָפֿען מיט דעם זיסען געדאַנק, דאָס אַלעס איז איינגעריכטעט ווי אַם בעסטען אין דיזער בעסטער פֿון אַלע וועלטען, און דאָס קיינער האָט ניט דאָס רעכט, איהם צו שטערען אין זיין פֿערדויאונג.

דאָס גאַנצע אונגליק איז נאָר, וואָס דאָס זאָגענאַנטע „אייזערנע לוין־געזעץ" איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי אַ יעזואיטישער שפּיל מיט ווערטער. פֿאַר דיאיעניגע, וועלכע זיינען ניט אימשטאַנדע זיך אַרבייט צו פֿערשאַפֿען, קען עס אין גאַנצען ניט אָנגעווענדעט ווערען. און וועהרענד דער צייט, ווען דער פּראָלעטאַריער אַרבייטעט, קען ער זיך אין ערגעץ ניט אַזוי פֿיל אָבשפּאָרען פֿון זיין פֿערדינסט פֿאַר די שלעכטע צייטען, ווען ער געהט ארום אָהן אַרבייט. עס גיט אַלזאָ אַ געוויסע צייט אין יאָהר, ווען עס גיט נאָר פֿאַר איהם צוויי וועגען צו ערהאַלטען זיין עקזיסטענץ: אָדער ער מוז געהן בעטלען אָדער ער מוז לאַנגזאַם אָרגאַניש אָבשטאַרבען. אָבער דאָס „אייזערנע לוין־געזעץ" קען זאָגאַר ניט אָנגעווענדעט ווערען אויף דיאיעניגע, וואָס אַרבייטען שוין יאָ פֿאַר אַ געוויסען טעגליכען לוין. וואָס איז דער מינימום פֿון דעם וואָס אַ מענש געברויכט, אום צו ערהאַלטען זיין לעבען? אָהנע צווייפֿעל אַזוי פֿיל, ווי ער דאַרף צו בעפֿרידיגען די בעדירפֿניסע פֿון זיין אָרגאַניזמוס און זיך פֿאָלשטענדיג צו ענטוויקלען קערפּערליך, אום צו עררייכען די נאַטירליכע גרענעצען פֿון זיין לעבען. וויבאַלד אַ מענש שטריינגט זיך מעהר אָן, ווי זיין אָרגאַניזמוס קען פֿערטראָגען, וויבאַלד עס פֿעהלט איהם גענוגענד נאַהרונג, וואַרעמקייט און שלאָף, מוז ער צוגרונדע געהן דורך פֿיזיאָלאָגישעס עלענד. צופֿיל אַרבייט איז פֿאַר די אָרגאַנישע ענטוויקלונג פּונקט אַזוי שעדליך ווי צו ווייניג עסען און צו ווייניג עסען מיינט ניט אַנדערש ווי לאַנגזאַם שטאַרבען פֿון הונגער.

ווען דאָס „אייזערנע לוין־געזעץ" וואָלט ווירקליך געווען דאָס, וואָס עס פּרעטענדירט צו זיין, וואָלט דער אַרבייטער אימער אימשטאַנדע געווען צו ענטוויקלען און צו ערהאַלטען זיין אָרגאַניזמוס לויט זיינע נאַטירליכע בעדינגונגען. עס גיט אָבער קיין ווינקעל ניט אין גאַנץ אייראָפּאַ, וואו דער אַרבייטער איז אימשטאַנדע עס צו טהאָן. דער אָפּטימיסטישער נאַציאָנאַל־עקאָנאָם, זעהענדיג, דאָס דער אַרבייטער פֿאַלט ניט באַלד טויט פֿון הונגער אַם ענדע פֿון יעדען אַרבייטסטאָג, און וויסענדיג, דאָס פֿילע פּראָלעטאַריער ריידען זיך איין, אַז זיי זיינען זאַט, ווען זיי האָבען זיך

אָנגעפּילט דעם מאָגען מיט קאַרטאָפּעל, פּעררויכערען אַ פּיפּקע אָדער טרינקען אַ גלעזעל שנאַפּס, טריאומפּירט מיט דער ריכטיגקייט פּון זיין „אייזערנעם לוין-געזעץ". אָבער פּלוצלונג קומט די סטאַטיסטיק און צייגט אונז, אַז דער דורכשניטליכער לעבענס-אַלטער פּון אַן אַרבייטער איז מיט אַ דריטעל און מאַנכעסמאָל זאָגאַר מיט אַ העלפּט קירצער, ווי דער לעבענס-אַלטער פּון די רייכע אינדיווידוען פּון דערזעלבער נאַציאָן, וועלכע לעבען אויף דעמזעלבען באָדען און אונטער דיזעלבע קלימאַטישע בעדינגונגען. ווער רויבט אַוועק די לעבענס-יאָהרען פּון די פּראָלעטאַריער, אויף וועלכע זיי אַלם קינדער פּון אַ געוויסע ראַסע און אַלם בעוואוינער פּון אַ געוויסען לאַנד האָבען דאָסזעלבע רעכט, ווי אַלע אַנדערע? ווער אַנדערש, אויב ניט דער הונגער, דאָס עלענד, די נויט, וועלכע צושטערען לאַנגזאַם זייער געזונדהייט און שוואַכען אָפּ די לעבענסקראַפֿט פּון זייער אָרגאַניזמוס! דער טעגליכער אַרבייטס-לוין פּון דעם פּראָלעטאַריער איז נאָר גענוגענד, אום ער זאָל ניט אַוועקשטאַרבען מיט אַמאָל פּון הונגער און קעלט, ער קען איהם אָבער ניט שיצען געגען דעם לאַנגזאַמען הונגער-טויט און געגען די סיסטעמאַטישע פּערקירצונג פּון זיינע לעבענס-יאָהרען; די אַלגעמיינע סטאַטיסטיק וועגען די קראַנקהייטען און טויטעס-פּעלע אונטער דער אַרבייטער קלאַסע איז דער בעסטער בעווייז, אַז דאָס זאָגענאַנטע „אייזערנע לוין-געזעץ" איז ניט מעהר ווי אַ געמיינער און פּרעכער ליגען.

דאָס בילד פּון דער ווירטשאַפֿטליכער אָרגאַניזאַציאָן דער געזעלשאַפֿט וואָלט ניט פּאָלשטענדיג געווען, ווען איך זאָל ניט דערמאָנען נעבען דעם פּערשווענדערישען מיליאָנער און דעם צו קראַנקהייט און פּריהצייטיגען טויט פּעראורטהיילטען פּראָלעטאַריער נאָך אַן אַנדער קלאַסע פּון בעזיצלאָזע, וועלכע ווערען אינערהאַלב דער היינטיגער געזעלשאַפֿטס-אָרדנונג פּונקט אַזוי שטיפמוטערליך בעהאַנדעלט, ווי די אינדוסטרי-שקלאַפֿען פּון די גרויסע שטעט. איך רייד יעצט פּון די געבילדעטע, פּון דער אינטעליגענץ אָהנע פּערמעגען, וועלכע מוזען פּערדינען זייער לעבען דורך גייסטיגע אַרבייט. גראַדע אויף דיזען געביט איז דער אָנבאָט פּון אַרבייטס-קרעפֿטען פּיל גרעסער ווי דער פּערלאַנג. די זאָגענאַנטע ליבעראַלע קאַריערען זיינען אַזוי איבערפּילט, דאָס די יעניגע, וועלכע ווילען מאַכען זייער גליק אויף דיזען באָדען, דערשטיקען זיך געגענזייטיג און דער קאַמף אום דאַזיין צייגט זיך גראַדע היר אין זיין גרויזאַמסטער און העסליכסטער פֿאָרם. דיזע אונגליקליכע, וועלכע שטרעבען אַלע נאָך אַן עפּענטליכער אָדער פּריוואַטער אַנשטעלונג און זוכען אַן ערפֿאָלג אַלם לעהרער, קינסטלער, שריפטשטעלער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, אַרכיטעקטען א.ז.וו. פּיהלען זייער עלענד פּיל טיפער, ווי אַלע אַנדערע, צוליב זייער העכערע גייסטיגע ענטוויקלונג און זייערע אויסגעפּיינערטע עמפּפינדונגען. זייער אינטימער פּערקעהר מיט די רייכע גיט זיי מעהר געלעגענהייט פּערזענליך צו פּערגלייכען זייער אָרעמקייט מיט דעם רייכטהום און לוקסוס פּון זייערע

הערען. דורך די געזעלשאַפֿטליכע פֿאָראורטהיילע זיינען זיי געצוואונגען צו אַ בעשטימטע לעבענס־אויפֿפֿיהרונג, וועלכע איז היגיעניש ניט פֿיל בעסער ווי די פֿון דעם געוועהנליכען פּראָלעטאַריער, נאָר עס קאָסט זיי פֿיל מעהר אָפּפֿער און שוועריגקייטען, און ווען עס געלינגט ווירקליך איינעם אָדער דעם אַנדערען פֿון זיי, זיך צו ערהאַבערען בעסערע לעבענס בעדינגונגען, איז עס אויף די קאָסטען פֿון זייער כאַראַקטער און די אונטערדריקונג פֿון זייער אייגענעם איך. פֿאַר שטאַרקע נאַטורען איז דאָס פֿיל שמערצליכער ווי די מאַטעריעלע אָרעמקייט. אַזעלכע אינדיווידוען ליידען סוביעקטיוו פֿיל שטאַרקער און דערפֿאַר טראָגען זיי דעם צוואַנג פֿון אונזער עקאָנאָמישער אָרדנונג ניט אַזוי געדולדיג ווי די פּראָלעטאַריער די בעזיצענדע רופֿען די יעניגע פֿון זיי, וועלכע האָבען געקעמפּט אָהנע ערפֿאָלג, דעקלאַסירטע* און ריידען פֿון זיי מיט פֿעראַכטונג. אָבער גראַדע די דעקלאַסירטע זיינען די מוטהיגסטע פֿאָרקעמפֿער פֿון דער גרויסער אַרמעע, וועלכע בעלאַגערט די שטאָלצע פֿעסטונג פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט, און וועלכע וועט איהר פֿריהער אָדער שפּעטער צושמעטערען.

די קוועלען פֿון רייכטהום.

לאָמיר יעצט אַנאַליזירען די איינצעלנע עלעמענטען פֿון דעם בילד, וועלכען מיר האָבען פֿאָרגעשטעלט אין ערשטען קאַפּיטעל. מיר האָבען אַלזאָ דעם רייכען, וועלכער לעבט אין לוקסוס און איבערפֿלוס, אָהנע אַריינצוטהאָן אַ פֿינגער אין קאַלטע וואַסער, דעם צו אָרגאַנישער אָבשטאַרבונג פֿעראורטהיילטען פּראָלעטאַריער און דעם גייסטיגען אַרבייטער, וועלכער געהט צו גרונדע אונטער דעם דרוק פֿון אַ מערדערישער קאָנקורענץ. לאָמיר זיך צוערשט עטוואָס נעהנטער צוקוקען צו דער רייכער מינאָריטעט.

וואָס זיינען אייגענטליך די קוועלען פֿון דעם רייכטהום, וועלכען דיזע מינאָריטעט בעזיצט? אָדער זיי האָבען געקראָגען זייער פֿערמעגען בירושה און פֿערזוכען עס נאָר צו ערהאַלטען — אָדער זיי האָבען אַליין געשאַפֿען זייער רייכטהום און זוכען איהם שטענדיג צו פֿערגרעסערן. וועגען דער ירושה וועלען מיר שפּעטער נאָך ריידען. פֿאָרלויפֿיג ווילען מיר נאָר בעמערקען, אַז דער מענש איז דאָס איינציגע לעבעדיגע בעשעפֿעניש,

---

*) דעקלאַסירטע זיינען אַזעלכע מענשען, וועלכע בעלאַנגען לויט זייער געבורט און ערציהונג צו דער בעזיצענדער קלאַסע, נאָר דורך די מאַטעריעלע נויט זיינען זיי אַריינגעשליידערט געוואָרען אין דאָס פּראָלעטאַרישע לאַגער.

וועלכער איבערטרייבט די נאַטירליכע פֿע־זאָרגונג פֿון זיינע קינדער אויף אַזוי ווייט, דאָס ער שטעלט זיך נִיט צופֿרידען מיט דעם פֿערזאָרגען די נעכסטע גענעראַציאָן, ניין, ער וויל אויך אַלע פֿאָלגענדע גענעראַציאָנען געבען די געלעגענהייט צו לעבען, אָהנע זיך צו דאַרפֿען זאָרגען און קוועלען.

די גרויסע פֿערמעגענס, וואָס האָבען זיך איבערגעטראָגען בירושה, פֿערמעהרען זיך געוועהנליך, אָהנע דאָס זייערע בעזיצער זאָלען עפּעס טהאָן צו דיזען פֿערמעהרונגס פּראָצעס. די גרויסע און אַלטע פֿערמעגענס בעשטעהען צום גרעסטען טהייל פֿון גרויסע לאַנד־בעזיצונגען אָדער הייזער און שטעט. דער ווערטה פֿון דער ערד און די הייזער שטייגט איבעראַל פֿון יאָהר צו יאָהר און וואָס מעהר די מאָדערנע צוויליזאַציאָן ענטוויקעלט זיך, אַלס רייכער און גרעסער ווערען די איינקינפֿטע פֿון די בעזיצער. די פּראָדוקציאָן ווערט ביליגער מיט יעדען טאָג און דער פּרייז פֿון די לעבענסמיטלען און וואוינונגען וואַקסט העכער און העכער.

עס גיט נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען, וועלכע לייקענען אָב די פֿערטהייערונג פֿון די לעבענסמיטלען; אָבער זיי קענען זייערע אַנזיכטען נאָר פֿערטהיי־דיגען מיט סאָפֿיסטישע אַרגומענטען. עס איז וואַהר, אין די אַלטע צייטען, ווען די געגענזייטיגע פֿערבינדונגען און דער אַלגעמיינער פֿערקעהר זיינען נאָך נִיט אַזוי ענטוויקעלט געווען ווי היינט, איז אַ הונגערס־נויט געווען אַן אָפֿטערע ערשיינונג און ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ יאָהר, ווען די פֿרוכט איז שלעכט געראָטהען, איז דער פּרייז פֿאַר ווייץ און קאָרן אין איינצעלנע ערטער אַזוי טהייער געוואָרען, ווי עס וואָלט היינט קיינמאָל נִיט געקענט טרעפֿען. דיזע מאָמענטאַלע פֿערטהייערונג פֿון די לעבענס־מיטלען און די שטענדיגע אונזיכערהייט פֿון די פּרייז־בעשטימונגען, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין דער פֿערגאַנגענהייט, זיינען היינט נִיט מעהר מעגליך, אָבער דער דורכשניטס־פּרייז פֿון פֿלייש און ברויט שטייגט אימער העכער און נאָר די אונפֿאָרזיכטיגע אויסבייטונג פֿון די ווייטע געגענדען אין אַמעריקאַ און אויסטראַליען האָט דיזען פֿערטהייערונגס־פּראָצעס אָבגעשוואַכט. אָבער אין דעם טאָג, ווען דאָס מאָדערנע רויב־סיסטעם וועט האָבען אויסגעפּרעסט די פֿרוכטבאַרקייט פֿון די נייע קאָנטינענטען און ווען דער פּלוג וועט מעהר נִיט געפֿינען קיין הערענ־לאָזע לענדער צו בעאַרבייטען, אין דיזען טאָג מוז דער ווערטה פֿון די לעבענסמיטלען וואַקסען און וועהרענד דורך די שטענדיגע פֿערפֿאָלקאָמנונג פֿון די מאַשינען און גרויסאַרטיגע אויסבייטונג פֿון די נאַטורקרעפֿטע מוז דער פּרייז פֿון די אינדוסטרי פּראָדוקטען אַראָבפֿאַלען אַלס טיפֿער און טיפֿער. דורך דיזע צוויי טענדענצען אין אונזער עקאָנאָ־מישען לעבען — דער שטייגען פֿון די לעבענסמיטעל־פּרייזען און דער פֿאַלען פֿון די פּרייזען פֿאַר אינדוסטרי־פּראָדוקטען — ווערט דער פּראָלעטאַריער אַלס אָרעמער און עלענדער און דער גרונדבעזיצער אַלס רייכער און פֿעטער. דער פּראָלעטאַריער מוז שאַפֿען אַלס גרעסערע

מאַסען אינדוסטרי־פּראָדוקטען, אום צו קריגען די נויטווענדיגע נאַטור־פּראָדוקטען — דער גרונדבעזיצער קען אויסטוישען פון יאָהר צו יאָהר אַלס קלענערע מאַסען לעבענסמיטלען געגען גרעסערע מאַסען אינדוסטרי־פּראָדוקטען. דעם פּראָלעטאַריער ווערט פון טאָג צו טאָג שווערערער זיך צו זעטיגען און פאַר דעם גרונדבעזיצער ווערט אימער לייכטער צו פערשווענדען די אַרבייטס־פּראָדוקטען פון דעם פּראָלעטאַריער. עס איז אַלזאָ ניט קיין פּערזענליכער פערדינסט, וועלכער מאַכט דעם יורש פון גרויסע גרונדבעזיצונגען אָדער הייזער אימער רייכער, ניין, עס איז די פערפוילטע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן פון אונזער געזעלשאַפט, וועלכע גיט איינצעלנע מענשען די מעגליכקייט צו מאָנאָפּאָליזירען די ערד, דאָס נאַטירליכע אַרבייטס־אינסטרומענט פון דער מענשהייט, און וועלכע צווינגט דעם בערויבטען פּראָלעטאַריער צו איבערפילען די גרויסע שטעט, ווייל דאָרטען איז דער איינציגער פּלאַץ פאַר איהם צו פערדינען זיין לעבען.

נייע פערמעגענס ווערען בעשאַפען דורך האַנדעל, ספּעקולאַציאָן און גרויס־אינדוסטרי. פון אַזעלכע פעלע, וואו איינצעלנע אינדיווידוען געווינען דורך אַ צופאַל גרויסע רייכטהימער, ווי צ.ב.ש. דורך די ענטדעקונג פון גאָלד־מינען, דימאַנטען־פעלדער אָדער פּעטראָליום־קוואַלען, וועלכע זיי קענען אויסאַרבייטען פאַר זייער פּערזענליכען פאָרטהייל, דען לויט אונזערע מאָדערנע אייגענטהומס־בעגריפע איז דאָס גאַנץ גערעכט, פון אַזעלכע פעלע ווילען מיר גאָר ניט ריידען, דען זיי טרעפען זעהר זעלטען און זיינען ניט מעהר ווי אויסנאַהמען. אָבער טראָץ דעם האָבען דיזע אויסנאַהמען אַ טהעאָרעטישען ווערטה געגען אַן אַנדער זאָגענאַנטע וויסענשאַפטליכע טהעזע, פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמי, וועלכע בעהויפטעט, דאָס קאַפּיטאַל איז אין יעדען פאַל ניט אַנדערש ווי קאָנצענטרירטע אַרבייט. וואָס פאַר אַן אַרבייט רעפּרעזענטירט צ.ב.ש. אַ דימאַנט אַזוי גרויס ווי דער קאַפּ־אי־נאָאָר*), וועלכען אירגענד אַ מענש האָט געפונען אויף דעם באָדען פון זיד־אַפריקאַ און פערקויפט פאַר איינינע מיליאָן? אַ פּראָפעסאָר דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמי האָט נאַטירליך זאָפאָרט אַן ענטפער אויף דיזער פראַגע: ער וועט אונז ערקלעהרען, אַז דער עדעלשטיין איז ניט מעהר ווי דער לאָהן פאַר אַ געוויסע אַרבייט. דער געפינער פון דעם שטיין האָט זיך נעמליך געדאַרפט איינבויגען, אום איהם אויפצוהויבען, פאָלגליך האָט ער געטהאָן אַן אַרבייט. די אָפיציעלע וויסענשאַפט איז נאַטירליך זעהר צופרידען מיט אַזאַ ערקלעהרונג און פרעהט זיך, וואָס די טהעאָרי איז גערעטעט געוואָרען. דער געזונטער מענשען־פערשטאַנד אָבער שפייט אויף אַזעלכע פאַלשע וויסענשאַפטען, וועלכע זיינען ערפונדען געוואָרען פון דומקעפ און פאַר דומקעפ, און וועלכע

*) קאַפּ־אי־נאָאָר איז דער נאָמען פון דעם ווערטהפאָלסטען דימאַנט פון די ענגלישע קרוינ־יוּוועלען. דער נאָמען איז אַן אינדישער און הייסט „באַרג פון ליכט".

האָבען דעם ספּעציעלען צוועק צו ענטשולדיגען און רעכטפֿערטיגען דורך סאָפֿיסטישע ריידענסאַרטען די אונגערעכטיגקייטען פֿון אונזער עקאָנאָמישען ליגען.

האנדעל און ספּעקולאציאָן.

דער געזעצליכער האַנדעל, ד. ה. דער האַנדעל, וועלכער פֿערמיטעלט דעם פֿערקעהר צווישען דעם קאָנסומירער און פּראָדוצירער, און וועלכער לאָזט זיך בעצאָהלען פֿאַר זיין פֿערמיטלונג דורך אַ געוויסען שטייער, וועלכען ער לייגט אַרויף אויף דעם לעצטען קויפֿער דורך אַ מעהר אָדער וויניגער שטאַרקע פֿערגרעסערונג פֿון'ם פּרייז, איז אין אונזער צייט נאָר זעלטען די קוועלע פֿון גרויסע רייכטהימער. עס גיט צו פֿילע מענשען, וועלכע ווילען ניט מעהר, ווי מאַכען אַ לעבען און די קאָנקורענץ צו בעקומען דעם קויפֿער אויף זיין זייט, איז אַזוי גרויס, דאָס דער קויפֿמאַן קען ניט האָבען קיין גרויסען געווין פֿון דעם. די אַלגעמיינע טענדענץ פֿון דעם גרויסען און דעם קליינעם האַנדעל איז צו אונטערדריקען דעם איבערפֿליסיגען פֿערמיטלער און דעם פּראָדוצירער דירעקט צו פֿערבינדען מיט דעם קויפֿער און דעם פֿערקויפֿס־פּרייז פֿון דעם פֿערמיטלער אַזוי טיף אַראָבצודריקען, דאָס ער איז ניט פֿיל העכער ווי די הערשטעלונגס־קאָסטען פֿון די פּראָדוקטען. עס איז לייכט צו בעגרייפֿען, דאָס אונטער אַזעלכע בעדינגונגען קען דער פֿערמיטלער ניט מאַכען קיין גרויסע גליקען.

אָבער דער געווין פֿון דעם קויפֿמאַן קען ווערען פֿיל גרעסער, רויבעריש גרויס, ווען עס געלינגט איהם צו פֿערניכטען די פֿרייע קאָנקורענץ אָדער איהר אַם וויניגסטענס אָבצושוואַכען. ווען עס געלינגט אימיצען צו בעקומען געוויסע פּראָדוקטען אונטער שווערע אומשטענדען, צ.ב.ש. אויס די אינערע טהיילען פֿון אַפֿריקאַ אָדער פֿון די ווילדע פֿעלקער אין אַזיען, קען ער זיי פֿערקויפֿען מיט אַ גרויסען געווין, דען די צאָהל פֿון אַזעלכע מענשען, וועלכע זיינען בערייט אַוועקצוגעבען זייער לעבען און געזונדהייט פֿאַר די עראָבערונג פֿון רייכטהימער איז דאָך נאָך צו קליין און אויף אַ געוויסע צייט וועט ער האָבען די געלעגענהייט צו פֿערקויפֿען אָהנע קאָנקורענטען. אָבער אַזאַ מין אויסבייטונג אָהנע קאָנקורענץ קען זיך לאַנג ניט האַלטען, דען וואָס לייגער אַזעלכע האַנדעלס־בעציהונגען האַלטען אָן אַלס מעהר פֿערשווינדען די געפֿאַהרען און דורך דאָס געזעץ פֿון דער אַלגעמיינער קאָנקורענץ ווערען די אונבעקאַנטע לענדער אַלס

צוגענגליכער פאַר אוגז. אין צוואַנציג אָדער דרייסיג יאָהר אַרום וועט מען אויף דיזע אַרט און וויזע מעהר ניט מאַכען קיינע גרויסע רייכטהימער. עס וועט פונקט אַזוי לייכט זיין צו רייזען נאָך צענטראַל־אַפריקאַ, צענטראַל־אַזיען אָדער כינאַ, ווי אין אירגענד וועלכע שטאָט אין אייראָפּאַ אָדער אַמעריקאַ און דורך די קאָנקורענץ וועט דער איינקויפס־פּרייז פון די פּראָדוקטען ווערען אַלס גרעסער און דער פערקויפס־פּרייז אַלס קלענער און צו לעצט וועט אַ הענדלער, וועלכער האַנדעלט מיט העלפאַנט־ציינער אין אַפריקאַ אויך נאָר מאַכען אַ לעבען, פונקט ווי אַ קרעמער אין אַ קליינע שטעטעל, וואָס פערקויפט שמעק־טאַבאַק.

עס גיט נאָך אַ וועג צו מאַכען אונגעהייערע פּראָפיטען: ווען עס געלינגט איינעם אָדער מעהרערע קויפּלייטע צו מאָנאָפּאָליזירען אַ נויט־ווענדיגען אַרטיקעל, דאָס קיינער קען איהם ניט בעקומען, ווי נאָר דורך זיי און אויב ער וויל ניט בעצאָהלען דעם פּרייז, וועלכען די רויבערס פאָדערען פון איהם, קען ער איהם אין גאַנצען ניט בעקומען. נאָר אַזאַ מין געשעפט בעלאַנגט שוין ניט מעהר צו דעם געזעצליכען האַנדעל, געוויסע רעגירונגען, ווי צ.ב.ש. די פראַנצויזישע בעטראַכטעט עס פאַר אַ פערברעכען און עס בילדעט אייגענטליך די בריק צו דער צווייטער גרויסער קוועלע פון רייכטהום, צו דער ספּעקולאַציאָן.

די ספּעקולאַציאָן איז איינע פון די שרעקליכסטע קראַנקהייטען פון אונזער עקאָנאָמישען אָרגאַניזמוס. עס גיט חכמים, וועלכע געפינען שטענדיג אויס, דאָס אַלעס איז גוט און שעהן און זיי האָבען אויך געזוכט צו פערטהיידיגען די ספּעקולאַציאָן, זיי האָבען איהר בערעכטיגט, געפונען פאַר נויטווענדיג און גערעדט פון איהר מיט בעגייסטערונג. אָבער איך וועל דיזע אונפאָרזיכטיגע לויב־רעדנער באַלד בעווייזען, וואָס זיי פערטהיידיגען. דער ספּעקולאַנט שפּילט אין ווירטשאַפטליכען לעבען די ראָלע פון אַ פּאַראַזיט. ער פּראָדוצירט קיין זאַך ניט, ער טהוט נאָך צום מאָהל ניט דעם צוויי־פעלהאַפטען דינסט פון אַ פערמיטלער, ווי דער קויפמאַן, זיין גאַנצע טהעטיגקייט בעשטעהט אין דעם, אַוועקצורייבען פון די פּראָדוצירער סיי דורך שווינדעל, סיי דורך גוואַלד דעם גרעסטען טהייל פון זייער פערדינסט. דער ספּעקולאַנט איז אַ רויבער, אַ באַנדיט, וועלכער רויבט אַוועק דעם פּראָדוצירער זיינע פּראָדוקטען פאַר אַ שפּאָט־פּרייז און צווינגט דעם קאָנסומענט זיי פיל טהייערער אָבצוקויפען פון איהם. די וואָפע מיט וועלכע ער איבערפאַלט דעם פּראָדוצירער און קויפער איז אַ דאָפּעלטע און רופט זיך: „שטייגען און פאַלען". ער בענוצט זיך מיט זיין מאָרד־געוועהר אויף די פאָלגענדע אַרט און וויזע: אויב ער האָט זיך פאָרגענומען אויסצופּלינדערען די פּראָדוצירער, פערקויפט ער אין אַ שעהנעם טאָג פּראָדוקטען, וועלכע ער בעזיצט ניט, פאַר אַ בילליגערען פּרייז ווי זייער מאָמענטאַנער מאַרק־פּרייז און פערשפּרעכט דעם קויפער, אַז ער וועט זיי איהם שיקען אין 14 טעג, אַ מאָנאַט אָדער דריי מאָנאַט.

דער קויפֿער איז נאַטירליך צופֿרידען פֿון דעם געשעפֿט און קויפֿט בעסער ביי דעם ספעקולאַנט ווי ביי דעם פראָדוצירער. דער פראָדוצירער האַלט זיך יעצט מיט זיינע פראָדוקטען, דען דער קויפֿער וויל זיי ניט קויפֿען, דערפֿאַר ווייל דער ספעקולאַנט האָט זיי איהם שוין פֿערקויפֿט פֿאַר אַ ביליגערען פרייז. ווען ער איז רייך און האָט צייט צו וואַרטען, איז דער ספעקולאַנט געצוואונגען צו בעצאָהלען דעם פרייז, וועלכען ער פֿאָדערט, דען ער מוז אָבליפֿערען די פראָדוקטע אין דער בעשימטער צייט — אַזוי איז מעגליך, אַז פֿון דעם רויבער זאָל ווערען אַ בערויבטער. אָבער דאָס קומט זעלטען פֿאָר, דען געוועהנליך איז דער פראָדוצירער געצוואונגען זיינע פראָדוקטען דירעקט צו פֿערקויפֿען און דאַן מוז ער אַזוי לאַנג אַראָבלאָזען פֿון'ם פרייז, ביז ער געפֿינט ענדליך אַ קויפֿער. יעדענפֿאַלס איז ער געצוואונגען צו פֿערקויפֿען ביליגער ווי דער ספעקולאַנט, וועלכער ווערט דאַן געוועהנליך דער קויפֿער, ווייל דער אייגענטליכער קאָנסומענט האָט שוין פֿריהער געמאַכט ביי איהם זיינע בעשטעלונגען. דער פראָדוצירער געהט פֿיליכט דאַדורך צו גרונדע ביי דיזען געשעפֿט, אָבער וואָס מאַכט עס, אַזוי לאַנג ווי דער ספעקולאַנט האָט פֿון איהם אַרויסגעשניטען זיין פֿונט פֿלייש.

איז דער פלאַן פֿון דעם ספעקולאַנט געריכטעט געגען דעם קויפֿער, זאָ קויפֿט ער פֿון דעם פראָדוצירער אַלע פראָדוקטען, וועלכע ער קען נאָר בעקומען צו דעם פרייז, וועלכען מע פֿאָדערט פֿון איהם. ער קען דאָס זעהר לייכט מאַכען, דען ער דאַרף ניט אויסלייגען קיין פעני, ער גיט נאָר זיין פֿערשפּרעכען, דאָס איז אַלעס און דאָס געלד דאַרף ער ערשט בעצאָהלען אין וואָכען אָדער מאָנאַטען אַרום. אַזוי איז דער ספעקולאַנט געוואָרען דער אייגענטהימער פֿון פראָדוקטען, אָהנע צו בעצאָהלען אַ הייפעני און דער קויפֿער איז געצוואונגען צו קויפֿען די פראָדוקטען ביי'ן ספעקולאַנט און מוז בעצאָהלען דעם פרייז, וועלכען ער פֿאָדערט. דער ספעקולאַנט נעהמט מיט איין האַנד דאָס געלד פֿון דעם קויפֿער, לאָזט אַראָפּ אַ מעגליך גרויסען טהייל אין זיינע קעשענעס און דעם רעשט גיט ער מיט דער אַנדער האַנד דעם פראָדוצירער. אויף אַזאַ מין אַרט ווערט דער ספעקולאַנט רייך און מעכטיג אָהן אַרבייט און אָהנע נוצען פֿאַר דער געזעלשאַפֿט. דאָס קאַפּיטאַל גיט איהם די בעסטע געלעגענהייטען, מיט דעם וואָס ער גיט איהם אונבעגרענעצטען קרעדיט. ווען אירגענד אַן אָרעמער אַרבייטער וויל זיך מאַכען זעלבסטשטענדיג, האָט ער די גרעסטע שוויריגקייטען, יעמאַנד זאָל איהם אויסבאָרגען אַזוי פֿיל געלד, אום ער זאָל קענען קויפֿען זיינע נויטווענדיגע געצייג און קענען לעבען ביז ער האָט פֿערקויפֿט די ערשטע שטיק אַרבייט; אָבער ווען אירגענד אַ פֿרעמדער פּאַראַזיט, וועלכער האָט בעשלאָסען צו לעבען אויף די קאָסטען פֿון אַנדערע, וויל אויספֿיהרען ספעקולאַטיווע געשעפֿטען, געפֿינט ער שטענדיג פראָדוצירער און קויפֿער, וועלכע גיבען איהם מיט

פערגנינגען קרעדיט, דען יעדער איינער זאָגט זיך, אַז ער האָט ניט וואָס צו ריזיקירען, דען דער קרעדיט איז נאָר אַ טהעאָרעטישער. דער פּראָדוצירער גיט ניט אַרויס די פּראָדוקטען פון זיין האַנד, ער גיט נאָר דעם פערשפּרעכען, אַז זיי וועלען זיין פאַרטיג אין אַ בעשטימטען טאָג און פאַר אַ בשעטימטען פּרייז מיט דער בעדינגונג נאַטירליך, דאָס ער קריגט בעצאָהלט דאַפיר באַארעם געלד. דער קויפער דאַרף אויך ניט איינצאָהלען דעם קויפס־פּרייז אין פאָראויס, ער דאַרף נאָר געבען דעם פערשפּרעכען, צו בעצאָהלען אין דעם טאָג, ווען ער בעקומט די וואַרע. דיזער טהעאָרעטישער קרעדיט איז אָבער פאַלשטענדיג גענוג, אום דער ספּעקולאַנט זאָל קענען אָנזאַמלען אונעהייערע רייכטהימער פון גאָרנישט.

יעדער אַרבייטער, אָהן אַן אויסנאַהמע, איז דער שקלאַף פון דער ספּעקולאַציאָן. דער ספּעקולאַנט בערעכענט שוין אין פאָראויס אַלע אונזערע בעדירפניסע, ער קויפט אַלע געגענשטענדע, וועלכע מיר בעדאַרפען — און ער געברויכט צו דעם קיין קאַפּיטאַל, דען זיין נאָמען אַליין פערשאַפט איהם קרעדיט איבעראַל — אום זיי אונז שפּעטער ווידער צו פערקויפען פאַר אַ הויכען פּרייז און פאַר באַארעם געלד. מיר קענען ניט עסען קיין שטיקעל ברויט, מיר געפינען ניט דעם קלענסטען פּלאַץ, אום אָבצורוהען אונזערע מידע גלידער, אָהנע צו בעצאָהלען דעם געטריידע־ אָדער הייזער־ספּעקולאַנט זיינע בלוטיגע פּראָצענטען.

די שטייער, וועלכע דער שטאַט לייגט אַרויף אויף אונז איז שווער און דריקענד, אָבער נאָך פיל שווערער און דריקענדער איז די שטייער, וועלכע דער ספּעקולאַנט פאָדערט פון אונז.

מענשען האָבען געהאַט דעם מוטה צו פערטהיידיגען די בערזע אַלס אַ נויטווענדיגע און ניצליכע איינריכטונג. זיינען דען דיזע מענשען, וועלכע האָבען אויפגעשטעלט אַזאַ אונפערשעמטע בעהויפּטונג ניט דערשטיקט געוואָרען פון זייערע ווערטער? די בערזע איז נויטוועדיג און ניצליך! איהר הערט אַ געשיכטע! האָט די בערזע דען קיינמאָל ניט איבערגעטראָטען די גרענעצען פון איהר טהעאָרעטישער אויפגאַבע? איז זי דען אימער נאָר געווען אַ מאַרק, וואו עהרליכע קויפערס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען מיט עהרליכע פערקויפערס, אַ מאַרק, וואו „אָנבאָט און פערלאַנג" האָבען זיך בעגעגנזייטיג אויסגעגליכען?

איך האָב אַמאָל געזעהן אַ בילד, וואו די בערזע איז פאָרגעשטעלט געוואָרען אַלס אַ גיפט־בוים; אָבער דיזע פאָרשטעלונג איז געוועזן צו שוואַך און אונפאָלקאָמען, דען זי האָט נאָר כאַראַקטעריזירט איין זייט פון דעם בערזען־שווינדעל — זיין מאָראַלישע ווירקונג אויף די בעגריפע פון'ם פאָלק. די בערזע איז אַ מין רויבער־הייל, אין וועלכע עס וואוינען די מאָדערנע יורשים פון די רויב־ריטער אין מיטעל־אַלטער און שניידען איבער יעדען פערבייגעהער דעם גאָרגעל. פונקט ווי די רויב־ריטער בילדען אויך די

בערזען־ספּעקולאַנטען אַ מין אַריסטאָקראַטי, וועלכע לעבט אַ גוטען טאָג אויף די קאָסטען פֿון דער גרויסער מאַסע; פּונקט ווי די רויב־ריטער פֿאָדערען אויך די בערזען־רויבער זייער אַבגאַבע פֿון דעם קויפֿמאַן און אַרבייטער; אָבער זייער געשעפֿט איז לאַנג ניט אַזוי געפֿערליך, דען זיי ברויכען ניט ריזיקירען זייער לעבען, ווי די רויב־ריטער האָבען עס געטהאָן, וועלכע זיינען איינפֿאַך אויפֿגעהאַנגען געוואָרען, ווען זיי האָבען אָנגעטראָפֿען אַ שטאַרקערען פֿון זיי.

עס גיט מענשען, וועלכע וועלען ענטשולדיגען דעם רויב פֿון דער ספּעקולאַציאָן דורך די טהאַטזאַכע, דאָס דער ספּעקולאַנט קען מאַנכעס מאָל פֿערלירען אַלעס אין איין אויגענבליק, צ.ב.ש. אין דער צייט פֿון אַ קריזיס, וואָס ער האָט צוזאַמענגע'גנב'עט אין פֿילע יאָהרען. אָבער דיזע בעהויפּטונג איז ניט מעהר ווי אַ לעכערליכער וואַהנזין, מיט וועלכען מע זוכט צו בערוהיגען די פּאַפּען־מאָראַל, וועלכע בעטראַכטעט די שטראָף אַלס דעם נאַטירליכען שלוס־אַקט פֿון יעדען פֿערברעכען. ווען עס זאָל זיך זאָגאַר טרעפֿען, דאָס אַ קריזיס זאָל צווינגען דעם ספּעקולאַנט ווידער אַרויסצוגעבען זיין רויב, דאַן איז עס נאָך לאַנג קיין ענטשולדיגונג פֿאַר די פּאַראַזיטישע עקזיסטענץ, וועלכע ער האָט געפֿיהרט די לאַנגע יאָהרען, איידער דער קריזיס איז געקומען. דער ספּעקולאַנט קען פֿערלירען זיין פֿערמעגען, אָבער דעם שאַמפּאַניער, וועלכען ער האָט געטרונקען מיט זיינע פֿריינדע, די פֿיינע עסענס, וואָס ער האָט פֿערשלונגען, די גאָלד־שטיקער, וועלכע ער האָט פֿערשפּילט ביין גרינעם טיש, די זיסע שטונדען, וועלכע ער האָט פֿערבראַכט אין די אָרעמס פֿון זיינע מעטרעסען, דאָס אַלעס קען איהם קיין מאַכט אין דער וועלט מעהר ניט אַוועקנעהמען.

אָבער אין דער ווירקליכקייט קען אַ קריזיס נאָר שאַדען איינצעלנע ספּעקולאַנטען, אָבער ער קען ניט פֿערניכטען די ספּעקולאַציאָן אין אַלגעמיין. אין גענענטהייל! דער קריזיס איז אַ יום טוב פֿאַר די ספּעקולאַציאָן, דען ער גיט איהר די געלעגענהייט פֿאַר אַן אַלגעמיינע מאַסען־אויסבייטונג פֿון גאַנצע לענדער און וועלטטהיילען. אין דיזע פּעריאָדען עפֿענט דאָס גרויס־קאַפּיטאַל זיין ריזען־מויל און פֿערשלינגט ניט נאָר דעם וואָהלשטאַנד פֿון אַלגעמיינעם פּובליקום, נאָר ער פֿערכאַפּט אויך אַלע די קליינע פּיאַווקעס און בלוטזויגער, מיט וועלכע ער שפּילט אין רוהיגע צייטען ווי די קאַץ מיט דער מויז.

אַ גרויסער קריזיס ווערט געוועהנליך פֿון'ם גרויס־קאַפּיטאַל פֿעראורזאַכט און אויסגענוצט: די גרויסע קאַפּיטאַליסטען פֿערקויפֿען זייערע אַקציען און ווערטה־פּאַפּירען צו הויכע פּרייזען; פּלוצלונג דריקען זיי אַרונטער דעם ווערטה און פֿעראורזאַכען אַן אַלגעמיינעם בערזען־קריזיס. די בעזיצער פֿון די אַקציען און ווערטה־פּאַפּירען זיינען דורך דעם געצוואונגען צו פֿערקויפֿען זייערע פּאַפּירען צו די ביליגסטע פּרייזען. די גרויסע בערזען־גנבים קויפֿען דאַן צוריק זייערע פּאַפּירען צו שפּאָט־פּרייזען און שפּעטער

ווען דער קינסטליכער קריזיס איז שוין פערביי, פערקויפען זיי די אקציען מיט א געוואלדיגען פראָפיט צוריק צו זייערע פריהערדיגע בעזיצער. דיזער גרויזאמער שפיל ווידערהאלט זיך רעגעלמעסיג אלע פאר יאָהר און יעדעס מאָל, ווען די קעשענעס פון די פראָדוצירער האָבען זיך ווידער טעוואס אנגעפילט, פאנגט דער ספעקולאנט ווידער אָן זיין געוועהנליכען געשעפט. דער פינאנציעלער קריזיס איז די רעגעלמעסיגע מעכאנישע בעוועגונג, וועלכע פומפט ארויס די געלדער פון א גאנצען פאָלק אין דעם רויזיגען זאק פון דעם גרויס-קאפיטאליסט.

די פערטהיידיגער פון דער ספעקולאציאָן בעהויפטען, אז די ראָלע פון דעם ספעקולאנט אין דער עקאָנאָמישער דראמא איז א בערעכטיגטע, און דאָס זיין געווין איז ניט מעהר ווי דער לוין, פאר זיין קלוגהייט, פאר זיין שנעלע בעאורטהיילונג פון דער עקאָנאָמישער לאגע און דעם מוטה צו ספעקולירען. דיזער ארגומענט געפעלט מיר; איך בין גאנץ צופרידען מיט איהם. אלזאָ דערפאר וואָס דער ספעקולאנט האָט געהאט די נויטיגע מיטלען זיך צו בילדען, וועלכע דאָס גרויסע פובליקום בעזיצט ניט, ווייל ער האָט קיין מורא ניט פאר פערלוסטען און ווייל ער פערשטעהט בעסער צו בעאורטהיילען די אומשטענדען, דערפאר האָט ער דאָס רעכט אוועקצורייבען פון די פראָדוצירער די פרוכט פון זייער ארבייט; דערפאר האָט ער דאָס רעכט צו לעבען א גוטען טאָג, ניט ארבייטענדיג קיין שום זאך; דערפאר האָט ער דאָס רעכט צו לעבען אלס פאראזיט אין דער מענשליכער געזעלשאפט. זיין רעכט גרינדעט זיך אלזאָ אויף די טהאטזאכע, דאָס ער בעזיצט בעסערע וואפען פון די אנדערע, מעהר קראפט און ענערגיע, מעהר מוטה צו ספעקולירען מיט דעם קאפיטאל פון אנדערע.

זאָלען מיר אבער אָננעהמען פאר א וויילע, דאָס עס וועט קומען א צייט, ווען די פראָלעטאריער וועלען בעזיצען נאָך בעסערע וואפען ווי דער ספעקולאנט: ביקסען, שווערדען אָדער דינאמיט-באָמבעס, זאָלען מיר אָננעהמען אויף א ווייל, דאָס זיי וועלען בעזיצען נאָך מעהר מוטה — דעם מוטה צו ריזיקירען זייער לעבען, זאָלען מיר אָננעהמען, דאָס זייער קראפט וועט זיין נאָך מעכטיגער — די קראפט פון זייערע מוסקולען און ביינער; אין דיזען פאל מוזען די פערטהיידיגער פון דער ספעקולאציאָן אנערקענען דאָס רעכט פון די פראָלעטאריער, אוועקצונעהמען פון דעם ספעקולאנט אלע רייכטהימער, דען זייערע וואפען זיינען בעסערע; אויב זיי וועלען ניט אנערקענען דיזעס רעכט, דאן איז די גאנצע טהעאָרי פון דער בערעכטיגונג דער ספעקולאציאָן ניט מעהר ווי א געמיינער ליגען.

די גרויס־אינדוסטרי.

די דריטע קוועלע פֿון גרויסע רייכטהימער איז די גרויס־אינדוסטרי. די אַרבייטער, וועלכע זיינען געצוואונגען צו פֿערקויפֿען זייער אַרבייטס־קראַפֿט, ווערען אויסגעבייטעט דורך אַ בעזיצער פֿון קאַפּיטאַל; דער אונטערשייד צווישען דעם ווירקליכען ווערטה פֿון זייער אַרבייטס־קראַפֿט, וועלכער ווערט רעפּרעזענטירט דורך דעם פֿערקויפֿס־פּרייז פֿון זייערע פּראָדוקטען, און דעם אייגענטליכען לוין, וועלכען מע בעצאָהלט זיי פֿאַר זייער טהעטיגקייט, דיזער אונטערשייד בילדעט דעם געווין פֿון דעם גרויס־פֿאַבריקאַנט און אין די מעהרסטע פֿעלע איז דיזער געווין וואוכעריש. עס גיט מענשען, וועלכע בעהויפּטען, אַז דיזער געווין איז דער לוין פֿאַר די גייסטיגע אַרבייט פֿון דעם פֿאַבריקאַנט; אָבער די גייסטיגע אַרבייט, וועלכע עס פֿאָדערט די טעכנישע און קאָמערציעלע ליימונג פֿון אַ גרויסע פֿאַבריק, קען גאָר ניט פֿערגליכען ווערען מיט די גייסטיגע אַנשטריינגונגען, וועלכע ווערען פֿערברויכט דורך די וויסענשאַפֿטליכע פֿאָרשונג אָדער די ליטעראַרישע פּראָדוקציאָן, מע קען איהר הערכסטענס צוגלייכען צו דער אַרבייט פֿון אַ העכערען שטאַטס־בעאַמטען אָדער אַ גוטס־פֿערוואַלטער און דאָך זעהען מיר, דאָס אין דער היינטיגער ווירטשאַפֿטליכער אָרגאַניזאַציאָן קומט דער פֿערדינסט פֿון אַ בעאַמטען, אַ וויסענשאַפֿטס־מאַן אָדער אַ פֿערוואַלטער לאַנג ניט צו דעם יעהרליכען איינקונפֿט פֿון אַ פֿאַבריקאַנט. די זאָגענאַנטע גייסטיגע אַרבייט פֿון אַ פֿאַבריקאַנט צאָהלט זיך אַלזאָ פֿיל בעסער, ווי יעדע אַנדערע גייסטיגע אַרבייט.

אָבער דער געווין פֿון דעם פֿאַבריקאַנט קען אויך ניט בעטראַכט ווערען אַלס ריינע קאַפּיטאַל־רענט, ד.ה. זיין געווין ווערט ניט בעשאַפֿען דורך די יעהרליכע פּראָצענטען, וועלכע זיין קאַפּיטאַל בריינגט איהם אַריין; דען דער פֿאַבריקאַנט שטעלט ניט דעם פּרייז פֿון זיינע פּראָדוקטען גראַדע אַזוי הויך, דאָס נאָך דעם אַראָפּנעהמען די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען, צו וועלכע איך וויל אויך אַריינרעכענען זיין אייגענע גייסטיגע אַרבייט, זאָל איהם ניט מעהר איבריג בלייבען ווי פֿינף אָדער זעקס פּראָצענט פּראָפֿיט פֿון זיין קאַפּיטאַל. ניין, דער פּרייז פֿון די פּראָדוקטען ווערט בעשטימט לויט דער קאָנקורענץ פֿון די איבריגע פֿאַבריקאַנטען און לויט דעם גרעסערען אָדער קלענערען אָנבאָט פֿון אַרבייטס־קרעפֿטע; מיט איין וואָרט, דער פֿאַבריקאַנט וועט שטענדיג פֿערזוכען צו בעצאָהלען דעם אַרבייטער אַזוי ווייניג ווי נאָר מעגליך פֿאַר זיין אַרבייט און צו פֿערקויפֿען

זיינע פּראָדוקטען צו דעם קויפער אַזוי טהייער ווי ער קען נאָר. ווען דער אָנבאָט פון אַרבייטס-קרעפטע איז זעהר שטאַרק און עס געלינגט דעם פאַבריקאַנט צו בעקומען אַרביטער פאַר אַ הונגער-לוין און ווען ער האָט ניט צו פירכטען קיין קאָנקורענץ אָדער ווען אַנדערע אומשטענדען גיבען איהם די מעגליכקייט טהייער צו פערקויפען זיינע פּראָדוקטען, קלעהרט ער קיין מאָמענט ניט און נעהמט אַ פּראָפיט, וועלכער איז ניט נאָר פינף אָדער זעקס פּראָצענט, זאָנדערען הונדערט פּראָצענט און נאָך מעהר פון דעם קאַפּיטאַל, וועלכען ער האָט אַריינגעלייגט.

די פערטהיידיגער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אויסבייטונג זאָגען, דאָס ווען דער פאַבריקאַנט וואָלט פערטהיילט זיין פערדינסט אונטער זיינע אַרבייטער, וואָלט ער אַליין אָרעם געוואָרען, אָבער די אַרבייטער וואָלטען ניט רייכער ווערען דורך דעם, אַלעס וואָס זיי וואָלטען פּראָפיטירט איז אַ פּאָר גראָשען מעהר אַ טאָג. דיזער אַרגומענט איז ווירקליך אַ נאָבעלער, אַ מאָראַלישער אַרגומענט! די פראַגע איז ניט, אויב דער אַרבייטער וואָלט פיל אָדער ווייניג געוואונען דורך דעם, ניין, די פראַגע איז: מיט וואָס פאַר אַ רעכט רויבט מען אַוועק פון דעם אַרבייטער אַ טהייל פון זיין פערדינסט צוגונסטען פון אַ קאַפּיטאַליסט? עס איז מעגליך, אַז דער אַרבייטער וואָלט נאָר עטליכע גראָשען מעהר פערדינט אַ טאָג, ווען מע וואָלט איהם געגעבען דעם פולען ווערטה פון זיין אַרבייט, אָבער מיט וואָס פאַר אַ רעכט צווינגט מען איהם אַוועקצוגעבען זאָגאַר דעם קלענסטען טהייל פון זיין אַרבייטס-ווערטה צו אַ פאַבריקאַנט, וועלכער האָט שוין אַרויסגענומען זיינע פּראָצענטען און אַ פיל צו רייכען לוין פאַר זיין פּראָבלעמאַטישע אַרבייט?

לאָמיר אָננעהמען פאַר אַ מאָמענט, דאָס אַ געזעץ זאָל צווינגען יעדען איינוואוינער פון דייטשלאַנד, צו צאָהלען יעהרליך אַ פעניג צו אירגענד אַ שמיט אָדער מייער, ניט דערפאַר ווייל דער בעטרעפענדער האָט נעטהאָן עטוואָס גוטעס פאַר דער אַלגעמיינהייט, נאָר איינפאַך אַלס מתנה פאַר גאָרנישט. אַזאַ מאַן וואָלט אַלזאָ אַריינגעקראָגען יעהרליך כמעט אַ האַלבען מיליאָן מאַרק און קיינער וואָלט ניט געפיהלט דעם פערזענליכען פערלוסט, דען וואָס איז קלענער פון אַ פעניג?

און דאָך וואָלט אַזאַ געזעץ אַרויסגערופען די אויפרעגונג פון דער גאַנצער נאַציאָן און יעדער בירגער וואָלט פּראָטעסטירט מיט אַלע קרעפטען געגען דעם. אָבער דאָס עקאָנאָמישע געזעץ, וועלכעס לייגט אַרויף אויף דעם אָרעמסטען טהייל פון דער בעפעלקערונג, די פּראָלעטאַריער אַ שטייער ניט נאָר פון אַ פעניג, זאָנדערען אין בעסטען פאַל פון 30 ביז 40 און פילע מאָל פון 200 ביז 300 מאַרק אַ יאָהר צוגונסטען דעמזעלבען שמיט אָדער מייער, דיזעס געזעץ געפינען אַלע פאַר גאַנץ נאַטירליך און זעלבסט פערשטענדליך. די אונגערעכטיגקייט איז איןביידע פעלע דיזעלבע, אָבער מיר פיהלען גאָר ניט מעהר דאָס גרויסע אונרעכט, וועלכעס עס ווערט

בענאַנגען געגען דאָס פּראָלעטאַריאַט, דערפאַר ווייל עס עקזיסטירט שוין פון יאָהרהונדערטע, מיר האָבען זיך שוין צוגעוואוינט צו דעם און געוועהנליך מוז די וואַהרהייט אָננעהמען אַן אויסערגעוועהנליכע פאָרם, אום אַריינצודרינגען אין די פערשלאָפענע גייסטער און הערצער.

מיר האָבען אַלזאָ געזעהן, דאָס דורך אייגענע אַרבייט קען מען ניט אָנזאַמלען קיין גרויסע רייכטהימער, זאָנדערען נאָר דורך די אויסבייטונג פון פרעמדע אַרבייט. די אייגענע אַרבייט קען אונז געבען די מעגליכקייט צו מאַכען אַ לעבען, פיליכט קענען מיר אויך אַ פּאָר גראָשען אָפּקלייגען אָן אַ זייט, אום אונז צו פערזיכערען פאַר די עלטערע יאָהרען אָדער פאַר די צייט פון אַ קראַנקהייט, אָבער זעהר זעלטען איז די פערזענליכע אַרבייט אימשטאַנדע צו שאַפען אַ קליינעם וואָהלשטאַנד.

עס גיט איינצעלנע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, שריפטשטעלער, מאַהלער און שוישפּילער, וועלכע פערדינען דורך זייער פערזענליכע אַרבייט אַ מיליאָן מאַרק אַ יאָהר, און ווען אַזעלכע מענשען שטאַרבען קענען זיי איבערלאָזען אַ פערמעגען פון 20 מיליאָן מאַרק, וועלכער איז ניט ענטשטאַנען דורך די ספּעקולאַציאָן און ניט דורך די אויסבייטונג פון דער גרויס-אינדוסטרי. אָבער אַזעלכע פערזאָנען זיינען ניט צאָהלרייך. אפשר גיט עס אַ 200 פון זיי, אפשר נאָך קיין 100 ניט. אויך זייער רייכטהום האָט שוין אַ פּאַראַזיטישען כאַראַקטער און דער איינציגער, וועלכער מאַכט פיליכט אַן אויסנאַהמע, איז דער שריפטשטעלער. ווען אַ שרייבער פערדינט אַ מיליאָן מאַרק, ווייל ער איז געוועזן אימשטאַנדע צו שרייבען אַ בוך, וואָס האָט זיך פערקויפט אין איין אָדער צוויי מיליאָן עקזעמפּלאַרען, דאַן איז דיזע מיליאָן מאַרק ניט מעהר ווי דער לאָהן פאַר אַ גייסטיגע אַרבייט, וועלכע די גאַנצע מענשהייט האָט פרייוויליג און מיט פערגניגען בעצאָהלט. ווען אָבער אַ מאַהלער פערקויפט אַ בילד פאַר אַ האַלב מיליאָן מאַרק, ווען אַן אַרצט נעהמט 50,000 מאַרק פאַר אַן אָפּעראַציאָן אָדער אַן אַדוואָקאַט נעהמט דיזעלבע סומע פאַר אַ פּראָצעס, ווען אַ בעריהמטע זינגערין בעקומט 20,000 מאַרק פאַר איין פאָרשטעלונג, דאַן שטעלען דיזע סומען ניט פאַר דעם פרייוויליגען לוין פאַר אינדיווידועלע ליסטונגען, וועלכער איז פון דער מאַסע אַליין פעסטגעשטעלט געוואָרען, ניין, דיזע סומען זיינען דער אַריטהמעטישער בעוויז, דאָס עס גיט אין אונזער קולטור-וועלט אַ קליינע מינאָריטעט פון מיליאָנערען, וועלכע האָבען ניט דעם קלענסטען מאַסשטאַב פאַר דעם ווערטה פון געוויסע לייסטונגען, דערפאַר ווייל זיי האָבען ניט ערהאַלטען זייערע רייכטהימער דורך אייגענע אַרבייט — און אום צו בעפרידיגען זייערע פערזענליכע קאַפּריזען, וואַרפען זיי אַרויס אונגעהייערע סומען פאַר דעם גענאַנג פון אַ בעשטימטער קינסטלערין אָדער פאַר די טהעטיגקייט פון אַ בעשטימטען אַרצט אָדער אַדוואָקאַט.

אָבער אויסער דיזע ווייניגע אויסנאַהמען, צייגט אונז די אַלגעמיינע

רעגעל, דאָס גרויסע רייכטהימער ענטשטעהען אימער דורך די אויסבייטונג פֿון פֿרעמדע אַרבייטס־קראַפֿט, זייער איינציגער אורשפּרונג איז די אויס־בייטונג פֿון איין מענשען דורך דעם צווייטען. ווען דאָס שטיק לאַנד, וועלכעס דער גרונד־בעזיצער האָט בעקומען בירושה, האָט געקראָגען אַ גרעסערען ווערטה, איז עס דערפֿאַר, ווייל די צאָהל פֿון די אַרבייטער, וואָס זיינען אַוועקגעריסען געוואָרען פֿון דעם אַקער, וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג, די אינדוסטרי ענטוויקעלט זיך אַלס מעהר, די גרויסע שטעט ווערען אימער צאַהלרייכער, דער פּרייז פֿון די לעבענסמיטלען ווערט העכע־אין דעמזעלבען גראַד, ווי דער פּרייז פֿון די אינדוסטרי־פּראָדוקטען פֿאַלט, מיט איין וואָרט, דער ווערטה פֿון אַ שטיק לאַנד ווערט גרעסער, ניט דערפֿאַר, ווייל דער גרונדבעזיצער האָט זעלבסט געאַרבייט פֿאַר דעם, נאָר דערפֿאַר, וואָס אַנדערע אינדיווידוען האָבען געאַרבייט.

ווען דער ספּעקולאַנט קלייבט צוזאַמען מיליאָנען, קען ער עס נאָר טהאָן דורך דירעקטע שווינדלערייען, און די מיטלען, מיט וועלכע ער גנב'עט אַוועק די אָבגעשפּאָרטע גראָשען פֿון זיינע מיטמענשען, זיינען פּונקט דיזעלבע, ווי די מיטלען פֿון אַ געוועהנליכען באַנדיט. ווען דער פֿאַבריק־בעזיצער ווערט מיט דער צייט אַ מיליאָנער, איז עס נאָר מעגליך דורך די סיסטעמאַטישע אויסבייטונג פֿון די אַרבייטער, וועלכע ערהאַלטען פֿאַר זייער טהעטיגקייט עטוואָס פֿוטער און אַ שטאַל, פּונקט ווי אַנדערע בהמות, נאָר ניט אַזוי רייכליך, וועהרענד דער גאַנצער ווערטה פֿון זייער פּראָדוקציאָן געהט אַריין אין די קעשענעס פֿון זייערע אויסבייטער.

נאָר אין דיזען זין איז צו פֿערשטעהן דער איבערטריבענער זאַץ פֿון פּרודהאָן: „אייגענטהום איז גניבה". דאָס אייגענטהום, וועלכעס ענט־שטעהט דורך פּערזענליכע אַרבייט, אייגענטהום, וועלכעס ענטשטעהט דורך דעם אויסטויש פֿון אַ געוויסער קוואָנטיטעט אַרבייט פֿאַר אַ געוויסער קוואָנטיטעט אַנדערע פּראָדוקטען, אַזאַ אייגענטהום איז קיין גניבה ניט; אָבער דאָס גרויס־קאַפּיטאַל, די צוזאַמענקלייבונג פֿון גיטער אין די הענד פֿון אַ בעשטימטען אינדיווידואום, וועלכע איז ענטשטאַנען דורך די אויסבייטונג פֿון פֿרעמדע אַרבייטס־קראַפֿט, דיזעס אייגענטהום איז ניט מעהר ווי אַ רויבעריי.

די היינטיגע ארבייט איז א שאנדע.

—)::(—

די מינאָריטעט פֿון די רויבערס, פֿאַר וועלכע די גאַנצע געזעלשאַפֿט איז געצוואונגען צו אַרבייטען, האָבען זיך שטאַרק און מעכטיג אָרגאַניזירט. זיי האָבען די גאַנצע פּאָליטישע געזעצגעבונג, וועלכע געפֿינט זיך שוין זייט יאָהרהונדערטע אין זייערע הענד, שטענדיג בענוצט פֿאַר זייערע

פערזענליכע אינטערעסען. ביי יעדען געזעץ פון אונזערע צוויליזירטע שטאטען קען מען אויסרופען מיט מאליער: „איהר זייט א רייכער מאן, הער געזעץ־געבער אדער איהר רעכענט צו ווערען רייך; דערפאר ערקלעהרט איהר יעדע זאך פאר א פערברעכען, וועלכע קען אייך פערהינדערען צו געניסען און צו מיסברויכען אייער רייכטהום.”

אלעס וואס א מענש קען צונעהמען, אהנע זיך דירעקט צו בענוצען מיט דעם קולאק, איז און בלייבט זיין אייגענטהום. און זאגאר דאן, ווען די גענעאלאגי* פון א פערמעגען איז א שטענדיגע אורזאכע פון רויב און מארד (ווי צ.ב.ש. עראבערונגען, קאנפיסצירונג פון דעם אייגענטהום דער קירכע א.ז.וו.) ווערט דאס פערברעכען א הייליגע אייגענטהומס־בערעכטיגונג, ווען דער פערברעכער האט געהאט די מעגליכקייט צו ערהאלטען זיין פערמעגען פאר א געוויסע צייט.

אבער דאס געוועהנליכע געזעץ, וועלכעס שטיצט זיך אויף די פאליציי און זשאנדארמען, איז נאך ניט גענוג פאר דעם מיליאנער. ער בענוצט זיך אויך מיט דעם אבערגלויבען פון דער מאסע און פאדערט פון דער רעליגיאן, א שלאס פאר זיין געלד־שראנק. דערפאר האט ער אריינגע־גנב'עט אין די לעהרען פון דעם קאטעכיזמוס דעם זאץ, אז דאס אייגענטהום איז א הייליגע זאך, און דאס יעדער איינער, וועלכער האט אפילו נאר אן אינערליכען פערלאנג נאך דעם פערמעגען פון זיין נאכבאר, וועט בעשטראפט ווערען מיט גיהנום פאר זיינע פערברעכערישע געדאנקען. ער פראסטיטואירט זאגאר די מאראל, מיט דעם וואס ער פרעדיגט צו די מענשען, וועלכע לאזען זיך אויסבייטען פון איהם, אז די ארבייט איז די גרעסטע טוגענד און דאס א מענש ווערט ספעציעל געבארען, אום צו ארבייטען אזוי פיל ווי נאר מעגליך.

ווי אזוי קומט עס, אז די בעסטע און עהרליכסטע גייסטער האבען געגלויבט דיזען לעכערליכען אונזין זייט יאהרטויזענדע? אויף וואס פאר א געזעץ האבען זיי געגרינדעט זייער גלויבען? עס גיט ניט אין דער גאנצער וועלט קיין ארגאניזמוס, וועלכער זאל בעטראכטען די ארבייט אלס א זעלבסט־צוועק, ד.ה. וועלכער זאל ארבייטען, אום צו ארבייטען. ביי אלע לעבעדיגע וועזען איז די ארבייט נאר א מיטעל צו ערהאלטען זייער פערזענליכע עקזיסטענץ און די עקזיסטענץ פון זייער ראסע און קיינער וועט ניט מעהר ארבייטען, ווי דיזער דאפעלטער צוועק פאדערט פון איהם.

מען האט ערקלעהרט, אז דורך די ארבייט ענטוויקלען און ערהאלטען זיך די ארגאנען פריש און געזונד און דורך ליידיגגעהן שטארבען זיי לאנגזאם אב. די פערטהיידיגער פון דער גרויסקאפיטאליסטישער מאראל בענוצען זיך מיט דיזען ארגומענט אויס דער פיזיאלאגי, ווי פערגעסען

*) גענעאלאגי הייסט אבשטאמונג.

אָבער צו בעמערקען, דאָס דורך צופֿיל אַרבייט ווערען די אָרגאַנען שנעלער צושטערט, ווי דורך גאָר קיין אַרבייט. רוהע און ליידיגגעהן איז פֿאַר דעם מענשען, פונקט ווי פֿאַר אַלע אַנדערע טהירע פֿיל אַנגענעהמער, ווינשענסווערטהער און נאַטירליכער, ווי אַרבייט און אַנשטריינגונג. די אַרבייט איז ניט מעהר ווי אַ פיינליכע נויטווענדיגקייט, וועלכע איז נויטיג פֿאַר די ערהאַלטונג פֿון לעבען. דער ערפֿינדער פֿון דעם ביבלישען גן עדן, אַזוי נאַאיוו ווי ער איז געווען, האָט ער דאָך קלאָהר און דייטליך געפֿיהלט דיזע וואַרהייט. דערפֿאַר האָט ער אונז דערצעהלט, אַז די ערשטע מענשען האָבען אין אָנפֿאַנג געלעבט, אָהנע אירגענד וועלכע פראָדוקטיווע טהעטיגקייט, און די שווערע אַרבייט, וועלכע מאַכט אַראָבגיסען דעם שוויים פֿון פנים ווערט אונז פֿאָרגעשטעלט אַלס די ערגסטע שטראַפֿע פֿאַר די בעגאַנגענע פֿערברעכען געגען דעם געטליכען ווילען.

די נאַטירליכע און זאָאָלאָגישע מאָראַל וואָלט די רוהע ערקלעהרט אַלס די בעסטע זאַך, זי וואָלט ערקלעהרט, דאָס פֿאַר דעם מענשען איז נאָר אַזויפֿיל אַרבייט ניצליך און ווינשענסווערטה, וויפֿיל די ערהאַלטונג פֿון זיין עקזיסטענץ פֿאָדערט אונבעדינגט פֿון איהם. אַזאַ מאָראַל וואָלט אָבער ניט געווען נאָך דעם געשמאַק פֿון די קאַפּיטאַליסטישע אויסבייטער, דען זייער אינטערעסע פֿאָדערט, אַז די מאַסע זאָל מעהר אַרבייטען, ווי עס איז נויטיג פֿאַר די ערהאַלטונג פֿון איהר עקזיסטענץ, אום זיי זאָלען קענען אַוועקרויבען פֿון איהר דעם איבערשוס פֿון דער פראָדוקציאָן. דערפֿאַר האָבען זיי אונטערדריקט די נאַטירליכע מאָראַל און ערפֿונדען אַ נייע. זייערע פֿילאָזאָפֿען האָבען פֿערזוכט איהר צו בעגרינדען, איהרע פריידיגער האָבען איהר פֿערהערליכט, איהרע דיכטער האָבען איהר בעזונגען, אַלע ערקלעהרען איינשטימיג, אַז פֿוילקייט איז די אורזאַכע פֿון אַלע איבלען און אַרבייט איז די העכסטע טוגענד, וועלכע אַ מענש קען בעזיצען.

נאַטירליך, די אויסבייטער זיינען זעהר פֿאָרזיכטיג מיט דער פראַקטישער אַנווענדונג פֿון זייער מאָראַל; זיי אַליין ווען זיך קיין מאָל ניט אונטערוואַרפֿען זייערע מאָראַל-געזעצע, און דורכדעם בעווייזען זיי קלאָהר און דייטליך, דאָס זיי אַליין גלויבען ניט אין די וואַהרהייט פֿון זייערע לעהרען. ליידיגגעהן איז נאָר אַ פֿערברעכען ביי די אָרעמע, פֿאַר די רייכע איז עס אַ צייכען פֿון אַ פֿאָרנעהמער און פריווילעגירטער שטעלונג אין דער געזעלשאַפֿט. אויף דער איינער זייט ערקלעהרען זיי די אַרבייט אַלס די העכסטע טוגענד און אויף דער אַנדערער זייט איז דיזעלבע אַרבייט אַ שאַנדע פֿאַר אַ רייכען מאַן און אַ צייכען פֿון אַ נידריגער שטעלונג אין דער געזעלשאַפֿט. דער מיליאָנער וועט דעם אַרבייטער שטענדיג ערקלעהרען די ערהאַבענע ראָלע פֿון דער אַרב״ט, אָבער ער וועט איהם קיינמאָל ניט דולדען אין זיין געזעלשאַפֿט, דען אַלס אַן אַרבייטער שטעהט ער נידריגער פֿון איהם אין דער געזעלשאַפֿטליכער אָרדנונג, וועלכע

אַנערקענט די קאַפּיטאַליסטישע מאָראַל אַלס דאָס העכסטע געזעץ. די געזעלשאַפֿט האַלט אין איין לויבען די פֿלייסיגע, אָבער אין דערזעלבער צייט גיט זי די פֿלייסיגע די שלעכטעסטע פּלעצער; זי קושט די ווייסע און צאַרטע האַנד פֿון דעם בורזשואַ און שפּייט אויף די האַרטע און אויסגעהאָרעוועטע האַנד פֿון דעם אַרבייטער. דעם מיליאָנער בעטראַכט זי אַלס אַ האַלבען גאָט און דעם אַרבייטער ווי אַ וואַגאַבונד. וואַרום? ערשטענס צוליב די איבערגעבליבענע וואָרצלען פֿון די מיטעלאַלטער־ליכע פֿאָרשטעלונגען און צווייטענס, ווייל האַנד־אַרבייט איז אין אונזער געזעלשאַפֿט נאָר אַ בעשעפֿטיגונג פֿאַר אונגעבילדעטע מענשען.

אים מיטעל־אַלטער איז די פֿוילקייט געווען אַ פּריווילעגיום פֿון דער אַריסטאָקראַטיע ד. ה. אַ פּריווילעגיום פֿון אַ העכערע ראַסע ערהאָבערער; די אַרבייט איז דאַן געווען אַ געצוואונגענע בעשעפֿטיגונג פֿון'ם פֿאָלק, פֿון דער נידריגער ראַסע, פֿון די בעזיגטע און אונטערדריקטע. מיט דעם וואָס אַ מענש האָט געאַרבייט, האָט ער בעוויזען, דאָס ער איז אַ זוהן פֿון אַזעלכע מענשען, וועלכע זיינען אויף דעם שלאַכט־פֿעלד ניט געווען אַזוי מוטהיג און שטאַרק, ווי דער פֿרייער הערר, וועלכער האָט געהאַט דאָס רעכט, צו מאַכען אַ לעבען פֿון זיינע גיטער אָדער פֿון זיין שווערד. דער אַריסטאָקראַט האָט דאַן געקוקט אויף אַלע די יעניגע, וועלכע האָבען זיך בעשעפֿטיגט מיט פּראָדוקטיווער אַרבייט, מיט אַן אינערליכען זעלבסט־געפֿיהל, פּונקט ווי מיר קוקען היינט אויף אַ פּאַפּואַ אָדער בושנע־גער,* דערפֿאַר ווייל מיר שטעהען אַנטראָפּאָלאָגיש** העכער פֿון זיי. היינט זיינען אַרבייט און לוידיגגעהען ניט מעהר די צייכענס פֿון אַ געוויסער ראַסע; די מיליאָנערען זיינען ניט די קינדער פֿון די אַלטע ערהאָבערער און די מאָדערנע פּראָלעטאַריער זיינען ניט מעהר די קינדער פֿון די אונטערזאָכטע אים מיטעלאַלטער. אָבער דאָס אַלטע פֿאָראורטהייל וועלכעס ערקלערט די אַרבייט פֿאַר אַ שאַנדע, האָט זיך ערהאַלטען ביז אויף'ן היינטיגען טאָג. פּונקט ווי דער אַלטער באַראָן האָט געלאָזט אַר־בייטען זיין בויער פֿאַר זיך, אַזוי לאָזט דער קאַפּיטאַליסט היינט אַרבייטען די פּראָלעטאַריער פֿאַר זיינע אינטערעסען און קוקט אויף זיי, ווי אויף אַ מין זאָרט בהמות, אָבער ניט ווי אויף מענשען, וועלכע שטעהען גלייך צו איהם.

האַנדאַרבייט האָט אין דער היינטיגער קולטור דיזעלבע בעדייטונג ווי אונוויסענהייט. און ווירקליך, די גאַנצע אָרגאַניזאַציאָן פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט פֿערשליסט די בעזיצלאָזע די טהירען פֿון די שולען און אוניווערזיטעטען. דער זוהן פֿון'ם אָרעמאַן איז קוים אימשטאַנדע צו בע־זוכען אַ פֿאָלקס־שולע, פֿון אַ גימנאַזיע אָדער אַ בעסערע שולע איז

*) די פּאַפּואַס און בושנעגער זיינען זעהר נידריגע און גייסטיג צוריקגעבליבענע מענ־שען־ראַסען.

**) אַנטראָפּאָלאָגיע: וויסענשאַפֿט, וועלכע בעשעפֿטיגט זיך מיט דער פֿיזישער און גייסטיגער נאַטור פֿון'ם מענשען.

איבערהויפּט ניט קיין רעדע, דען די נויט צווינגט איהם, צו פערקויפען זיין אַרבייטס-קראַפט אַזוי באַלד ווי מעגליך. דאָס איז אַ גוטער ביישפּיל פאַר די צוועקמעסיגקייט פון אונזערע געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען. די טהייערסטע ערציהונגס-אַנשטאַלטען און בילדונגס-אינסטיטוטען ווערען ערהאַלטען דורך'ן שטאַאַט, ד. ה. דורך די שטייערען און אָבגאַבען פון פון דער אַלגעמיינער מאַסע. אַרבייטער און מיליאָנערען מוזען בייטראָגען צו דיזען צוועק, אָבער נאָר די יעניגע קענען האָבען נוצען פון דיזע אינסטיטוציאָנען, וועלכע זיינען אימשטאַנדע צו פערברייננגען די ערשטע 18 אָדער 23 יאָהר פון זייער לעבען אָהן פראָדוקטיווע טהעטיגקייט. דער פראָלעטאַריער, וועלכער קען זיינע אייגענע קינדער ניט געבען קיין העכערע בילדונג, וויל ער איז צו אָרעם צו דעם, מוז טראָץ דעם בעצאָהלען פאַר דאָס סטודיאום פון די רייכע קינדער, דען פון די שטייערען, וועלכע ער בעצאָהלט דעם שטאַאַט, ווערען ערהאַלטען די העכערע שולען.

די ענגלענדער און אַמעריקאַנער זיינען ביז צו אַ געוויסען גראַד לאָגישער אין דיזער בעציהונג. ביי זיי זיינען די העכערע בילדונגס אינסטיטוציאָנען, וועלכע קענען ניט בענוצט ווערען פון דער אַלגעמיינהייט, פּריוואַט-אונטערנעהמונגען אָדער זיי ווערען ערהאַלטען דורך פּרייוויליגע בייטרעגע. אין אַלע אנדערע שטאַאַטען ווערען די שולען ערהאַלטען דורך די שטייערען פון אַלעמען, צום נוצען פון אייניגע, וועלכע בילדען נאָך ניט איין פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג. און ווער זיינען די אויסערוועהלטע, פאַר וועלכע דער שטאַאַט ערהאַלט מיט דעם געלד פון די שטייער-צאָהלער גימנאַזיאומס, רעאַל-שולען, אוניווערזיטעטען א.ז.וו.? זיינען עס די פעהיגסטע פון אַ גענעראַציאָן? לאָזט דער שטאַאַט נאָר צו אין זיינע העכערע שולען אַזעלכע מענשען, ביי וועלכע דער אונטעריכט פון די גוטבעצאָהלטע פראָפעסאָרען קען ברייננגען די געווינשטע פרוכטען? גיט ער אונז אַ גאַראַנטי, אַז ניט דומקעפּ זאָנדערען ווירקליך אינטעליגענטע יונגע לייט זאָלען בעזוכען די בילדונגס-אינסטיטוטען? ניין, דער שטאַאַט, וועלכער האָט איינגעריכטעט העכערע שולען ניט פאַר אַלע, זאָנדערען נאָר פאַר אייניגע, פרעגט ניט, אויב אַ יונגער מאַן האָט די נויטיגע גייסטיגע פעהיגקייטען צו סטודירען, נאָר אויב ער האָט די נויטיגע פינאַנציעלע מיטלען פאַר דיזען צוועק. אַ צוויי-פיסיגער פערד, אָהן פעהיגקייט און טאַלענט בעזוכט די גימנאַזיע און געניסט די גייסטיגע נאַהרונג אָהן אַ נוצען פאַר דער געזעלשאַפט, ווען ער איז נאָר גענוג רייך, צו בעצאָהלען די קאָסטען פון זיין סטודיום, און דער אינטעליגענטעסטער יונגער מאַן איז אויסגעשלאָסען פון די העכערע שולען, דערפאַר וויל ער איז אָרעם און האָט ניט קיין געלד און די געזעלשאַפט פערלירט פיללייכט דורך דעם אַ געטהע אָדער אַ קאַנט.

אַזוי זיינען אַלע געזעלשאַפטליכע און עקאָנאָמישע איבלען פערבונדען ווי אַן אייזערנער רינג, פון וועלכען עס גיט ניט קיין אויסוועג: דער

אַרבייטער איז פֿעראַכטעט, ווייל ער איז אונגעבילדעט און ער קען זיך ניט בילדען, ווייל בילדונג קאָסטעט געלד, אַ זאַך, וועלכע ער האָט ניט. די רייכע האָבען ניט נאָר מאָנאָפּאָליזירט אַלע מאַטעריעלע געניסע, זיי האָבען אויך אויסגעשלאָסען די אָרעמע פֿון אַלע גייסטיגע לעבענס־קוועלען. די ערהאַבענסטע גיטער פֿון דער ציוויליזאַציאָן, גייסטיגע קולטור, פּאָעזי, קונסט, עקזיסטירען טהאַטזעכליך נאָר פֿאַר זיי און בילדונג איז איינע פֿון זייערע וויכטיגסטע און דריקענדסטע פּריווילעגיומס. און ווען עס האָט ווירקליך אַמאָל געלונגען, דאָס אַ מענש פֿון די אונטערשטע קלאַסען זאָל בעקומען דורך ענטבעהרונג און ערנידריגונג, דורך בעטלעריי אָדער איבערמענשליכע אַנשטריינגונגען אַ העכערע בילדונג און ערהאַלטען אַן אוניווערזיטעטס־דיפּלאָם, וועט ער זיך נאָכדעם ניט צוריקנעהמען צו דער אַרבייט פֿון זיינע עלטערען, אום מיטצוהעלפֿען צו צושטערען אַ געזעלשאַפֿטליכעם פֿאָראורטהייל, מיט דעם וואָס ער ציינט, דאָס אַ האַנדאַרבייטער קען שטעהען אויף דערזעלבער שטופֿע פֿון גייסטיגער קולטור, ווי אַ בעאַמטער אָדער אַן איינגעטריקענטער פּראָפֿעסאָר, ניין ער וועט דאָס פֿאָראורטהייל נאָך מאַכען שטאַרקער און אויך אָנפֿאַנגען צו פֿעראַכטען די האַנדאַרבייט, אום צו בעקומען אַ שטעלע אין די רייהען פֿון די פּריווילעגירטע און צו לעבען אויף די קאָסטען פֿון דעם פֿאָלק.

עס גיט האַנד־ווערקע, מיט וועלכע אַ מענש מיט עטוואָס געשיקליכקייט קען פֿערדינען 3,000 מאַרק אַ יאָהר. עס איז אויך זיכער, דאָס ניין צעהנטעל פֿון אַלע שטאַטס־אַנשטעלונגען און שטעלען אין האַנדעלדינסט ברייגען יעהרליך ניט מעהר איין ווי 2,400 מאַרק פֿערדינסט. און טראָצדעם וועט דער סטודירטער שטענדיג פֿאָרציהען די 2,400 מאַרק, וועלכע זיינען פֿערבונדען מיט גרעסערע פּערזענליכע שקלאַפֿעריי ווי די 3,000 מאַרק פֿון דעם האַנד־ווערקער, דען אַלס בעאַמטער בעלאַנגט ער צו די פּריווילעגירטע אין דער געזעלשאַפֿט, צו דער געשלאָסענער קלאַסע פֿון די בילדונגס־פֿיליסטער, אָבער אַלס אַן אַרבייטער שטעהט ער אויסערהאַלב די זאָגענאַנטע בילדונגס־קרייזען, מע קוקט אויף איהם ווי אויף אַ באַרבאַר, ווייל ער האָט ניט איינגעאַטהעמט דיזעלבע אַטמאָספֿערע פֿון די געבילדעטע.

דיזער לעכערליכער פֿאָראורטהייל וואָלט באַלד פֿערשוואונדען געוואָרען, ווען אַ שטודירטער וואָלט זיך געשטעלט אַרבייטען ביין הובעל־באַנק, ווען אַ שלאָסאַר וואָלט געלעזען זיין האָראַץ און אַ שוסטער וואָלט בעזוכט נאָך זיין אַרבייט „עסטעטישע טהע־געזעלשאַפֿטען", אום דאָרטען זיך צו אונטערהאַלטען ווי דער בעסטער קאַנצעליי־אַסיסטענט; דען די עהרליכע אַרבייט האָט איבעראַל דיזעלבע ווירדע, אויב זי בעשעפֿטיגט זיך מיט דער פּראָדוקציאָן פֿון קליידער אָדער מיט דעם בויען פֿון אייזענבאַהנען און דער שניידער געניסט אין דער געזעלשאַפֿט דיזעלבע רעכטע ווי דער אינזשעניר, דען די גייסטיגע בילדונג פֿון ביידע איז דיזעלבע.

דער סטודירטער טהוט אָבער ניט דאָס גערינגסטע, אום צו שאַפֿען פֿערנינפֿטיגע צושטענדע אין דיזער בעציהונג. פֿאַר איהם איז די אַרבייטס בלויז די אוניפֿאָרם פֿון די דומקעפּ, און ער ציהט בעסער פֿאַר צו הונגערען אין אַן אָבגעטאָגענעם רעקעל, איידער זיך זאָט צו עסען אין די קליידער פֿון אַן אַרבייטער. דיזער לעבערליכער פֿאָראורטהייל איז די אורזאַכע פֿון איינע פֿון די געפֿעהרליכסטע פֿאָרמען, וועלכע די סאָציאַלע פֿראַגע האָט אָנגענומען — דער איבערפֿלוס פֿון זאָגענאַנטע גייסטיגע פּראָלעטאַריער. דער סטודירטער האַלט זיך פֿאַר צו גוט — און אונטער די געגענוואַרטיגע אומשטענדען איז דאָס זעהר בעגרייפֿליך — אום אַראָבצושטייגען אין די אונטערסטע אַבטהיילונגען פֿון דער געזעלשאַפֿט און צו ווערען אַ האַנט־אַרבייטער, דערפֿאַר פֿאָדערט ער פֿון דער געזעלשאַפֿט, אַז זי זאָל איהם געבע צו עסען און איהם בעטראַכטען פֿאַר אַ גאַנצען קנאַקער. די געזעלשאַפֿט האָט אָבער קיין בעדירפֿנים פֿאַר דיזען איבערפֿלוס פֿון סטודירטע און דערפֿאַר איז אַ העלפֿט פֿון אַלע דיאָיעניגע, וועלכע האָבען בעזוכט העכערע שולען, פֿעראורטהיילט לאַנגזאַם צו גרונדע צו געהן, שטעהענדיג פֿאַר די פֿולע טישען פֿון די רייכע מיט הונגעריגע מאָגענס.

עס גיט אַ געוויסער סאָרט „מענשען־פֿריינד", וועלכע בעטראַכטען דעם קריג און די פעסט פֿאַר וואָהלטהעטיגע און ניצליכע ערשיינונגען, דערפֿאַר וועיל זיי מאַכען פּלאַץ פֿאַר די, וואָס בלייבען. דיזעלבע „פֿילאַנטראָפען" האָבען ערקלעהרט, אַז די בילדונג איז איינע פֿון די ערגסטע איבלען און דאָס די פֿערמעהרונג פֿון העכערע שולען איז אַן אַטענטאַט געגען די זיכערהייט פֿון דער געזעלשאַפֿט, וויל מע שאַפֿט דורכדעם אונצופֿרידענע, צוקונפֿטיגע באַריקאַדען־קעמפֿער און רעוואָלוציאָנערען. אורטהיילענדיג פֿון'ם היינטיגען שטאַנדפּונקט, זיינען זיי ניט אונגערעכט. אַזוי לאַנג ווי דער סטודירטער פֿיהלט זיך ערנידריגט דורך די האַנדאַרבייט, וויל דער אַרבייטער איז איבעראַל פֿעראַכטעט, אַזוי לאַנג ווי ער בעטראַכט זיין דיפּלאָם אַלס אַ געזעלשאַפֿטליכעס פֿערזאָרגונגס־מיטעל, וועלכע בערעכטיגט איהם צו פֿיהרען דאָס לעבען פֿון אַ רייכען לייִדיגגעהער, זאָלאַנג וועט איהם די זאָגענאַנטע בילדונג מאַכען פֿיל אונגליקליכער ווי זאָגאַר דעם געוועהנליכען אַרבייטער און פּראָלעטאַריער.

עס גיט נאָר איין מיטעל אָוועקצומאַכען מיט דיזע אוננאַטירליכע צושטענדע — די בילדונג מוז ווידער ווערען אַ זעלבסט־צוועק און ניט אַ פֿערזאָרגונגס־מיטעל פֿאַר איניגע פּריווילעגירטע. דער מענש מוז בעגרייפֿען, דאָס די בילדונג אַן און פֿיר זיך איז שוין אַן אויסגעצייכענטער לוין פֿאַר אַלע אַנשטריינגונגען, וועלכע זי האָט ערפֿאָדערט; דער געבילדעטער מוז בעגרייפֿען, דאָס ער האָט קיין רעכט ניט צו ערוואַרטען נאָך אַן אַנדער לוין פֿאַר זיינע גייסטיגע אַנשטריינגונגען און זיינע קענטניסע זיינען ניט קיין גרונד, דאָס ער זאָל זיך ניט דאַרפֿען בעשעפֿטיגען מיט פּראָדוקטיווע אַרבייט. דער געבילדעטער מענש האָט אַ פֿיל רייכערעס און טיפֿערעס

בעוואוסטזיין פֿון זיין איך, ער בעגרייפֿט פֿיל בעסער און גרינדליכער די ערשיינונגען דער וועלט און געניסט מעהר די קינסטלערישע שעהנהייטען און די גייסטיגע געניסע פֿון'ם לעבען, ווי דער אונוויסענדער מענש. עס איז אַלזאָ זעהר אונדאַנקבאַר, ווען ער פֿאָדערט אויסער דיזע אַלע רייכטהימער פֿון'ם אינערליכען לעבען, אויך נאָך ברויט פֿון דער געזעלשאַפֿט. צו פֿערדינען זיין ברויט איז די אויפֿגאַבע פֿון די הענד, און עס גיט ניט קיין גרונד, וואַרום דער געבילדעטער מענש זאָל ניט נעהמען קיין אַנטהייל אין דער פּראָדוקטיווער געזעלשאַפֿטליכער טהעטיגקייט. אויף דער אַנדער זייט איז די געזעלשאַפֿט פֿערפֿליכטעט צו מאַכען די בילדונג צו אַן אַלגעמיינעם גוט. יעדערע, וואָס בעזיצט די נויטיגע פֿעהיגקייטען, מוז געפֿינען אַ געלעגענהייט דיזע פֿעהיגקייטען צו ענטוויקלען, די גימנאַזיומס און אוניווערזיטעטען מוזען זיין אָפֿען פֿאַר אַלעמען און ניט נאָר פֿאַר איינינע פּריווילעגירטע.

מיר אַנערקענען היינט שוין איבעראַל די נויטווענדיגקייט, דאָס אַ מענש זאָל קענען לעזען און שרייבען. וואַרום אַלזאָ זאָלען מיר די בילדונג נאָר צולאָזען ביז צו אַ געוויסען פּונקט? וואַרום זאָלען מיר ניט בעגרייפֿען, אַז דער סטודיום פֿון די נאַטורוויסענשאַפֿטען און דער שעהנער ליטעראַטור איז פּונקט אַזוי נויטווענדיג און ניצליך ווי די קונסט צו לעזען און שרייבען? נאָר דורך די פֿעראַלגעמיינונג פֿון דער בילדונג איז עס מעגליך אַוועקצומאַכען מיט אַלע די לעכערליכע פֿאָראורטהיילע, וועלכע טהיילען פֿונאַנדער די אַרבייטער פֿון די זאָגענאַנטע געבילדעטע. אין דעם אויגענבליק, ווען די בילדונג וועט זיין אַ זעלבסט־צוועק, אַ מיטעל צו ענטוויקלען די גייסטיגע קולטור פֿון יעדען איינעם, אין דיזען אויגענבליק וועט מען די אַרבייט ניט מעהר בעטראַכטען אַלס אַ שאַנדע.

דער פּראלעטאריער.

—)::(—

נעבען דער קליינער מינאָריטעט פֿון רייכע לײדיגגעהער, וועלכע לעבען פֿון דעם שווייס פֿון די פֿלייסיגע און דער גרופּע פֿון איבער־פֿליסיגע, וועלכע גלויבען, דאָס זייער דיפּלאָם גיט זיי די בערעכטיגונג צו לעבען אַ גוטען טאָג אויף די קאָסטען פֿון דער געזעלשאַפֿט, זעהען מיר אין דעם בילד פֿון אונזערע עקאָנאָמישע צושטענדע די געשטאַלט פֿון דעם בעזיצלאָזען אינדוסטרי־אַרבייטער, וועלכען מע האָט אַוועקגעריסען פֿון דער פֿרוכטבאַרער ערד. וואָס פֿאַר אַ טראַגישע געשטאַלט אין מיטען אונזער בעריהמטער ציוויליזאַציאָן! איז דיזער פּראָלעטאַריער ניט די

שטאַרקסטע און פֿורכטבאַרסטע קריטיק געגען אונזער גאַנצע מאָדערנע קולטור? מע דערמאַנט אָפֿט די ווערטער, מיט וועלכע לאַ ברוייער האָט פֿאָרגעשטעלט דעם פֿערשקלאַפֿטען בוויער פֿון זיין צייט: „ער איז אַ מין פֿינסטערע, מורא׳דיגע חיה, וועלכע פֿרעסט דאָס גראָז פֿון די לאַנגקעס, קריכענדיג אויף אַלע פֿיער פֿיס; ער וואוינט אין אַ הייל און ווען ער דערזעהט אַ מענשען ענטלויפֿט ער פֿון איהם מיט מורא׳דיגע בליקען. און דאָך האָט די חיה אַ מענשליכען פּנים, און דאָך איז דיזעס עלענדע ווערען אַ מענש!"

דיזע בעשרייבונג פּאַסט אויך אויף דעם מאָדערנעם פּראָלעטאַריער. עלענד געגעהרט, לעבענדיג הויפּזעכליך פֿון קאַרטאָפֿעל אין שלעכטע פֿלייש-ברעקלעך, פֿערגיפֿטעט פֿון אַלקאָהאָל, וועלכער גיט איהם דאָס בעטריגערישע בעוואוסטזיין פֿון אַ פֿאַלשע זאַטקייט, שלעכט געקליידעט אין עלענדע שמאַטעס, וועלכע צייגען שוין אָן פֿון דער וייטען, דאָס ער בעלאַנגט צו דער גרויסער אַרמעע פֿון די בעזיצלאָזע, שמוציג און אונריין, ווייל ער האָט ניט די נויטיגע צייט און דאָס נויטיגע געלד צו פֿלעגען זיין קערפּער, אַזוי לעבט ער אין די פֿינסטערסטע און עלענדסטע ווינקלען פֿון די גרויסע שטעט. ניט נאָר וואָס ער האָט ניט קיין אַנטהייל אויף די בעסערע נאַהרונגס-מיטלען, זאָגאַר ליכט און לופֿט, וועלכע עקזיסטירען דאָך אין איבערפֿלוס פֿאַר אַלע לעבעדיגע בעשעפֿניסע, אויך דאָס גיט מען איהם ניט אַזוי פֿיל ווי ער דאַרף. זיין אונגענוגענדע נאַהרונג און זיין שווערע אַרבייט רויבען פֿון איהם אַוועק זיינע לעצטע קרעפֿטען, זיינע קינדער ווערען געבאָרען מיט די אויסצעהרונג און ער אַליין איז פֿעראורטהיילט צו אַ פֿריהצייטיגען טויט און פֿיל מאָל צו לאַנגע קראַנקהייטען. זיין אונגעזונטע וואוינונג איז אַן ענטוויקלונגס-אָרט פֿאַר די שווינדזוכט, ווי אַ פֿערלאָרענער פּאָסטען שטעהט ער דאָ, אין דער מאָדערנער קולטור און פֿון אַלע קראַנקהייטען האָט ער צום ערשטען און אַם מעהרסטען צו ליידען.

זיין לאַגע איז ערגער ווי די לאַגע פֿון דעם שקלאַף אין אַלטערטהום. ער איז פּונקט אַזוי געדריקט, פּונקט אַזוי אַבהיינגיג ווי יענער פֿון זיין הער, אָבער זיין מאַטעריעלע פֿערזאָרגונג איז פֿיל שלעכטער, דען ער האָט אפילו קיין ריכטיגע שטאַל זיך אַוועקצולייגען און ניט גענוגענד פֿוטער זיך זאַט צו עסען. אָבער דאָס בעוואוסטזיין פֿון זיין מענשליכע ווירדע, דאָס בעוואוסטזיין פֿון זיינע נאַטירליכע רעכטע איז ביי איהם שטאַרקער ענטוויקעלט, ווי ביי זיינע ליידענסגענאָסען אין די אַלטע צייטען און דערפֿאַר זיינען זיינע ליידען פֿיל גרעסער.

ער איז זאָגאַר עלענדער ווי דער ווילדער אין די אורוועלדער פֿון זיד אַמעריקאַ אָדער אין די סטעפּען פֿון אויסטראַליען. פּונקט ווי יענער לעבע ער שטענדיג פֿון האַנד אין מויל און ווען ער פֿערזאַמט איינגע אַרבייטס-שטונדען, דאַרף ער הונגערען דערפֿאַר. אָבער ער האָט ניט

דאָס געפֿיהל פֿון זיין פּערזענליכע פֿרייהייט, ווי דער ווילדער, ער האָט ניט דעם גרויסען גענוס פֿון דער פֿולער גייסטיגער און קערפּערליכער ענטוויקלונג. ער מוז נאָך אָוועקגעבען אַ טהייל פֿון זיין אַרבייטס־ווערטה צו דער געזעלשאַפֿט, וועלכע גיט איהם דערפֿאַר קלעפּ און קייטען אַלס אויסטויש. די ציוויליזאַציאָן האָט איהם פֿערשפּראָכען פֿרייהייט און וואָהלשטאַנד, אָבער איהם אַליין האָט זי ניט געהאַלטען קיין וואָרט. ער איז אויסגעשלאָסען פֿון דעם גענוס פֿון די העכסטע גיטער. די מאָדערנע היגיעניע, וועלכע מאַכט דאָס הויז פֿון דעם רייכען אַזוי בעקוועם און אַנגענעהם, איז ביז יעצט נאָך ניט אַריינגעדרונגען אין די ווינקלען, וואו ער איז געצוואונגען צו פֿערברייגגען זיין לעבען. אַלע פּראָדוקטען פֿון די מאָדערנע וויסענשאַפֿטליכע פֿאָרשונגען זיינען איהם אונבעקאַנט. די שעהנע קונסטען און די פּאָעטישע מייסטערווערקע פֿון זיין שפּראַכע מאַכען אויף איהם קיין איינדרוק ניט, דען ער קען זיי ניט פֿערשטעהן. זאָגאַר די מאַשינע, וועלכע האָט געדאַרפֿט זיין אַ גליק פֿאַר איהם, האָט זיין לאַגע געמאַכט ערגער אָנשטאָט בעסער. עס איז געווים אַ גרויסע טהאַט צום גליק פֿון דער מענשהייט, וואָס דער מענש האָט געפֿונען מיטלען איבער צו טראָגען אַלע שווערע און רויע אַרבייטען אויף די נאַטורקרעפֿטען, דען די הויכע און ערהאַבענע בעדייטונג פֿון דעם מענשען בעשטעהט ניט אין זיין מוסקולאַטור, זאָנדערען אין זיין געהירען. וואָס אָנבעלאַנגט פֿיזישע קראַפֿט, שטעהט ער אונטער דעם פֿערד און עזעל און ווען מע פֿאָדערט פֿון איהם אויסשליסליך מעכאַנישע אַרבייט, ערנידריגט מען איהם און שטעלט איהם טיפֿער ווי אַ געוועהנליכע בהמה.

די מאַשין איז ביז יעצט נאָך ניט געוואָרען די ערלייזערין און בעפֿרייערין פֿון דעם אַרבייטער, אין גענענטהייל, זי האָט איהם געמאַכט צו איהר אייגענעם שקלאַף, דען זיין בעזיצלאָזיגקייט און די אונמעגליכקייט צו געווינען די פּראָדוקטען פֿאַר זיינע בעדירפֿניסע דירעקט פֿון דער נאַטור, צווינגט איהם צו פֿערקויפֿען די קראַפֿט פֿון זיינע הענד, אָבצושוואַכען זיין אָרגאַניזמוס און צו ווערען אַ קאָנקורענט פֿון דער מאַשין. די זאָגענאַנטע סאָלידאַריטעט פֿון דער מענשהייט עקזיסטירט פֿאַר איהם נאָר אויף אַזוי פֿיל, אַז מע לייגט אויף איהם אַרויף טויזענדער פֿליכטען און גיט איהם כמעט קיינע רעכטע.

ווען ער געפֿינט ניט קיין קויפֿער פֿאַר זיין אַרבייטסקראַפֿט אָדער ווען ער איז קראַנק און אָבגעשוואַכט פֿון די יאָהרען, אַז ער קען מעהר ניט אַרבייטען, הויבט די געזעלשאַפֿט אָן צו זאָרגען פֿאַר איהם, ד.ה. זי גיט איהם אַ נדבה, ווען ער בעטעלט, זי נעהמט איהם אַריין אין אַ האָספּיטאַל ווען ער איז שוין האַלב טויט און מאַנכעסמאָל, ווען זיין עלטער ערלויבט איהם שוין מעהר ניט קיין פּראָדוקטיווע טהעטיגקייט, שטעקט זי איהם אַריין אין אַ וואָרקהויז. אָבער זי ערפֿילט איהרע פֿליכטען שטענדיג מיט אַ זויערע מינע; זי גיט די אָרעמע מעהר בעליידיגונגען אַלס ברויט און

וועהרענד זי שטילט זייער הונגער מיט אַ פֿערדריסליכע מינע, ערקלעהרט זי אויף דער אַנדערער זייט, דאָס עס איז די גרעסטע שאַנדע אָנצונעהמען נדבות פֿון איהרע הענד און בעהאַנדעלט די אונגליקליכע, וועלכע אַפּעלירען צו איהר מיטליידס־געפֿיהל, מיט דער גרעסטער פֿעראַכטונג.

דער פּראָלעטאַריער האָט ניט די מעגליכקייט זיך צו פֿערזאָרגען פֿאַר די צייט פֿון אַרבייטסלאָזיגקייט און קראַנקהייט, אָדער פֿאַר די עלטערע יאָהרען. ער פֿערדינט קוים פֿאַר דאָס נויטווענדיגסטע צו לעבען און קען ניט זאָרגען פֿאַר שלעכטע צייטען. ער קען אויך ניט פֿאָדערען אַ גרעסערען פּרייז פֿאַר זיין אַרבייט, דען די צאָהל פֿון די בעזיצלאָזע איז אַזוי גרויס — און זי ווערט נאָך גרעסער מיט יעדען טאָג — דאָס עס וועלען זיך שטענדיג געפֿינען קאָנקורענטען, וועלכע זיינען צופֿרידען מיט יעדען לוין, אום ניט צו פֿערהונגערען מיט אַמאָל. דער פּראָלעטאַריער איז אַבסאָלוט מאַכטלאָז געגען אַזאַ צושטאַנד. ווי פֿלייסיג ער זאָל ניט זיין, וועט עס איהם קיינמאָל ניט געלינגען מעהר צו פֿערדינען, ווי די בעפֿרידיגונג פֿון זיינע נויטווענדיגסטע בעדירפֿניסע ערפֿאָדערט. אין געגענטהייל — וואָס מעהר דער פּראָלעטאַריער אַרבייטעט, אַלס ערגער ווערט זיין מאַטעריעלע לאַגע. דיזע בעהויפּטונג קלינגט זעהר אונוואַהר־שיינליך, אָבער זי איז דאָך אַבסאָלוט ריכטיג. ווען דער פּראָלעטאַריער פּראָדוצירט מעהר, ווערען זיינע פּראָדוקטען ביליגער פֿערקויפֿט, אָבער זיין לוין בלייבט דערזעלבער, פֿילע מאָל ווערט ער זאָגאַר קלענער. אַזוי פֿערערגערט ער דורך זיינע אַנשטרייגגונגען די בעדינגונגען אויף דעם אַרבייטס־מאַרק און פֿערקלענערט דעם ווערטה פֿון זיין אַרבייטס־קראַפֿט. דיזע ערשיינונג וואָלט זיך קיינמאָל ניט געקענט מאַניפֿעסטירען, ווען די פּראָדוקציאָן פֿון דער גרויס־אינדוסטרי וואָלט בעשטימט געוואָרען דורך דעם פֿערלאַנג, דעם בעדירפֿניס פֿון די קאָנסומענטען. אין דיזען פֿאַל וואָלטען מיר ניט געוואוסט פֿון קיין „איבערפּראָדוקציאָן", דער פּרייז פֿון די פּראָדוקטען וואָלט ניט פֿערקלענערט געוואָרען דורך זייער גרויסע צאָהל און דער אַרבייטער וואָלט געקראָגען אַ בעסערען לוין פֿאַר זיין אַרבייט.

דער קאַפּיטאַליזמוס האָט אָבער פֿערפֿעלשט דיזעם נאַטירליכע שפּיל פֿון די ווירטשאַפֿטליכע קרעפֿטען. אַ קאַפּיטאַליסט גרינדעט היינט אַ פֿאַבריק און פּראָדוצירט געוויסע וואַרען, ניט דערפֿאַר ווייל עס איז פֿערהאַנדען אַ בעדירפֿניס פֿאַר דיזע פּראָדוקטען, זאָנדערען נאָר דערפֿאַר, ווייל ער בעזיצט אַ קאַפּיטאַל, מיט וועלכען ער וויל פֿערדינען הויכע פּראָצענטען. אַזוי פֿערנעהמען פּריוואַטע קאַפּריזען און אונוויסענהייט דעם פּלאַץ פֿון די נאַטירליכע ווירטהשאַפֿטליכע געזעצע, און דער מאַרק ווערט איבערפֿלייצט מיט אַ גוואַלדיגע מאַסע פּראָדוקטען, פֿאַר וועלכע עס איז ניטאָ קיין בעדירפֿניס. און וואָרום? ווייל אַן איינצעלנער אינדיווי־דואום האָט געוואָלט געווינען מיליאָנען, אָבער זיינע ספּעקולאַציאָנען

זיינען געווען פֿאַלשע. די פֿאָלגען פֿון דיזע פֿאַלשע ספעקולאַציאָנען מוזען זיך נאַטירליך באַלד אַרויסצייגען. דער קאַפּיטאַליסט פֿערקלענערט די פּרייזען פֿון די פּראָדוקטען אַזוי פֿיל, דאָס זיי ברייגגען איהם שוין מעהר קיין פּראָפּיט; ער געהט צו גרונדע און די פֿאַבריקאַנטען פֿון אַ גאַנצען אינדוסטרי צווייג האָבען שווער צו ליידען פֿון דיזעלבע אורזאַכען; אַזוי ענטשטעהט אַ קריזיס, מאַנכעסמאָל אין איין לאַנד און זעהר אָפֿט אין אַלע לענדער.

דאָס אייגענטליכע אָפּפֿער פֿון אַזאַ קריזיס איז אָבער דער פּראָלעטאַריער, דען שוין לאַנג בעפֿאָר דער פֿאַבריקאַנט פֿערלירט זיין קאַפּיטאַל, פֿערקלע־נערט ער שטענדיג דעם לוין פֿון זיינע אַרבייטער און פֿאָדערט פֿון זיי אימער גרעסערע קוואָנטיטעטען פּראָדוקטען. די ענדע פֿון דיזען אונגלייכמעסיגען קאַמף צווישען „אָנבאָט און נאָכפּראַגע" איז געוועהנליך, אַז דער אַרבייטער איז געצוואונגען אַרומצוגעהן אַ קירצערע אָדער לייננערע צייט אָהנע בעשעפֿטיגונג און פֿאָלגליך אָהנע ברויט.

דאָס איז די ראָלע פֿון דעם פּראָלעטאַריער און דעם פֿאַבריקאַנט אין דער מאָדערנער גרויסאינדוסטרי. דער אַרבייטער שאַפֿט אונגעהייערע רייכטהימער פֿאַר דעם קאַפּיטאַליסט. דער קאַפּיטאַליסט פֿערשווענדעט זיין געלד פֿאַר די איינריכטונג פֿון נייע פֿאַבריקען. אַזוי ענטשטעהט אַ זאָגענאַנטע איבערפּראָדוקציאָן און אַ געפֿעהרליכע קאָנקורענץ. די פֿאָלגע פֿון דעם איז אַ פֿערקלענערונג פֿון די פּרייזען און אַ פֿערקלענערונג פֿון דעם אַרבייטס־לוין. צו לעצט ענטשטעהט אַ קריזיס און דער אַרבייטער פֿערלירט אין גאַנצען זיין ברויט. אַזוי מאַכט דער אינדוסטרי־שקלאַף זיין הער אימער רייכער, אַלס דאַנק דערפֿאַר ווערט זיין לעבען אימער שווערער און צולעצט נעהמט מען אַוועק פֿון איהם דעם לעצטען ביסען ברויט. גיט עס אַ שעהנערע אילוסטראַציאָן פֿאַר די גערעכטיגקייט פֿון אונזערע געגענווערטיגע עקאָנאָמישע צושטענדע?

די איינזייטיגקייט דער עקאנאמישער ענטוויקלונג.

—)::(—

בעטראַכטענדיג דיזעס בילד פֿון אונזער עקאָנאָמישען לעבען, שטעלט זיך אונז די ערשטע פֿראַגע: דאַרף די עקאָנאָמישע לאַגע אַזוי זיין, ווי זי איז יעצט? שטעהען מיר דאָ פֿאַר די אונפֿערמיידליכע קאָנזעקווענצען פֿון אַ נאַטורגעזעץ אָדער פֿאַר די פֿאָלגען פֿון מענשליכער דומהייט און אונוויסענהייט? וואַרום קען אַ קליינע מינאָריטעט געניסען אַלע רייכטהימער פֿון דער מענשליכער פּראָדוקציאָן, ניט אַריינ־לייגענדיג קיין פֿינגער אין קאַלטע וואַסער? און ווי אַזוי קומט עס, דאָס

אונצעהלבאַרע מיליאָנען, וועלכע שאַפֿען אַלע דיזע רייכטהימער, זיינען פֿעראורטהיילט צו הונגער און נויט?

דיזע פֿראַגען פֿיהרען אונז צום ריכטיגען פּונקט פֿון דעם פּראָבלעם, וועלכען מיר האָבען צו לייזען. מיר מוזען פֿערזוכען אויסצוגעפֿינען, אויב די אָרעמע ליידען, דערפֿאַר ווייל עס גיט ניט גענוג לעבענסמיטלען פֿאַר זיי אָדער די לעבענסמיטלען זיינען פֿערהאַנדען, נאָר זיי קענען ניט צוקומען צו זיי. די לעצטע פֿראַגע קענען מיר אין גאַנצען איגנאָרירען, דען אויב עס וואָלטען געווען גענוג גוטע און געזונטע לעבענסמיטלען און דער אָרעמער וואָלט ניט געקענט צוקומען צו זיי, וואָלט זיין טהייל דאָך איבערגעבליבען און ניט פֿערברויכט געוואָרען. די ערפֿאַהרונג צייגט אונז אָבער דאָס געגענטהייל. מיר זעהען, דאָס אין יעדען יאָהר פֿערברויכט מען די גאַנצע פּרוכט און אַלע אַנדערע נאַהרונגסמיטלען, וועלכע זיינען פּראָדוצירט געוואָרען אין פֿערגאַנגענעם יאָהר. געוועהנליך איז די פּרוכט פֿון׳ם פֿערגאַנגענעם יאָהר שוין כמעט אין גאַנצען אויפֿגעגעסען געוואָרען, נאָך איידער די שניט־צייט פֿון דעם נייעם יאָהר האָט זיך אָנגעפֿאַנגען און אַ גרויסע טהייל פֿון דער מענשהייט האָלט אין איין הונגערען. מע האָט ביז יעצט נאָך קיין מאָל ניט געהערט, אַז מע זאָל איבערלאָזען פּרוכט פֿאַר די ווערים, ווייל מען האָט דערפֿאַר קיין בעדירפֿניס און פֿלייש איז נאָך קיין מאָל ניט פֿערפֿוילט געוואָרען, ווייל עס איז געווען אַ מאַנגעל אין קויפֿער.

עס איז וואַהר, אַז די רייכע פֿערשווענדען מעהר פּראָדוקטען, ווי זיי דאַרפֿען פֿאַר די ערהאַלטונג פֿון זייער אָרגאַניזמוס, אָבער פֿון דיזע פּראָדוקטען שפּילען די לעבענסמיטלען די קלענסטע ראָלע. אַ מיליאָנער פֿערשווענדעט מענשליכע אַרבייטסקראַפֿט, אום צו בעפֿרידיגען זיינע קאַפּריזען און זיין לעבערליכע איינבילדונגס־קראַפֿט; ער לאָזט זיך בויען גרויסע הייזער און פֿילט זיי אָן מיט איבערפֿליסיגע מעבעל און אַנדערע זאַכען. ער רויבט אַוועק מענשען פֿון די ניצליכע פּראָדוקציאָן און מאַכט פֿון זיי לאָקייען, דינער און אַנדערע ליידיגגעהער, אָבער וויפֿיל ער זאָל ניט פֿערשווענדען, נאַהרונגסמיטעל קען ער העכסטענס פֿיער מאָל אַזוי פֿיל אויסברייננגען ווי ער דאַרף, אום צו בעפֿרידיגען זיינע אָרגאַנישע בעדירפֿניסע. לאָמיר אָננעהמען, דאָס עס געפֿינען זיך איין מיליאָן אַזעלכע פֿערשווענדער אין אייראָפּאַ; צוזאַמען מיט זייערע פֿאַמיליען וואָלטען עס געווען 5 מיליאָן מענשען, וועלכע וואָלטען אויסגעבראַכט לעבענסמיטלען פֿאַר 20 מיליאָן; ד.ה. אויסער זייער אייגענעם בעדאַרף, נעהמען זיי נאָך צו דעם אַנטהייל פֿון אַנדערע 15 מיליאָן מענשען, וועלכע האָבען גאָרנישט אָדער פֿון 30 מיליאָן, וועלכע קריגען נאָר אַ העלפֿט פֿון וויפֿיל זיי דאַרפֿען צו עסען. די צאָהל פֿון די אָרעמע אין אייראָפּאַ, וועלכע האָבען ניט גענוג צו עסען, איז אָבער וויינינגסטענס צוויי מאָל אַזוי גרויס, עס גיט זיבער 60 מיליאָן שטענדיגע הונגערליידער אין אייראָפּאַ, פֿאָלגליך מוזען

מיר קומען צום שלוס, אַז די ערד גיט ניט גענוג לעבענסמיטלען פאַר אַלעמען און אַ טהייל פון דער מענשהייט איז פערדאַמט צו אַ פיזיאָלאָגישען עלענד.

וואָס איז די אורזאַכע פון דיזער ערשיינונג? איז עס אַ נויטווענדיגע פאָלגע פון די נאַטירליכע אומשטענדען? גיט די ערד ניט מעהר לעבענס־מיטלען, דערפאַר וויל זי האָט ניט די קראַפט מעהר צו פראָדוצירען? ניין! די ערד גיט אונז ניט מעהר נאַהרונג, וויל מיר פאָדערען ניט מעהר פון איהר.

ווען די קאַפּיטאַליסטישע מאָראַל האָט זיך געדאַרפט בעשעפטיגען מיט דיזען פראָבלעם, האָט זי באַלד געפונען אַן ענטפער. דער פרומער מאַלטהוס האָט איינפאַך ערקלעהרט: „די צאָהל פון די מענשען איז צו גרויס, אום די ערד זאָל זיי קענען ערנעהרען, פאָלגליך דאַרף מען איהר איינפאַך פערקלענערען.” און ער האָט געפּריידיגט, אַז די אָרעמע זאָלען זיך ענטזאַגען פון געשלעכטליכען פערקעהר. אַ וואונדער, וואָס ער האָט ניט פאָרגעשלאָגען, אַז יעדער אינדיווידואום, וועלכער ווערט געבאָרען אָהן פערמעגען, זאָל איינפאַך קאַסטרירט ווערען, אום די מענשהייט זאָל זיך קענען איינריכטען נאָך דעם אידעאַלען מוסטער פון די ביהנען און מוראַשקעס, וואו נאָר איניגע וויניגע אינדיווידוען בעזיצען דאָס פּריווי־לעגיום דער פאָרטפלאַנצונגס־קראַפט. די גרויסע מאַסע איז אין דיזע ביידע געזעלשאַפטען פון אינזעקטען איבערהויפּט אָהן אַ געשלעכט און האָט די פליכט אָדער דאָס רעכט צו אַרבייטען פאַר די פאָלקאָמענע אינדיווידוען. אַזאַ מין געזעלשאַפטס־אָרדנונג וואָלט זיכער געווען נאָך דעם געשמאַק פון אונזערע מיליאָנערען.

דאָס מען קען דעם זאַץ פון מאַלטהוס איינפאַך איבערקעהרען און זאָגען: די צאָהל פון די לעבענסמיטלען איז צו קליין, אום צו ערנעהרען אַלע מענשען, פאָלגליך מוז מען זיי פערמעהרען!” דיזער געדאַנק איז דעם פרומען מאַלטהוס און זיינע אַנהייננגער גאָר ניט איינגעפאַלען. און דאָך איז דיזע לייזונג די איינפאַכסטע. אָדער זאָלען זיך ווירקליך געפינען מענשען מיט אַ געזונדען פערשטאַנד, וועלכע האָבען דעם מוטה צו בע־הויפטען, אַז די פראָדוקציאָן פון נאַהרונגס־מיטלען קען ניט פערגרעסערט ווערען אויף דער ערד? אַזעלכע פאַנטאַזיאָרען וואָלט מען באַלד געקענט ענטפערען מיט צאַהלען.

אייראָפּאַ ערנעהרט אויף 9.710.340 קוואַדראַט־קילאָמעטער 316 מיליאָן מענשען, ד.ה. זי ערנעהרט זיי זעהר אונפאָלקאָמען און מאַנגעלהאַפט, דען זי בעציהט פון אינדיען, זיד־אַפריקאַ, אַלזשיר, נאָרד־אַמעריקאַ און אויסטראַליען גרויסע מאַסען פון פרוכט און פלייש. זי אַליין עקספּאָרטירט קיינע לעבענס־מיטלען אויסער ווייַן, און טראָצדעם לעבט אַ גרויסער טהייל פון דער אייראָפּעאישער בעפעלקערונג אין שטענדיגען הונגער. עס זעהט אַלזאָ אויס, דאָס אייראָפּאַ וואָלט ניט אימשטאַנדע געווען צו

ערנעהרען 32 מענשען אויף אַ קוואַדראַט-קילאָמעטער. מיר זעהען אָבער, דאָס צ.ב.ש. בעלגיען, אַ לאַנד מיט 29.455 קוואַדראַט-קילאָמעטער ערד, ערנעהרט 5.536.000 איינוואָהנער, ד.ה. אויף יעדען קוואַטראַט-קילאָמעטער קומען 200 מענשען, מעהר ווי זעקס מאָל אַזוי פיל ווי די דורכשניטס-צאָהל אין אייראָפּאַ. ווען די ערד אין גאַנץ אייראָפּאַ וואָלט אַלזאָ אַזוי גוט בעאַרבייט געוואָרען ווי אין בעלגיען, וואָלט זי אימשטאַנדע געווען צו ערנעהרען 1950 מיליאָן מענשען, אַנשטאָט 316 מיליאָן. אַזוי פיל מענשען גיט עס אָבער ניט אויף דער גאַנצער ערד. אייראָפּאַ האָט אָבער ווי געזאָגט נאָר 316 מיליאָן מענשען, און ווען די ערד וואָלט ווירקליך און פלאַנמעסיג אויסגענוצט געוואָרען, וואָלט פאַר יעדען איינוואוינער זעקס מאָל אַזוי פיל לעבענסמיטלען געווען, ווי זיינע בעדירפניסע וואָלטען ערפאָדערט. דיזע רעכנונג בעווייזט אונז קלאָהר און דייטליך, אַז מיר האַלטען אין דער ווירקליכקייט נאָך לאַנג ניט אַזוי שמאָל, ווי אַנדערע ווילען אונז איינרעדען.

עס איז וואַהר, מען קען מיר ענטפערען, אַז בעלגיען איז אויך ניט אימשטאַנדע אַליין צו ערנעהרען איהע איינוואָהנער און מוז דערפאַר בע-ציהען לעבענס-מיטלען פון אַנדערע לענדער. זעהרר גוט! בעלגיען בעציהט איין פירטעל פון איהרע לעבענס-מיטלען פון אויסוועוטס, אָבער זי איז טראָץ דעם אימשטאַנדע צו ערנעהרען 150 מענשען פער קוואַדראַט קילאָ-מעטער. אייראָפּאַ וואָלט אַלזאָ געקענט שאַפען לעבענס-מיטלען פאַר 1458 מיליאָן מענשען, ד.ה. אימער נאָך מעהר, ווי עס לעבען איבער-הויפּט מענשען אויף דער גאַנצער ערד. לאָמיר נעהמען אַן אַנדער ביישפּיל. כינאַ (אָהנע די נעבען-לענדער, וועלכע שטעהען אונטער דעם שוץ פון דער כינעזישער רעגירונג) האָט 4.024.890 קוואַדראַט-קילאָמעטער לאַנד מיט 405 מיליאָן מענשען. יעדער קוואַדראַט-קילאָמעטער לאַנד ערנעהרט אַלזאָ 100 מענשען. און כינאַ בעציהט ניט קיין לעבענס-מיטלען פון אויסלאַנד, אין געגענטהייל, זי פערקויפט יעדעם יאָהר אַ גרויסע מאַסע רייז, טהע, איינגעמאַכטס א.ז.וו. צו די אויסלענדער. און טראָץ דעם פער-זיכערען אונז אַלע געלעהרטע, וועלכע האָבען גערייזט אין כינאַ, דאָס הונגער און עלענד מאַניפעסטירען זיך נאָר דאַן, ווען עס מאַכט זיך אין דעם „הימלישען רייך" אַ שלעכטער יאָהר; און זאָגאַר אין דיזען פאַל זיינען די שלעכטע פערבינדונגען צווישען די איינצעלנע פּראָווינצען די הויפּט-אורזאַכע פון אַ הונגער-צושטאַנד. ווען די ערד פון אייראָפּאַ וואָלט נאָר אויף אַזוי פיל קולטיווירט געווען ווי אין כינאַ, וואָלט זי בעקוועם געקענט ערנעהרען 1000 מיליאָן מענשען אַנשטאָט 316 מיליאָן, וועלכע געפינען זיך אין אַזעלכע שלעכטע צושטענדע, דאָס מיליאָנען פון זיי וואַנדערען אויס נאָך אַנדערע וועלטטהיילען.

וואָרום פאָדערט מען פון דער ערד ניט מעהר פּראָדוקטען, טראָץ דעם וואָס די ערפאַהרונג צייגט אונז יעדען טאָג, דאָס זי איז אימשטאַנדע מעהר

צוגעבען? וואָרום פערזוכט מען ניט צו פּראָדוצירען אַזוי פיל נאַהרונגס־מיטלען, אום אַלע מענשען זאָלען קענען לעבען אין איבערפלוס? דער ענטפער איז זעהר איינפאַך: דערפאַר וויל דער קאַפּיטאַליזמוס האָט אונז געפיהרט צו אַן אונגאַטירליכער און איינזייטיגער ענטוויקלונג פון אונזער קולטור. די גאַנצע ציוויליזאַציאָן קאָנצענטרירט זיך היינט צו טאָג אויסשליסליך אויף דער אינדוסטרי און דעם האַנדעל און רויבט אַוועק אַלע קרעפטען פון דער פּראָדוקציאָן פון לעבענס־מיטלען.

דער פּהיזיאָקראַטיזמוס, וועלכער לערענט אונז, אַז דער איינציגער ווירקליכער רייכטהום פון אַ לאַנד איז דער רייכטהום פון זיין אַגריקולטור, דער איבערפלוס פון זיינע לעבענס־מיטלען, האָט היינט פערלאָרען זיין גאַנצען איינפלוס. זייט די לעצטע הונדערט יאָהר קוקט די גאַנצע אָפיציעלע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע וויסענשאַפט, וועלכע האָט זיך ערנידריגט צום געהאָרכזאַמען דינער פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפטס־אָרדנונג, אויף דיזע לעהרע ווי אויף אַ נאַאיוועז אירטהום און לאַכט זיך אויס פון איהרע אַנשויאונגען.

אַזוי ווי דער זוהן פון די פעלדער פערלאָזט די פרייע נאַטור, דעם איבערפלוס פון ליכט און לופט, געטריבען פון אַ מין זעלבסטמערדערישען אינסטינקט, אום זיך אַריינצולאָזען אין די טויטליכע געפענגניסע פון די פאַבריקען און די פערשטיקטע ווינקלען פון די גרויסע שטעט, אַזוי רייסט זיך אָב די גאַנצע קולטור־מענשהייט אין אַלגעמיין פון דעם פרוכטבאַ־ען אַקער, אום צו דערשטיקען און צו שטאַרבען פון הונגער אין די ענגע שטייגען פון דער גרויס־אינדוסטרי. די גאַנצע ערפינדונגס־קראַפט פון דער מענשהייט, אַלע איהרע פאָרשונגען, איהר גאַנצע ענערגי, אַלעס קאָנצענטרירט זיך אויסשליסליך אויף די אינדוסטרי. מיר זעהען די פאָלגען פון דיזער איינזייטיגער ענטוויקלונג: אימער קאָמפּליצירטערע מאַשינען, אימער פאָלקאָמענערע אַרבייטס־מעטהאָדען, אימער גרעסערע רייכטהימער. פון הונדערט ערפינדער בעשעפטיגט זיך אפשר קיין איינציגער מיט דער פּראָדוקציאָן פון נאַהרונגס־מיטלען. ווען מיר וואָלטען נאָר אַוועקגעלעגט אַ העלפט פון דער ענערגי, וואָס ווערט פערוועגדעט אויף די פערבעסערונג פון דער אינדוסטרי, פאַר די פּראָדוקציאָן פון נאַהרונגס־מיטלען, וואָלטען מיר זיכער ניט געוואוסט פון קיין פיזיאָלאָגישען עלענד אויף דער ערד. אָבער גראָדע דיזער וויכטיגער צווייג פון דער מענשליכער טהעטיגקייט איז אויף אַזוי פיל פערנאַכלעסיגט געוואָרען, דאָס עס איז כמעט אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען. מיר זיינען הויך־ציוויליזירטע בעשעפעניסע אויף דעם געביט פון דער אינדוסטרי, אָבער וואָס אָנבעלאַנגט די באָדען־קולטור, דעם אַקערבוי זיינען מיר שוואַרצע, פינסטערע באַרבאַרען. מיר שטאָלצירען מיט רעכט מיט אונזער שאַרפזיניגקייט אין דער פּראָדוקציאָן פון געוויסע געגענשטענדע, פאַר וועלכע מיר פערוועגדען אַלע ברעקלעך, וואָס האָבען שיינבאַר גאָר קיין ווערטה ניט, אָבער אין

דערזעלבער צייט פֿערשווענדען מיר וועניגסטענס א העלפֿט פֿון אַלע שפּייז רעסטען אָהן אַ נוצען; מיר לאָזען דעם אינהאַלט פֿון די קאַנאַלען אַריינלויפֿען אין די טייכען אָדער אין ים, וועלכער גיט אונז ניט צוריק דעם טויזענדסטען טהייל פֿון דעם, וואָס ער בעקומט פֿון אונז.

עס איז הימעלשרייענד צו זעהען, ווי מיר וואַרפֿען אַרויס מיליאָנען טאָנען פֿון אַלערליי שטאָפֿען, וואָס וואָלטען געקענט פֿרוכטבאַר מאַכען די ערד און אין דערזעלבער צייט ווירקט עס קאָמיש, זעהענדיג, ווי פֿאַרזיכטיג מען איז מיט יעדען טראָפּען שוועבעל־זויערע אין דער פֿאַבריקאַציאָן פֿון בעמישע פּראָדוקטען, אָדער בעמערקענדיג, וויפֿיל צייט און געדולד אַן ערפֿינדער לעגט אַוועק, אום אויסצוגעפֿינען אַ נייען מיטעל, ווי צו פֿערווערטהען די שמוציגסטע רעסטען פֿון די פֿאַבריקען. מיר בעריהמען זיך, אַז מיר האָבען אונטעריאָכט די נאַטור־קרעפֿטען און דאָך אַרט אונז גאַנץ וויניג, אַז עס גיט נאָך מיליאָנען קוואַדראַט־קילאָמעטער ערד, וואָס איז נאָך ניט קולטיווירט; טראָץ דעם, וואָס די ערפֿאַהרונג האָט אונז געצייגט, דאָס עס גיט איבערהויפּט ניט קיין שטיק לאַנד, וועלכעס מען זאָל ניט קענען קולטיווירען, אפילו ווען די ערד זאָל בעשטעהען פֿון אייזערנע צוועקעס אָדער שטיקלעך פֿעלזענשטיינער. איבעראַל, וואו עס איז נאַר מעגליך צו שאַפֿען וואַסער און וואַרעמקייט, קען מען פֿערוואַנדלען וויסטע לאַנד אין פֿרוכטבאַרע פֿעלדער.

מיר שטאָלצירען מיט געוויסע קוילען־אָדער קופּער־מינען, וועלכע געהען אַרונטער עטליכע טויזענד פֿוס אין דער ערד אָדער אונטערען ים, און דערזעלבער מענש, וועלכער האָט אויסגעגראָבען דיזע געוואַלדיגע מינען, דערזעלבער מענש שעהמט זיך ניט צו זאָגען, אַז די טויזענדער נאַקעטע און אונפֿרוכטבאַרע פֿעלזען, וועלכע געפֿינען זיך איבעראַל, קענען ניט בענוצט ווערען פֿאַר ערגעץ אַ ניצליכע זאַך.

מיר בעהערשען דעם בליץ פֿון די הימלען און דאָך ווייסען מיר ניט ווי זיך צו בענוצען מיט דעם אונענדליכען רייכטהום אין נאַהרונגס־מיטלען פֿון די ימים, וועלכע בעדעקען דריי פֿירטעל פֿון אונזער ערד, און פֿון וועלכע מיר פֿערווענדען קוים עטליכע אַטאָמען. ווי אַזוי איז מעגליך, דאָס אין אונזער צייט פֿון וואונדערבאַרע מאַשינען און מעכאַנישע אַרבייטס־אינסטרומענטען זאָלען זיך נאָך געפֿינען אין אייראָפּאַ גרויסע זומפּען, טייכען אָהנע פֿיש, און גרויסע שטרעקען אונקולטיווירטע לאַנד? ווי אַזוי קומט עס, אַז מיר זיינען אַזעלכע שלעכטע מאַטעמאַטיקער, אום ניט צו בעגרייפֿען דאָס עס איז ניצליכער און פּראַקטישער צו פֿערווענדען די געוואַלדיגע רייכטהימער און נאַהרונגס־מיטלען פֿון די טייכען און ימים, וועלכע גיבען אונז אין דער געשטאַלט פֿון פֿיש און אַנדערע טהירען גענוג אייוויים־שטאָפֿען פֿאַר די מענשליכע ערנעהרונג, אַנשטאַט צו האַלטען גרויסע סטאַדעס בהמות צו דיזען צוועק, וועלכע פֿערנעהמען אַ גרויסען טהייל פֿרוכטבאַרע ערד פֿאַר זייער ערנעהרונג?

איך וויל יעצט ניט ווייטער איינגעהען אויף די איינצעלהייטען, דען איך גלויב, אַז איך האָב געבראַכט גענוג אַרגומענטען, אום צו בעווייזען, אַז דער אַקערבוי, די אַגריקולטור איז דאָס שטיפֿקינד פֿון אונזער מאָדערנער קולטור. ווען די אינדוסטרי געהט פֿאָרווערטס מיט הונדערט טריט, מאַכט דער אַקערבוי קוים איין טריט פֿאָרווערטס. אַלעס וואָס מען האָט זייט די לעצטע עטליכע יאַהרהונדערט אויסגעפֿונען, אום די מענשען רייכליך צו ערנעהרען, איז די איינפֿיהרונג פֿון קאַרטאָפֿלען אין אייראָפּאַ, וועלכע געבען דעם פּראָלעטאַריער די מעגליכקייט, ער זאָל זיך איינבילדען, אַז ער האָט זיך גוט אָנגעגעסען, אין דערזעלבער צייט ווען זיין קערפּער שטאַרבט לאַנגזאַם אָב, ווייל ער בעקומט ניט גענוגווירקליכע נאַהרונגס־שטאָפֿען, קאַרטאָפֿלען, וועלכע געבען דעם קאַפּיטאַליסט די געלעגענהייט אַראָבצודריקען דעם לוין פֿון זיינע אינדוסטרי־שקלאַפֿען אויף די קלענסטע מאָס.

פֿרוכט־גערטנער, קרויט־פֿעלדער, שוואַם־קעלערס א.ז.וו. בעווייזען אונז, וואָס פֿאַר אַ מאַסע פֿון לעבענסמיטלען עס קען אונז ברייגען די קלענסטע שטיקעל לאַנד. די ערפֿאַהרונג ציינט אונז יעדען טאָג, אַז עס גיט איבער־הויפּט ניט קיין ניצליכערע פֿערווענדונג פֿאַר די מענשליכע אַרבייטס־קראַפֿט, ווי צו קולטיווירען און צו בעאַרבייטען די ערד. ווען מיר וואָלטען אָנגעווענדעט אונזערע געוואַלדיגע מעכאַנישע און וויסענשאַפֿטליכע מיטלען פֿאַר דעם אַקערבוי, וואָלט אַ קליינע שטיקעל לאַנד געווען אימשטאַנדע צו ערנעהרען אַ מענשען, מיר ווילען אָבער ניט וויסען פֿון דעם און פֿאָלגליך ווערט דער מאַנגעל אין לעבענסמיטלען אימער גרעסער, די פּרייזען פֿאַר אונזער טעגליכע שפּייז וואַקסען פֿון טאָג צו טאָג און דער אינדוסטרי־אַרבייטער דאַרף אַרבייטען אימער שווערער און ביטערער, אום צו שטילען זיין הונגער.

די נאַטור ציינט דעם מענשען, דאָס ער דאַרף די ערד, ווי דער פֿיש די וואַסער; דער מענש זעהט, אַז ער געהט צו גרונדע, ווי באַלד ער רייסט זיך אָב פֿון דעם פֿרוכטבאַרען אַקער, ער זעהט, אַז נאָר דער בויער בלייבט געזונד און שטאַרק און פֿערלירט ניט די פֿעהיגקייט זיך פֿאָרטצופֿלאַנצען; אָבער די שטאָדט טריקענט אויס דעם מאַרך און די קראַפֿט פֿון איהרע איינוואָהנער, זי מאַכט זיי אונפֿרוכטבאַר און ווען ניט די איינוואַנדערונג פֿון נייע עלעמענטען אויס די דערפֿער, וואָלטען אַלע שטעט אים פֿערלויף פֿון אַ פֿערהעלטניסמעסיג קורצע צייט זיך פֿערוואַנדעלט אין גרויסע בית עלמן׳ס, וואו עס וואָלט זיך ניט געפֿונען קיין לעבעדיגער מענש. און טראָץ דעם פֿערלאָזט דער מענש דעם אַקער, טראָץ דעם רייסט ער זיך אָב פֿון׳ם לעבען, אום זיך אַרומצוכאַפּען מיט׳ן טויט.

די פּראָפֿעסאָרען פֿון דער פּאָליטישער עקאָנאָמי ווילען אונז איינריידען, אַז דער גראַד פֿון אינדוסטריעלער ענטוויקלונג איז דער אייגענטליכער מאַסשטאַב פֿאַר די ציוויליזאַציאָן פֿון אַ לאַנד, און דאָס אַ רייך־ענטוויקעלטעס פֿאַבריק־סיסטעם איז דאָס גרעסטע גליק פֿאַר אַ נאַציאָן, ווייל

די ביליגקייט פֿון די פּראָדוקטען גיט אויך די אָרעמע א געלעגענהייט זיך צו בענוצען מיט זיי. דאָס איז איינער פֿון די קאַפּיטאַליסטישע ליגענס, וועלכע מען האָט איבעראַל פֿערשפּרייט. א פּייער זאָל נעהמען דיזע בעריהמטע ביליגקייט פֿון די פּראָדוקטען! קיינער האָט ניט קיין נוצען פֿון דעם, ווי נאָר די פֿאַבריקאַנטען און צווישען־הענדלער. מיר האָבען שוין פֿריהער ערקלערט די אורזאַכען פֿון דיזער ביליגקייט. די קאַפּיטאַליסטישע קאָנקורענץ, פֿון וועלכע דער אַרבייטער האָט אָם מעהרסטען צו ליידען; די געוויסענלאָזע און פֿערברעכערישע אויסבייטונג פֿון מענשליכער אַרבייטס־קראַפֿט, דאָס זיינען דיווירקליכע אורזאַכען פֿון דער בעריהמטער ביליגקייט פֿון די פּראָדוקטען. דער אַרבייטער איז צוגעבונדען צעהן, צוועלף און אָפֿטמאָל פֿירצעהן שטונדען צו זיין מאַשינע, אום די בוימוואָל זאָל ווערען ביליגער, ווי זי איז. ער לעבט איבערהויפּט ניט מעהר, דען זיין גאַנצעס דאַזיין שפּילט זיך אָב הינטער די שמוציגע מויערען פֿון די פֿאַבריקען און מאַניפֿעסטירט זיך איינציג און אַליין אין אַן אונענדליכע סעריע פֿון אויטאָמאַטישע בעוועגונגען. דער מאָדערנער פּראָלעטאַריער איז דאָס איינציגע בעשעפֿענים אים וויטען וועלט־רוים, וועלכע מוז פֿערברייננגען אַזאַ גרויסען טהייל פֿון זיין לעבען מיט אוננאַטירליכער אַרבייט, אום צו ערהאַלטען זיין אָרגאַניזמוס.

געוויס, אויף די קאָסטען פֿון דיזער מענשען־שינדעריי ווערען די פּראָדוקטע ביליגער; אָבער אין דערזעלבער צייט ווערען זיי אויך שלעכטער. אונזער גאַנצע אינדוסטריעלע ענטוויקלונג האָט נאָר איין ציל: צו פֿערשלעכטערען די קוואַליטעט און צו פֿערקלענערען די קוואַנטיטעט פֿון דעם אַרבייטס־מאַטעריאַל, פֿון די רוישטאָפֿען. וואָרום? ווייל די רוישטאָפֿען, בעזאָנדערס די, וועלכע מיר געווינען פֿון דער אָרגאַנישער נאַטור, ד.ה. אויס דער טהיער־און פֿלאַנצען־וועלט, ווייל דיזע רוישטאָפֿען זיינען פֿיל טהייערער ווי מענשליכע אַרבייטס־קראַפֿט. די ערד לאָזט זיך ניט אָבנאַרען; זי גיט אונז נאָר דאַן בוימוואָל, פֿלאַקס, האָלץ א.ז.וו. ווען מיר גיבען איהר צוריק דיזעלבע קוואַנטיטעט נאַהרונגס־שטאָפֿען, וועלכע מיר נעהמען אַרויס פֿון איהר. אפילו א בהמה אָדער אַ שעפּס קען מען איהר ניט בעטריגען, דען די קוואַליטעט פֿון זייער וואָל, זייערע פֿעל אָדער זייערע הערנער ווערט בעשטימט דורך די נאַהרונג, וועלכע מיר גיבען זיי צו עסען. נאָר דער מענש איז דומער פֿון אַ בהמה, נאַרישער פֿון אַ שעפּס, וויניגער קלוג ווי די ערד, דען ער גיט אַוועק די קראַפֿט פֿון זיינע מוסקלען און נערווען אונטער איהר נאַטירליכען ווערטה.

דער פֿאַבריקאַנט האָט אַלזאָ אַ דירעקטע אינטערעסע איינצושפּאָרען דעם טהייערען רוישטאָף און אַריינצולעגען מעהר מענשליכע אַרבייטס־קראַפֿט אין דער פּראָדוקציאָן. דערפֿאַר פֿערפֿעלשט ער דאָס אַרבייטס־מאַטעריאַל, פֿערקלענערט די קוואַנטיטעט און גיט די פּראָדוקטען דורך קאָמפּליצירטע אַרבייטס־מעטהאָדען, ד. ה. דורך אַ וואַהנזיניגע

פֿערשווענדונג פֿון מענשליכער אַרבייטס־קראַפֿט אַ גוטען אויסזעהען. אין דעם פֿאַרטיגען שטיק שטאָף, וועלכעס דער ענגלישער פֿאַבריקאַנט ברייננט אויף'ן מאַרק, געפֿינט זיך אַזוי ווייניג ווי מעגליך בוימוואָל און אַזוי פֿיל ווי מעגליך מענשען־קראַפֿט. דער שטאָף איז ביליג, דערפֿאַר ווייל דעם פֿאַבריקאַנט קאָסט די אַרבייטס־קראַפֿט פֿון זיינע מענשליכע שקלאַפֿען פֿיל וויינינער ווי די ערד, וועלכע גיט איהם די בוימוואָל.

עס איז אָבער גאָר ניט נויטיג, אַז די פּראָדוקטען זאָלען זיין אַזוי ביליג, דען די ביליגקייט איז די אורזאַכע פֿון פֿערשווענדונג. זאָגאַר דער פּראָ־לעטאַריער וועקסעלט אין דער היינטיגער קולטור פֿיל עפֿטער זיינע קליידער און זיינע הויזגעצייג, ווי עס איז אונבעדינגט נויטווענדיג. מיר וואַרפֿען אַוועק פֿילע זאַכען, וועלכע וואָלטען אונז נאָך געקענט נוצען, איינפֿאַך דערפֿאַר, ווייל זיי זיינען זעהר ביליג. אָבער טראָץ דער בעריהמטער ביליגקייט האָט דער אייראָפּעער אַם ענדע פֿון יאָהר דאָך אַזוי פֿיל אויסגעגעבען פֿאַר די פֿערשידענע געברויכס־אַרטיקלען, אַלס ווען זיי וואָלטען טהייערער געווען, דען אין דיזען פֿאַל וואָלט ער זיך לענגער בענוצט מיט זיי. דאָס איז אַלזאָ דאָס פּראַקטישע רעזולטאַט פֿון דער ביליגקייט, וועלכע איז דער שטאָלץ פֿון אונזער גאַנצען עקאָנאָמישען לעבען. פֿאַר דעם קאָנסומענט איז די ביליגקייט פֿון די פּראָדוקטען קיין פֿערלייכטערונג, זי ברייננט איהם ניט דעם קלענסטען פֿאָרטהייל, דען זי ענטוויקעלט נאָר אין איהם די טיראַנישע געוואוינהייט צו פֿערשווענדען די פּראָדוקטען פֿון דער מענשליכער אַרבייטס־קראַפֿט; פֿאַר דעם פּראָ־דוצירער איז די ביליגקייט אַ דירעקטער פֿלוך, דען זי פֿערקלענערט שטענדיג דעם פּרייז פֿון דער אַרבייט און צווינגט איהם צו אימער גרעסערע אַנשטרייגונגען. און ווייל יעדעס אינדיווידואום, וועלכעס בעלאַנגט ניט צו דער קליינער מינאָריטעט ליידיגעהער, איז אין דערזעלבער צייט פּראָדוצירער פֿון איין זאָרט און קאָנסומירער פֿון אַנדערע זאָרטען פּראָדוקטען, דערפֿאַר האָט די גאַנצע בעריהמטע ענטוויקלונג פֿון דער גרויס־אינדוסטרי אַבסאָלוט קיין ווערטה ניט, דען זי פֿערוואַנדעלט דאָס גאַנצע לעבען אין אַ ווילדע יאַגד, וואו יעדער איינער איז אין דערזעלבער צייט הירש און יעגער, יעדער איינער פֿערלירט די נשמה, יאָגענדיג זיך נאָך די אַנדערע און געהט צולעצט אויס פֿון די קרעפֿטען.

לענגערע און האַרטערע אַרבייט פֿאַר דעם פּראָדוצירער און וואַהנזיניגע פֿערשווענדונג פֿון די פּראָדוקטען, דאָס איז די קאָנזעקווענץ פֿון אונזער מאָדערנע אינדוסטריעלע ענטוויקלונג, וועלכע גרינדעט זיך אויסשליסליך אויף די מאַסען־פּראָדוקציאָן און אויף די ביליגקייט פֿון די פֿערשידענע פּראָדוקטען. לאָמיר אָננעהמען פֿאַר אַ ווילע, אַז די פּרייזען פֿון די אינדוסטרי־פּראָדוקטען וואָלטען פּלוצלינג געוואָרען פֿירמאָל אַזוי הויך, ווי זיי זיינען יעצט און די פּרייזען פֿון די לעבענס־מיטלען וואָלטען געבליבען דיזעלבע, ווייל די ענטוויקלונג פֿון דער אַגריקולטור וואָלט געהאַלטען

גלייכע טריט מיט דער אינדוסטרי. וואָס פֿאַר אַן אונגליק וואָלט דאַן געווען? איך, פֿאַר מיין פּערזאָן, זעה ניט קיין אונגליק אין דעם, זאָנדערען אַ גרויסען פֿאָרטהייל פֿאַר אונזער גאַנצע וויטערע ענטוויקלונג. יעדער איינער וואָלט דאַן זיינע קליידער איינמאָל אָנשטאָט פֿירמאָל אים יאָהר געוועקסעלט א.ז.וו. דער אינדוסטרי־אַרבייטער וואלט בעקומען פֿירמאָל אזוי פֿיל לוין ווי היינט, ד. ה. אויב ער מוז היינט אַרבייטען 12 און 14 שטונדען אַ טאָג, אום צו מאַכען אַ לעבען, וואָלט ער דאַן געדאַרפֿט אַרבייטען 3 אָדער 4 שטונדען טעגליך, אום צו בעפֿרידיגען זיינע לעבענס־בעדירפֿניסע. לויט די צאָהלען נאָך וואָלט אַלעס געבליבען, ווי עס איז געווען בעפֿאָר; די אויסגאַבען פֿון די קאָנסומענטען וואָלטען געווען די־זעלבע. אָבער טראָץ דעם וואָלט דיזע נייע איינריכטונג געהאַט אַ וואונדערבאַרעס רעזולטאַט, דען דער אַרבייטער וואָלט מעהר ניט געווען קיין געוועהנליכער שקלאַף, זאָנדערען אַ פֿרייער מענש, גלייך צו אַלע אַנדערע. ער וואָלט צייט געהאַט צו דיינקען, צייט, זיך צו ענטוויקלען, אַ גאַנצע וועלט, פֿון וועלכע ער איז היינט אויסגעשלאָסען, וואָלט זיך אויפֿגעדעקט פֿאַר איהם. ער וואָלט געקענט נעהמען אַן אַנטהייל אין די העכערע פֿערגעניגענס פֿון׳ם קולטור־לעבען, געקענט בעזוכען מוזעומס און טעהאַטערע, ער וואָלט אָנגעפֿאַנגען צו דיינקען, פֿיהלען און פֿאַנטאַזי־רען, מיט איין וואָרט, ער וואָלט מעהר ניט געווען קיין דומע מאַשינע, זאָנדערען אַ ווירקליכער מענש, גלייך און פֿריי מיט אַלע אַנדערע מענשען.

מען מוז די אַרבייטער צורופֿען: זייט פֿאָרזיכטיג! די מאָדערנע גרויס־אינדוסטרי איז אַ געפֿעהרליכע חיה, וועלכע וועט אייך פֿערניכטען. בעפֿרייט זיך פֿון איהר, אָדער זי וועט אייך נאָך פֿערשלינגען. וואָס מעהר איהר אַרבייט היינט, אַלס ביליגער וועלען אייערע פּראָדוקטען פֿערקויפֿט ווערען, אַלס וואַהנזיניגער וועט מען פֿערשווענדען די מענשליכע אַרבייטס קראַפֿט, אַלס לענגערע שטונדען מוזט איהר אַרבייטען מאָרגען, אום צו מאַכען אַ קלעגליכען לעבען. אַרבייט אַזוי ווייניג ווי נור מעגליך! געהט אַרום לעדיג. פֿערקלענערט אייערע אַרבייטס שטונדען אויף אַ העלפֿט אָדער אַ פֿירטעל! אייער לוין וועט בלייבען דערזעלבער, אויב יעדער וועט נאָר פֿערברויכען אַזוי פֿיל ווי ער מוז און אַרבייטען אַזוי פֿיל ווי ער דאַרף, אום צו מאַכען אַ לעבען.

הונגער און ליבע

—)::(—

די פּראָפֿעסאָרען דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמי האָבען אַן אַנדער מיינונג אין בעצוג אויף קורצע אַרבייטס־שטונדען. זיי האָבען מורא, אַז מענשען זאָלען אַרומגעהן לידיג און זייער העכסטער אידעאַל איז

אויסצונוצען די מענשליכע אַרבייטס־קראַפֿט, ווי וויט עס איז נאָר מעגליך. זייער גאַנצע לעהרע גרינדעט זיך אויף צוויי גרונדזעצע. קויף אַזוי פֿיל ווי דו קענסט נאָר, אויב דער פֿערברויך איז גערעכטפֿערטיגט דורך ווירקליכע בעדירפֿניסע אָדער ניט; פּראָדוציר אַזוי פֿיל ווי דו קענסט, אויב מען דאַרף דיינע פּראָדוקטען אָדער ניט.

דיזע קלוגע מענער מאַכען קיין אונטערשייד ניט צווישען אַ פֿייערווערק, וואָס האָט דעם צוועק פֿערברויכט צו ווערען אין אייניגע מינוטען, אום צו בעפֿרידיגען די נייגיריגקייט פֿון אַ פּאָר דומקעפּ און ליידיגגעהער, און אַ מאַשינע, וועלכע פּראָדוצירט יאָהרען לאַנג ניצליכע מעבעל, בעטען, טישען א.ז.וו. דאָס פֿייערווערק רעפּרעזענטירט דעם ווערטה פֿון 50.000 מאַרק, ד.ה. אויסער דעם רויששטאָף רעפּרעזענטירט עס די אַרבייטס־קראַפֿט פֿון 50 אַרבייטער, וועלכע האָבען פֿערוועגדעט אַ יאָהר צייט פֿאַר דעם און רעזוקירט זייער לעבען ביי דיזע געפֿעהרליכע בעשעפֿטיגונג. די מאַשינע קאָסטעט נאָר 10.000 מאַרק. דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָם מאַכט גלייכגילטיג זיינע רעכנונגען און זאָגט: דאָס פֿייערווערק איז פּונקט פֿינף מאָל אַזוי פֿיל ווערטה ווי די מאַשינע, דען איןביידע פֿעלע איז די אַרבייט צוועק־מעסיג פֿערוועגדעט געוואָרען. די פּראָדוקציאָן פֿון דעם פֿייערווערק האָט דעם לאַנד געבראַכט פּונקט דעמזעלבען געווין, ווי די פּראָדוקציאָן פֿון פֿינף מאַשינען; און אויב עס וואָלט נאָר מעגליך געווען צו בעשעפֿטיגען אַ מיליאָן אַרבייטער מיט דער פּראָדוקציאָן פֿון פֿייערווערק, ווען עס וואָלט נאָר מעגליך געווען צו פּראָדוצירען און צו פֿערקויפֿען אַ מיליאַרד פֿון דיזע פּראָדוקטען אַ יאָהר, וואָלט עס געווען אַ גליק פֿאַר די לאַנד און מיר וואָלטען געדאַרפֿט גראַטולירען די אַרבייטער פֿאַר זייער פּראָדוקטיווע טהעטיגקייט אין דיזער אינטערעסאַנטער אינדוסטריע.

די פֿאָרם פֿון דיזער געדאַנקען־ספּעקולאַציאָן איז גאַנץ ריכטיג; אָבער דער אינהאַלט איז דער ערגסטער סאָפֿיזמוס, וואָס אַ מענש קען נאָר אויסטראַכטען.

געוויס, ווען מען בעקומט פֿאַר אַ ראַקעטע פּונקט אַזוי פֿיל געלד ווי פֿאַר אַ הוהן, דאַן איז די ראַקעטע פּונקט אַזוי פֿיל ווערטה ווי אַ הוהן און אַ מענש, וועלכער האָט פּראָדוצירט אַ ראַקעטע, האָט פּונקט אַזוי פֿיל בייגעטראָגען צום נאַציאָנאַל־רייכטהום, ווי דער, וועלכער האָט אויפֿגעהאָדעוועט אַ הוהן. אָבער טראָץ דעם איז דאָס אַלעס ניט מעהר ווי אַ געמיינער ליגען. ניין, פֿאַר די מענשהייט בלייבט עס ניט עגאַל, צו מיר פּראָדוצירען ראַקעטען, צו מיר האָדעווען היהנער. ניין, דער פֿיהרער, וועלכער צייגט די רייכע טוריסטען דעם וועג אויף די בערג, האָט ניט דיזעלבע בעדייטונג, ווי דער הייצער פֿון אַ ניצליכער מאַשינע, אָב־וואָהל ער פֿערדינט אפשר פֿיל מעהר ווי דער לעצטער.

איך וויים גאַנץ גוט, אַז דיזער אונטערשייד איז אַ טויטעס־אורטהייל פֿאַר די גאַנצע לוקסוס־אינדוסטריע; אָבער איך לייקען עס גאָר ניט אָב.

לויט מיין מיינונג האָט קיין מענש אַ רעכט צו בעפֿרידיגען זיינע פערזענליכע קאַפּריזען, אַזוי לאַנג ווי עס גיט נאָך מענשען, וועלכע זיינען ניט אימשטאַנדע צו בעפֿרידיגען זייערע נויטווענדיגע אָרגאַנישע בעדירפֿניסע. עס איז לעכערליך און אַבסורד צו בעשעפֿטיגען אַן אַרבייטער מיט דער פּראָדוקציאָן פֿון פֿייערווערק, אַזוי לאַנג ווי עס געפֿינען זיך נאָך מענשען, וועלכע געהען אוים פֿון הונגער, דערפֿאַר ווייל עס גיט ניט גענוג אַר־בייטער צו קולטיווירען די ערד. עס איז איינפֿאַך פֿערברעכעריש, צו צווינגען אַ פֿאַבריק־אַרבייטער, ער זאָל אַרבייטען 12 און 14 שטונדען אַ טאָג, אום צו פּראָדוצירען זיידענע שטאָפֿען, ווייל אַזעלכע שטאָפֿען מאַכען אַ בעסערען איינדרוק אויף אונזער שעהנהייטס־געפֿיהל, און אין דערזעלבער צייט זאָלען מענשען ניט האָבען קיין שטיקעל אָרט, וואו אַוועקצולייגען די מידע גלידער.

די גרויסע עקאָנאָמישע אויפֿגאַבע פֿון דער מענשהייט בעשטעהט ניט אין דעם, צו פּראָדוצירען פּראָדוקטען און זיי צו פֿערקויפֿען פֿאַר אַ געוויסען פּרייז, ניין, דער מענש מוז צוערשט בעפֿרידיגען זיינע אָרגאַנישע בעדירפֿניסע מיט דער הילפֿע פֿון זיין אַ־בייט.

עס גיט נאָר צוויי ווירקליכע בעדירפֿניסע: די ערנעהרונג און די פֿאָרטפּלאַנצונג. די איינע האָט די אויפֿגאַבע צו ערהאַלטען דאָס אינדיוויר־דואום, די אַנדערע — צו ערהאַלטען די ראַסע. שיינבאַר קוקט עס אויס, אַלס ווען דער מענש האָט אייגענטליך נאָר איין ווירקליכעס אָרגאַנישעס בעדירפֿניס, די ערנעהרונג, און דאָס די בעפֿרידיגונג פֿון דעם פֿאָרט־פּלאַנצונגס־אינסטינקט איז ניט קיין אַבסאָלוטע נויטווענדיגקייט, אָבער נאָר שיינבאַר, דען דער פֿאָרטפּלאַנצונגס־אינסטינקט איז אין דער ווירקליכקייט נאָך פֿיל מעכטיגער, ווי דער אינסטינקט פֿון דער אינדיווידועלער זעלבסט־ערהאַלטונג, פּונקט ווי די גאַנצע ראַסע בעזיצט מעהר קראַפֿט אַלס דער איינצעלנער אינדיווידואום.

מיר האָבען עס ביז יעצט נאָך קיינמאָל ניט ערלעבט, דאָס אַ גרעסערע צאָהל מענשען, צ.ב.ש. אַ גאַנצער פֿאָלקס־שטאַם, זאָל עקזעסטירען אַ לענגערע צייט, ניט האָבענדיג קיין געלעגענהייט צו בעפֿרידיגען זייערע געשלעכטליכע בעדירפֿניסע. ווען עס זאָל אָבער יאָ אַמאָל טרעפֿען אַזאַ פֿאַל פֿון נאַציאָנאַלען „געשלעכטס־הונגער,“ דאַן וואָלטען מיר געזעהען האַנדלונגען און ליידענשאַפֿטען, געגען וועלכע די שרעקליכסטע סצענען פֿון הונגער וואָלטען ניט מעהר געווען ווי אַן איינפֿאַכע קינדער שפּילעריי.

דיזע ביידע גרויסע אָרגאַנישע בעדירפֿניסע מוז דער מענש אַלזאָ בעפֿרידיגען, אַלעס אַנדערע האָט נאָר אַ קלענערע בעדייטונג. אַ מענש, וועלכער האָט זיך אָנגעגעסען, ליידעט ניט פֿון קעלט, האָט אַ פּלאַץ זיך צו שיצען געגען ווינד און רעגען און לעבט צוזאַמען מיט אַן אינדיווידואום פֿון דעם אַנדערען געשלעכט, קען זיך פֿיהלען גאַנץ גליקליך און צופֿרידען.

אַ מענש, וועלכער הונגערט, קען זיך ניט פֿיהלען גליקליך און צופֿרידען, אפילו איהר זאָלט איהם אָנטהאָן די טהייערסטע קליידער און איהם אַריינשטעלען אין אַ גלענצענדען פּאַלאַסט אָדער אין אַ מוזעאום פֿון'ם רוימישען וואַטיקאַן. דיזע וואַהרהייט איז אַזוי קלאָר, דאָס אפילו אַ קינד קען איהר פֿערשטעהען. עס איז די קווינטעסענץ פֿון לאַפֿאָנטיין'ס פֿאַבעל פֿון די הוהן, וועלכע האָט געפֿונען אַ פּערל און ערגערט זיך, פֿאַר וואָס ער איז ניט געווען קיין קערענדעל. און דאָך ווילען אונזערע פּראָפֿעסאָרען ניט וויסען פֿון דיזער וואַהרהייט און קיינעם פֿון זיי איז עס ביז יעצט געקומען אויף'ן געדאַנק, צו פֿערגלייכען זיין עקאָנאָמישע וויסענשאַפֿט מיט דער איינפֿאַכער וואַהרהייט פֿון לאַפֿאָנטיין'ס פֿאַבלען. ווען מיר ווענדען אָנווענדען דיזע פֿאַבעל פֿון די הוהן און די פּערל אויף די מאָדערנע קולטור-מענשהייט, הייסט זי איינפֿאַך: וויניגער בוימוואָל פֿון מאַנטשעסטער, וויניגער מעסער פֿון שעפֿילד און מעהר ברויט און פֿלייש פֿאַר אַלעמען.

די פּראַקטישע ערפֿאַהרונג פֿון'ם לעבען וועט אונז באַלד צייגען, וואָס די טהעאָרי האָט אונז ביז יעצט נאָך ניט געצייגט, זי וועט און מוז אונז באַלד איבערצייגען, אַז די פֿונדאַמענטאַלע גרונדזעצע פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער נאַציאָנאַל-עקאָנאָמי, וועלכע אונזערע געלעהרטע בעטראַכטען היינט אַלס אַבסאָלוטע וואַהרהייטען, זיינען פֿאַלש און פֿערקעהרט. שוין היינט ווערט איבעראַל צו פֿיל געאַרבייט און פּראָדוצירט. כמעט יעדעס קולטור-לאַנד פֿערזוכט היינט צו פֿערקויפֿען זיינע אינדוסטריעלע פּראָדוקטען אין אויסלאַנד און איז געצוואונגען צו בעציהען לעבענס-מיטלען פֿון אַנדערע לענדער. מען צוברעכט זיך שוין היינט דעם קאָפּ, ווי אויסצוגעפֿינען נייע מאַרקעטס און מען קען רוהיג בעהויפּטען, דאָס די גרויס-אינדוסטרי פֿון די הויפּט-פֿעלקער אין אייראָפּאַ אַרבייטעט געגענווערטיג כמעט אין גאַנצען צו פֿערזאָרגען די אינערליכע טהיילען פֿון אַפֿריקאַ און אַנדערע ווילדע און האַלב-ווילדע לענדער מיט פּראָדוקטען. און דיזער צושטאַנד פֿערערגערט זיך פֿון טאָג צו טאָג אַלס מעהר. מיט דער צייט ענטוויקעלט זיך די אינדוסטרי אויך אין אַזעלכע לענדער, וועלכע האָבען זיך ביז יעצט ניט בעשעפֿטיגט מיט דער פּראָדוקציאָן פֿון אינדוסטרי-פּראָדוקטען. די אַרבייטס-מעטהאָדען ווערען נאָך מעהר פֿערבעסערט און די מאַשינען ווערען נאָך פֿאָלקאָמענער געמאַכט ווערען. און וואָס וועט זיין דאַן? דאַן וועט יעדעס לאַנד זיין אימשטאַנדע צו בעפֿרידיגען זיינע אייגענע אינדוסטריעלע בעדירפֿניסע און וועט נאָך פּראָדוצירען אַן איבערפֿלוס אין פּראָדוקטען, אָבער עס וועט זיך ניט מעהר געפֿינען קיין אַנדער לאַנד, וועלכע וועט זיי קויפֿען. דער לעצטער קאָנגאָ-נעגער, וועלכער געהט היינט נאָך אַרום נאַקעט, וועט דאַן בעזיצען זיינע 50 יאַרד בוימוואָל-שטאָף און אַ ביקס; דער לעצטער פּאַפּואַ אין אויסטראַליען וועט טראָגען געלע שיך און אַ פּאַפּירענעם קאָלנער. דער אייראָפּעער

וועט זיך קויפען יעדע וואָך אַ נייעם אַנצוג, ווען ער וועט לעזען אַ צייטונג, וועט אַ מאַשינע איהם איבערמישען די בלעטער א.ז.וו.

דאָס וועט זיין דאָס גאָלדענע צייטאַלטער פון אונזערע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען, וועלכע טרוימען פון אַ פּראָדוקציאָן אָהנע גרענעצען און פון אַ קאָנסומציאָן אָהן אַ ציל. אין דיזעם גאָלדענען צייטאַלטער וועלען גאַנצע לענדער בעדעקט זיין מיט די קוימענס פון די פאַבריקען, אַנשטאַט מיט גרינע בוימער; די פעלקער וועלען זיך ערנעהרען מיט כעמישע עקסטראַקטען אַנשטאַט מיט ברויט און פלייש; מען וועט אַרבייטען 18 שטונדען אַ טאָג און שטאַרבען ניט וויסענדיג, אַז מען האָט איבערהויפּט געלעבט.

אָבער פיליכט וועלען מיר ניט דאַרפען וואַרטען אויף דיזע גאָלדענע צייט, פיליכט וועט דער מענש שוין ענדליך אָנפאַנגען צו בעגרייפען, אַז די איינזייטיגע ענטוויקלונג פון דער מאָדערנער אינדוסטרי איז ניט מעהר ווי אַ מאַסען־זעלבסטמאָרד פון דער מענשהייט און אַלע אַרגומענטען פון די נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען צו רעכטפערטיגען אַזאַ צושטאַנד, גרינדען זיך אויף בעטרוג און שווינדעל.

מען האָט שוין היינט אָנגעפאַנגען צו בעגרייפען, דאָס אַ פאָלק, וועלכעס פערקויפט זיין פרוכט און קאָרן אין אויסלאַנד, אַ פאָלק, וועלכעס פאָדערט מעהר פון דער ערד, ווי זי גיט איהר צוריק אין דער פאָרם פון אַנדערע שטאָפען, אַזאַ פאָלק מוז ווערען מיט דער צייט אָרעם און עלענד און ווען זיינע בירגער זאָלען זאָגאַר איינעהמען בערג מיט גאָלד אַ יאָהר

ביסלעכווייז וועט מען אויך אָנפאַנגען צו בעגרייפען, אַז דער מאַסען־פערקויף פון אַרבייטס־קראַפט, דער פערקויף פון מוסקלען און נערווען אין דער געשטאַלט פון אינדוסטרי־פּראָדוקטען מאַכט אַ לאַנד מיט דער צייט אָרעם און אונגליקליך, ווי פיל געלד זיינע איינוואָהנער זאָלען דערפאַר ניט איינעהמען.

דער איראָפּעאישער פאַבריק־אַרבייטער איז שוין היינט דער שקלאַף פון דעם נעגער אין אַפריקאַ; ער שטילט זיין הונגער מיט קאַרטאָפלען און שנאַפּס, ער פערברייננט זיין גאַנצעס לעבען אין אַ שמוציגער פאַבריק און שטאַרבט צולעצט פון דער שווינדזוכט, אום אַ ווילדער אין אַפריקאַ זאָל קענען לעבען בעקוועמער, ווי ער לעבט שוין יעצט. די פיבערהאַפטע אַרט און ווייזע פון אונזער פּראָדוקטיווע טהעטיגקייט, וועלכע בעשעפטיגט זיך פיל צו ווייניג מיט דער פּראָדוקציאָן פון נאַהרונגס־מיטלען און וועלכע שאַפט אַ זאָגענאַנטע „איבערפּראָדוקציאָן" פון אינדוסטריעלע־אַרטיקלען, מוז צו לעצט שאַפען אַ נאַציאָן פון „געלד־רייכע" הונגער־ליידער. די וועלט וועט דאַן ערלעבען דאָס שוישפּיל פון אַ לאַנד, וואו אין יעדען צימער וועט שטעהן אַ פּיאַנאָ פון דער נייעסטער קאָנסטרוקציאָן, די מענשען וועלען זיך יעדען טאָג בענוצען מיט נייע קליידונגס־שטאָפען א.ז.וו. אָבער

זיי וועלען אַרומגעהען מיט קראַנקע לונגען, ניט האָבענדיג קיין מאַרך אין די ביינער און קיין בלוט אין די אָדערען.

שלום.

די אַלגעמיינע אונצופרידענהייט מיט די יעצטיגע עקאָנאָמישע צושטענדע ענטוויקעלט זיך פון טאָג צו טאָג אַלס מעהר. דער בעזיצלאָזער פראָלעטאַריער בעגרייפט, דאָס ער איז דער אייגענטליכער בעשעפער פון אַלע רייכטהימער און אימער הויכער און דייטליכער פאָדערט ער זיין אַנטהייל.

עס איז קיין צווייפעל, דאָס מיר שטעהען פאַר דעם אויסברוך פון גרויסע קאַטאַסטראָפען אין אונזער ווירטשאַפטליכען לעבען און מיר וועלען באַלד ניט מעהר זיין אימשטאַנדע זיי לענגער אָבצוהאַלטען. אַזוי לאַנג ווי די מאַסען זיינען נאָך בעאיינפלוסט געוואָרען פון די רעליגיעזע אידעען, אַזוי לאַנג איז עס מעגליך געוועזען זיי צו טרייסטען מיט די אונבעשטימטע פערשפּרעכונגען פון אַ יענער וועלט. היינט אָבער, ווען דאָס ליכט דער אויפקלערונג בעלייכטעט אַלע ווינקלען פון אונזער דאַזיין, היינט ווערט די צאָהל פון די גערולדיגע אימער קליינער און עס גיט ניט מעהר פילע מענשען, וועלכע גלויבען, דאָס אַ געבעט האָט דעמ־זעלבען ווערטה ווי אַ גוטער דינער און דאָס אַ פּלאַץ אין גן עדן איז בעסער ווי דער בעזיץ פון אַ פרוכטבאַרען אַקער אויף דיזער וועלט.

די בעזיצלאָזע פאַנגען אָן זיך צו צעהלען און זיי געפינען אויס, דאָס זיי זיינען שטאַרקער און מעכטיגער פון די רייכע. זיי אונטערזוכען די קוועלען פון דעם מאָדערנען רייכטהום און קומען צו דעם שלוס, דאָס אויסביימונג, ספּעקולאַציאָן און ירושה זיינען פונקט אַזוי וויניג בערעכטיגט ווי רויב און גניבה.

די שטענדיגע פערגרעסערונג פון דעם סאָציאַלען עלענד און די אונערטרעגליכקייט פון אונזערע ווירטשאַפטליכע אונגערעכטיגקייטען איז דער פרוכטבאַרסטער באָדען פאַר דעם זאָמען פון דער אַלגעמיינער אונצופרידענהייט; אין אין דעם טאָג, ווען די מאַסע וועט בעגרייפען די ריכטיגע אורזאַכען פון זייער עלענד, גיט עס קיין מאַכט אין דער וועלט, וועלכע איז שטאַרק גענוג זיי צוריק צו האַלטען. דער הונגער איז איינע פון די וויניגע עלעמענטאַרע קרעפטען, וועלכע לאָזען זיך ניט פאַר אימער בעזיגען דורך דראָהונגען און פוסטע פערשפּרעכונגען. און דיזע קראַפט וועט אויך וואַהרשיינליך צושטערען די פונדאַמענטען פון די גאַנצע מאָדערנע געזעלשאַפט, וועלכע גרינדעט זיך אויף אָבערגלויבען און אויסביימונג, מיט וועלכע די פילאָזאָפען קענען אַליין ניט פאַרטיג ווערען.

— ע נ ד ע —